84(2Рос=Евр)
Б822

...וואלוואדאָר באָרגשטס



# ריאָ-דע-זשאַניירא

אוקרמזעירכענאצמינדפארלאג

סאלוואדאָר באָרזשעס

# ריאָ-דע-זשאנייראָ

ראָמאַנ

Профсоюз работни...
...лучье
12063

מעלוכע-פארלאג פאר די נאציאָנאלע מינדערהייטנ אינ אוסר"ר
קיִעוו 1936 כארקאָוו

פאראנטוו. רעדאקטער — ל. מ י ש ק אָ וו־
ס ק י. טעכנישער רעדאקטער — א י. ב ו ר־
ג א נ ס ק י. קאָרעקטער — ב. ס ט ע פּ א נ־
ס ק י. הילע פונ קינסטלער — ס ע ג א־
ל אָ ו י ט ש. באפולמ. פונ הויפּטליט
№ 107. פארלאג־E־35 №. טיראזש
2000. 8 דרוקבויגנ צו 61 ט. דרוק־צייכנס.
פאפיר 72X110—50 קג. אָפּגעגעבנ אינ
זאצ 20 יאנואר 1936. אונטערגעשריבנ
צומ דרוק 20 יוני 1936. 11־טע דרוקעריי
אופּ״ט, בערדיטשעוו. באשט. № 528

# קאפיטל איינס

## I

אין נאטור־שיינעם ארום פון ריאָ־דע־זשאניירא 1), אין א טאָל. צווישן צוויי הויכע אייביק־גרינע בערג, שלענגלט זיך די אספאלטירטע גאס קאָסמע־וועלהא. אין דער לינקער זייט פון דער גאס געפינט זיך דער באוווסטער אכטהונדערט־מעטערדיקער בארג קאָריקאָוואדע. דער שפיץ פון דעם בארג איז קעסיידער איינגעהילט אין וואָלקנס; אפ דעם בארג קלעטערט ארופ א טראמוויי אין א שנור אייזערנע ציינ, ער קריכט אפ גלייכע פעלדזנ, וואָס וואַקסנ אויס אפנ וועג, ביז ער קומט צום שפיץ, ווו עס געפינט זיך די שטיינערנע „גירלאנדע". אין דער רעכ־טער זייט ליגט ראכוועסדיק צעשפרייט א לאנגער אויסגעצויגע־נער בארג. אין ביידע זייטנ פון דער גאס, טיפ אין געדיכטע גערטנער, צווישנ אלערליי פרעכטיקע טראָפּישע געוויקסנ שטייענ־פעסטע, איינגעבירגערטע פאלאצנ.

אין דער מיט פון דער גאס, אין א פארלאָזטנ גאָרטנ שטייט אנ אָפּגעריסענער, האלב־איינגעפאלענער פאלאצ. די כורווע איז, ווי א מיעסע לאטע צווישנ די פריש־געפארבטע געביידעס מיט די מירמלשטיינערנע קארניזנ אונ גראניט־קאָלאָנעס. אמאָל, מיט יאָרנ צוריק, האָט אין דעם פאלאצ געוווינט א „וויל־געבוירענע" פאמיליע. פונ פארטאָג ביז שפעט אין דער נאכט פלעג א צענדליק דינער אין ווייסע פארטעכער אומלויפנ פארשמייעט אונ פאר־

---

1) די הויפּטשטאָט פון בראזיליע.

האוועט אונ באדינענ א קלײנינקע אדעליקע פאמיליע. אז דער פאלאצ איז אלט געוואָרנ, האָבנ זײַנע באלעבאטימ אפ אימ גע־וואָרפנ אנ אומכײנ אונ אימ פארלאָזט. די גרויסע זאלנ זײַנענ דורכ די אײגנטימער פאנאנדערגעטײלט געוואָרנ אינ קלײנע צי־מערלעכ, אונ דער פאלאצ האָט באקומענ דעמ נאָמענ „קאזא־דאָ־קאָמנאטעס" — דאָס הויז פונ צימערנ. אינ די צימערלעכ האָבנ ארבעטער־געזינדנ זיכ ארײַנגעצויגנ, אונ אפנ געפלאסטערטנ הויפ שטײענ איצט הילצערנע וואש־פעסער.

נעבנ די וואש־פעסער ליגנ בערגלעכ קויטיק גרעט. וועשערנס מיט צעקנײטשטע פענעמער, אפ וועלכע עס הענגט די זאָרג, דער שווערער לאסט פונעמ כוישעכדיקנ לעבנ, שטײענ געבויגנ. זײער־רע דארע צעקנײטשטע הענט מיט אָנגעבלאָזענע בלויע אָדערנ באוועגנ זיכ פלינק. א ראש, א זשומ טראָגט זיכ פאנאנדער פו־נעמ קאָכנ אונ פונעמ רײַבנ אפנ רײַב־ברעטל, פונעמ שווענקענ; פו־נעמ אײַנגעווײקטנ קויטיקנ גרעט טראָגט זיכ א שווערע שטיקנ־דיקע לופט. דער אמאָל פרעכטיקער גאָרטנ איז איצט פאר־צויגנ מיט לאנגע שטריק, באהאנגענע מיט אויסגעוואשנ גרעט; באנאנד מיט די פרעמדע גווירישע זײַדענע אונ טריקאָלינע העמ־דער הענגט דאָס צעריסענע פארלאטעטע גרעט פונ די אײַנוווי־נער. בלאסע קינדערלעכ אינ קורצינקע העמדלעכ שפרינגענ ארומ אפנ ווילד־פארוואָקסענעמ גראָז.

דער אלטער פאלאצ האָט פארלוירנ דעמ שטאָלצ פונ זײַנע באלעבאטימ — די אדל־לײַט, וואָס האָבנ אימ געבויט. ער האָט באקומענ דעמ אויסזענ פונ זײַנע אײַנוווינער. שטײט זיכ איצט דער פאלאצ פרעמד אָפגעזונדערט, האָט זיכ זײַנ אײגענעמ אָטעמ, דעמ אָטעמ פונ דעמ קלאס, צו וועלכנ עס געהערנ זײַנע אײַנ־וווינער, זײַנ אײגענע לופט, א לופט, וואָס שטיקט די שכײנימ פונ די רײַכע פאלאצנ. ווי נאָר די נאכט הילט אײַנ די שטאָט אינ פינצ־טערניש, קומענ זיכ צונויפ די אײַנוווינער פונ דער קאזא־דאָ־קאָמנאטעס. אנ אָרעמע שײַנ פונ קעראָסינ־לעמפלעכ הײבט אָנ

ארויסקוקנ פונ די פענצטער. אָט ווערט די קארגע טונקעלע שייַנ אויסגעלאָשנ. נאָכ א לאנגנ שווערנ טאָג ארבעט פאלנ די אייַנ־ווינער ארייַנ אינ א מידנ שלאָפ. באגינעג — אינ איינער אונ דער זעלבער צייַט, ווי א מאשינ — כאפנ זיי זיכ אופ. טירנ הייבנ אָנ רודערנ, די ארבעטער איילנ צו דער ארבעט.

ס'איז אָוונט. אינ איינעם א צימערל פונ דעם „פאלאצ" שטייט־איצט די אלמאָנע פיאטיגאָרסקע. נאָרוואָס איז זי פונ דער ארבעט א מידע אהיימ געקומענ. זי האָט אָנגעצונדנ דאָס קעראָסינ־לעמפל אונ פארזאָרגט געבליבנ זיצנ באמ טישל. שאָטנס האָבנ זיכ אינ איר מאָגער, אויסגעצויגנ פאָנעמ טיפ פארקליבנ. זי האָט א שווערנ אָטעמ געטאָנ אונ צו זיכ צוגערופנ איר צעניאָריק ייִנגעלע. אנ אויסגעצערטע האנט האָט אָנגעהויבנ גלעטנ דעמ קינדס בלאָנד־געקרייַזלט קעפל, אונ טרערנ האָבנ זיכ געלאָזט רינענ איבער אי־רע באקנ.

— מארקוסל, — א פאָר מיגוט ווארגט זי זיכ מיט טרערנ, — זונ מייַנער, איכ האָב נאָרוואָס גערעדט מיט ארנזאָנענ, דעמ פרויענ־שנייַדער, ער נעמט דיכ צו פאר א לערנייִנגל. מאָרגנ אינ־דערפרי וועסטו שוינ גיינ צו דער ארבעט. — זי האָט א זיפצ גע־טאָנ: ווענ דער טאטע האָט געלעבט אונ געגעבנ לעקציעס, האָבנ מיר נאָכ ווי עס איז געמאכט א לעבנ. פונ מאניקירנ די נעגל פונ די רייַכע סעניאָרעס איז שווער דורכצושטופנ דאָס לעבנ... אכ, ביטער...

א פאָר קינדערשע אויגנ, גרויסע, בלויע, פארטראכטע, האָבנ פארוווּנדערט אָנגעקוקט די וויינענדיקע מאמע. אינ דער מאמעס רייד אונ געוויינ האָט מארקוס דערפילט א שווערע לאסט, וואָס לאָזט זיכ אראָפ אפ זייַנע קינדערשע דארע אקסלענ.

— מאמע, אינ שול אריינ וועל איכ שוינ מער ניט גייג?

די מאמע האָט אייַנגעביסנ די ליפנ ביז בלוט אונ א קרעכצ געטאָנ:

— ניינ...

— מיר וואָלט זיך נאָך געוואָלט לערנען, מאמע.

— קינד מײַנס, — די מוטער דריקט צו זיך דאָס דארע קערפּערל, — דאָס לעבן איז אומדערטרעגלעך שווער... איך האָב ניט קיין מעגלעכקײַט דיך צו לערנען. — די מאמע איז ניט אימשטאנד אים צו דערקלערן גענויער און זי פארענדיקט: — אז דו וועסט אויסוואקסן, עלטער ווערן, וועסטו פארשטיין. עס עפּעס אָפּ, גיי שלאָפן, ווײַל מע דארף אופשטיין פרי.

מארקוס האָט ניט געגעסן, איז אויך ניט שלאָפן געגאנגען. זײַן הארץ האָט אומרויִק געקלאפּט, עס האָט אים ביז גאָר ווײ געטאָן, וואָס ער מוז איבעררײַסן דאָס לערנען. ער האָט דער מאַמען מער גאָרניט געזאָגט, גאָרניט געפרעגט און איז ארויס אינדרויסן.

א קלעפּיקע, פארנע נאכט. אין די קלײנינקע צימערלעך פון דעם „פּאלאץ" איז דושנע, דעם אָטעם קאם צו כאפּן. אף דעם צעמענטענעם פונדאמענט פון דעם אויסגעבויגענעם אײַזערנעם פּארקן זיצן צוויי אײַנוווינער און שלינגען גיריק די פרישע לופט. זיי קוקן אף דעם שנײַדנדיקן שימער פון די העל־באלויכטענע פּאלאצן און הערן זיך צו צו דער מוזיק, וואָס טראָגט זיך פון זיי.

— אָט ווי מע לעבט! — רײַסט זיך בא אײנעם ביטער ארויס.

דער שאָכן האָט זיך געגעבן א כאפּ, א קוק געטאָן אף זײַן כאווער, פּונקט ווי ער וואָלט געכאפּט אים באם גאנווענען זײַנע געדאנקען.

— גאנצע נעכט שפּילט מען סערענאדעס, — האָט ער אומצופרידן א בורטשע געטאָן, — מע לעבט אין ווילטאָג, מע ארבעט ניט און מע שלאָפט שפּעט אין טאָג ארײַן. וואָס פעלט זײ?...

דער ארבעטער גיט זיך א קראַץ אין נאקן.

— ווען איך גיב א קוק אף דער גאס, גיבן מיר א קום ארויף די דרײַ צענדליק יאָרן מײַנע, וואָס איך האָב אײַנגעמויערט אין די פּאלאצן, און עס גיט זיך מיר אין קאָפּ א שטעל די פראגע:

וער־זשע איז דער עמעסער באַלעבאָס פון די מויערן?.. זיי, קליינע פאַמיליעס אין אַזוינע ראַכוועסדיקע פּאַלאַצן, און מיר — גרויסע געזינדן שטיקן זיך אין טוכלע לעכלעך, האָבן קאַם אַ טאָג איבערצוקומען... ער איז אַנשוויגן געוואָרן, געבליבן זיצן פאַרטראַכט.

דער שאָכן טוט אַ דריי מיטן קאָפּ, ווײַזט אָפּ אַנטקעגן־איבער־דיקן באַשײַנטן פּאַלאַץ און גיט דערבײַ צו:

— זייערע קינדער באָדן זיך אין אַלדאָסגוטס, באַזוכן די בעסטע שולן, געפינען זיך אײַנדערהיים אונטער דער אויפזיכט פון גוווערנאַנטנס. אונדזערע לעבן אין דאַכקעס. ווי נאָר מיר ציִען זיי אַרויף צו נײַן־צען יאָר, זײַנען מיר געצוווּנגען זיי אײַנשפּאַנען אין שווערן יאָך, אָפּגעבן צו אַן אַרבעט, וואַקסן זיי אויס אומווויסנדיקע...

— איך גיי שוין אויך מאָרגן צו אַן אַרבעט! — האָט אַ קינדערש קעלכל זייער שמועס איבערגעריסן.

ביידע האָבן זיך אומגעקוקט, זיי האָבן גאָר ניט באַמערקט דאָס קליינע יאַמל, וואָס האָט זיך נעבן זיי פאַרטײַעט און זיך אײַנגעהערט אין זייער שמועס.

— דו שלאָפסט נאָך ניט?

— ווי אַלט ביסטו? — האָט דער צווייטער באַלד צוגעגעבן.

— דאָס צענטע יאָר.

ביידע אַרבעטער האָבן זיך איבערגעקוקט.

— גייסטו שוין מאָרגן צו דער אַרבעט, — האָט איינער באַדויערנדיק אַרויסגערעדט און צוגעגעבן: — שוין שפּעט, גיי שלאָפן.

מאַרקוס האָט די באַמערקונג קימאַט ווי ניט געהערט. ער איז פון די שכײנים אָפּגעגאַנגען, לאַנגזאַם שפּרײַזט ער, און זײַן קינדערשער מויעך גריבלט זיך אין די רייד, וואָס ער האָט געהערט. פּלוצעם האָט זיך אײַנגעשניטן אין דער אָפּדערנאַכטיקער שטילקײַט דער מאַמעס רוף און איבערגעריסן זײַנע געדאַנקען. ער איז אײַליק אַרײַן אין שטוב.

## II

א גאַנץ יאָר איז שוין פאַרשוווּנדן פון דעם אינדערפרי, ווען די מאַמע האָט צום ערשטן מאָל מאַרקוסן אויפגעוועקט אַף גיין צו דער אַרבעט. עס איז שוין בײַ אים געוואָרן אַ געוווינהײַט אויפכאַפּן זיך פון שלאָף אין איינער און דער זעלבער צײַט. ער שפּרינגט אַראָפּ פון געלעגער און טוט זיך אײַליק אָן.

ווי נאָר עס האָט פון טונקל־בלויענע באַגינען זיך אויסגעשיילט די ליכט פון פרימאָרגן, האָט מאַרקוס זיך אויפגעכאַפּט, פּונקט ווי עמעצער וואָלט אים פון שלאָף אויפגעוועקט. עס האָבן זיך אויפ־געעפנט די וויִעס, און אַ פּאָר פאַרשלאָפענע אויגן האָבן דורכן פענצטער אַ מעסט געטאָן דעם דרויסן.

דאָס פענצטער האָט פון אַן אָנגעצונדענעם רויטן שטיק הימל באַקומען דעם פּיִאָלעטענעם אָפּגלאַנץ.

מאַרקוס האָט זײַן אויפגעהויבענעם קאָפּ צוריק אַראָפּגעלאָזט אַפן קישן, געטאָן אַ גענעץ און געפּרוווט אײַנשלאָפן, נאָר מער שלאָפן ניט געקאָנט, מוירע געהאַט, ער זאָל צו דער אַרבעט ניט פאַרשפּעטיקן. ער איז שנעל פון געלעגער אַראָפּ, זיך אָנגעטאָן, אַרומגעוואַשן, אײַנגעוויקלט אין צײַטונג־פּאַפּיר אַ שטיקל ברויט מיט מאַרגאַרין, וואָס די מאַמע האָט פאַרגרייט, און האָט פאַר־לאָזט דעם צימער. מאַרקוס איז מיט שנעלע טריט אַוועק צום טראַמוויי.

יעדן פרימאָרגן שטייט ער דאָ און וואַרט, אַז דער טראַמוויי זאָל אים אַוועקפירן פון דער דופּטיקער גאַס אין צענטער שטאָט, צו דעם שטיקנדיקן וואַרשטאַט.

„נאָך דרײַ טעג צו זונטיק",— האָט מאַרקוס אַ טראַכט געטאָן. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט.

ס'איז אָנגעקומען אַ טראַמוויי. מאַרקוס איז אַרויף.

...אין דער האַלב־אָפענער טיר פון דער קליידער־פאַבריק שטייט די באַלעבאָסטע און קוקט אַף עמעצן אַרויס. איר קײַלעכדיקער

קאָפּ מיט דער געמאַכטער פּריזור זיצט גײַװעדיק אַף די אַקסלען,
די דינע ליפּן זײַנען פֿאַרצױגן, עס זעט זיך נאָר פֿון מױל אַרױס
צװײ רױטע פּאָמאַדע־פּאַסיקלעך, און באַם קנײטשל פֿון דער לאַנ־
גער נאָז — צװײ אונטערגעפֿירטע שװאַרצע ברעמען. מאַרקוס האָט,
זיך ניט אָפּשטעלנדיק, איר צוגעװאָרפֿן אַ „גוט־מאָרגן" און האַס־
טיק זיך געלאָזט גײן דורך דער קלײט אין אַרבעט־צימער
אַרײַן.

— נעם דעם קױש און קום מיט מיר פֿאָרן אין מערקאַדאָ [1]
אַרײַן!

מאַרקוס האָט אומצופֿרידן אַ קוק געטאָן אַף דער באַלעבאָס־
טע. ער האָט ניט געהאַט די דרײסטקײַט איר אָפּצוזאָגן, האָט ער
געפּרוּװט מיט אַ טערעץ זיך אַרױסדרײען.

— איך האַלט אינמיטן אונטערנײען דעם אונטערשלאַק צו
דעם זײַדענעם מאַנטל.

— דו װעסט שפּעטער פֿאַרענדיקן! — האָט זי טרוקן געענט־
פֿערט.

— מע מוז דעם מאַנטל װאָס שנעלער אָפּגעבן.

— װעט געדױערן נאָך אַ שאָ!

— אָט אַ פּאַװע, — האָט מאַרקוס אַ טראַכט געטאָן און זיך
אונטערגעװאָרפֿן איר באַפֿעל.

דורך געדרײטע, קורצע, שמאָלינקע און ענגע געסלעך, צװישן
הױכע אָפּגעלאָזטע, גרױע פֿאַרצײַטיקע געבײַדעס, האָט דער טראַמ־
װײַ זיך אַרײַנגעשניטן אין דער גאַס פֿון דער מערקאַדאָ.

די מערקאַדאָ איז אַרומגענומען אין דרײַ זײַטן מיט הילצער־
נע און לײמיקע געװעלבן, און דער רוקן אירער — די פֿערטע זײַט,
געפֿינט זיך אַפֿן ברעג ײאַם: עס איז אָפֿן דער װעג פֿאַר די שיפֿן,
פֿאַר די באַרקעס מיט גרינס און פֿיש, װאָס מע ברענגט צו פֿירן
אין מערקאַדאָ אַרײַן.

---

[1]) מ ע ר ק א ד אָ — אײַנקױף־מאַרק.

די סעניאָרע ארנזאָנ האָט געכאפּט א קוק אינ שפּיגל פונ רידיקול. מארקוס גייט איר נאָכ, ווי אנ אדיוטאנט דעמ אָפיצער, אונ מיט ברייט־פאנאנדערגעעפנטע אויגנ קוקט ער זיכ אופמערק־זאמ צו אלצ צו.

די זונ האָט פארפרי אָנגעהויבנ גליִענ. די סעניאָרע ארנזאָנ האָט איר אָנגעשמירט פּאָנעמ באהאלטנ אונטער א קליינעמ זיידענעמ זונ־שירעמל. מארקוס באטראכט די מערקאדאָ, וואָס איז איינגעטונקענ אינ שטראלנדיקער ליכטיקייט. עס שווימלט אונ גריבלט מיט פיש, מיט הינער אונ מיט אלערליי גרינסנ. די סע־ניאָרע קויפט אלצ. דאָס קוישל ציט די אקסלענ. מארקוס האָט זיכ דערמאנט אינ שטיקל ברויט מיט מארגארינ, וואָס ער האָט מיטגענומענ דעמ טאָג אָפּצוקומענ, אונ ער האָט געטראכט: ווענ וועלנ זיי דאָס אזויפיל אופעסנ?

— שווער! — האָט ער ארויסגערעדט אונ האָט זיכ צו דער באלעבאָסטע געווענדעט, — איכ וועל דאָס קוישל ניט קאָנענ פאר־טראָגנ, איר וועט מיר מוזנ העלפנ...

די סעניאָרע ארנזאָנ האָט זיכ אָנגעבלאָזנ. דורכ קליינע שפּעל־טיקלעכ האָבנ בייזע בליקנ דאָס יאטל אָנגעקוקט אונ טרוקנ, באפעלעריש האָט זי אָפּגעהאקט:

— כ'האָב קיינ צייט ניט, דו ווייסט עס ווי סע ניט איז אָנ מיר פארטראָגנ.

מארקוסנ האָט פארקלעמט דאָס הארצ. א טיפער, שניידנדיקער האס צו דער באלעבאָסטע האָט אימ ארומגעכאפּט. ער האָט דורכ די ציינ דורכגעזיפּט:

— וואָס, איכ בינ פונ אייזנ?!

— וואָס מהוקעסטו?

— איכ וועל דעמ קויש ניט דערטראָגנ. דינגט א טרעגער, אָדער טראָגט אימ אליינ! — האָט ער איר שארפּ אָפּגעהאקט אונ איז אייליק, ווי א ווינט, פונ איר אנטלאָפנ.

די סעניאָרע ארנזאָנ איז א צעטומלטע געבליבנ שטיינ. זי האָט

פארלוירנ געקוקט אינ דער ריכטונג, ווו דער יאט איז פארשווונדנ.
איר פּאָנעם האָט געפלאַמט פונ אופרעגונג; זי האָט געוואָלט זיכ א לאָז טונ נאָכ אים, אים כאפּנ, אים צעפּאטשנ פאר אזא האָזע, האָט זי אָבער מוירע געהאט איבערלאָזנ דעם פולנ קויש מיט שפּײַז. זי האָט אים מיט א האנט געדראָט אונ נאָכגעשריִענ, אָבער מאר־קוס איז שוינ געווענ ווײַט, ער האָט איר דראָונג ניט געהערט.

סעניאָר ארנזאָנ שטייט אפ דער שוועל פונ דער טיר, רויִ־כערט א ציגאר אונ קוקט גלאט אזוי אינ דער פרימאָרגנדיקער באלעבטער גאס. פונווײַטנ האָט ער באמערקט, ווי מארקוס שפּאנט האסטיק איינער אליינ. ער איז אים געגאנגענ אנטקעגנ.

— וואָס, אָנ גאָרנישט? ס'האָט זיכ עפּעס געטראָפנ?

— גאָרנישט, — האָט מארקוס ניט גערנ געענטפערט.

— ווו־זשע איז זי, די באלעבאָסטע? — האָט ער אומרויִק געפרעגט.

— זי איז אינ מערקאדאָ.

— פארוואָס־זשע האָסטו זי געלאָזנ אליינ? דעם קויש ניט געבראכט?

— ער איז פאר מיר געווענ צו שווער, כ'האָב אים ניט גע־קאָנט דערטראָגנ, — האָט ער א בארויִגעזער געענטפערט. — מיכ האָט די מאמע אָפּגעגעבנ צו אײַכ, כאווער־באלעבאָס, זיכ לער־נענ די מעלאָכע, ניט זײַנ קיינ שיק־יִנגל!

— גוט, — האָט ארנזאָנ מיט אנ אײַנגעהאלטענעם קאס געענט־פערט.

— גיי ארבעטנ, זײַ א קלענערער שייגעצ!

אז מארקוס איז אנ אופגערעגטער ארײַנגעקומענ אינ וואר־שטאט, איז די ארבעט שוינ געווענ אינ פולנ ברענ. פונ ביידע זײַטנ, פונ רעכטס אונ פונ לינקס, זיצנ די ארבעטער בא די מא־שינעס געבויגנ. זייערע פיס באוועגנ זיכ האסטיק. אייניקע האָבנ די מאשינעס אפ א ווײַלע אָפּגעשטעלט, געוואָרפנ א בליק אפ מארקוסנ אונ מיט אנ אײַנגעהאלטענעם געלעכטער אויסגעשאָסנ:

— פארשלאָפן, הא?

— עס האָט זיך דיר כאַטש א װיסער כאָלעם געכאָלעמט?

מארקוסעס בלייך פּאָנעם איז געװאָרן אויסגעצויגענער, שפּי־ציקער, עס האָבן זיך בוילעט אויסגעטיילט בלויע קרייזן נעבן די גרויסע, קײַלעכדיקע אויגן.

— איך בין געװען מיט דער באַלעבאָסטע אין דער מערקאַדאָ.

קיינער האָט מער זיך ניט געכאָכמעט. יעדערער האָט אין מארקוסן דערזען א שטיק פון זײַן גרויער פארגאנגענהײַט און האָט דערפילט א פרעסנדיקן אומעט אונטערן הארצן. װידער האָט דאָס הודושען פון די מאשינעס פארביטן די מענטשלעכע שפּראַך.

מארקוס זיצט בא א נײי־מאשין געבויגן, די קורצע פיס און דארע הענט באַװעגן זיך אײַליק. עס דוכט זיך אים, אז ער אליין איז אויך געװאָרן א טייל פון דער רוישנדיקער אומרויִקער נײי־מאשין.

אן אומעטיקער טאָג האָט אויסגעצויגן זײַנע פײַנלעכע שאָען. יעדע שאָ קריכט אזוי לאַנגװײַליק, צעצויגן און עסט זיך אײַן מארקוסן אין די ביינער. ער זיצט, װי פארטשאדעט און הערט זיך אײַן אין דעם מאָנאָטאָנעם גערויש פון די נײי־מאשינעס. עמעצער האָט פארצויגן אן אומעטיק לידל און די איבעריקע האָבן אונטערגעכאפּט — ס'איז אן איבערמיש פון געזאַנג און מאַ־שינ־גערויש.

דער סעניאָר ארנזאָן איז פון דער קלייט אין װארשטאַט ארײַנגעקומען. ער האָט זײַנע געדיכטע צונויפגעװאקסענע ברעמען פארכמורעט, די ארבעטער האָבן אופגעכאפּט זײַן אומצופרידענעם בליק און דעם געזאַנג איבערגעריסן, זיך װידער געפלײַסט אר־בעטן װאָס גיכער.

ענדלעך האָט דער זייגער געגעבן צו װיסן, אז דער לאַנגער ארבעט־טאָג האָט זיך פארענדיקט. אין עטלעכע מינוט ארום זײַ־נען די מאשינעס אנשװיגן געװאָרן. די ארבעטער זײַנען אופ־

בעשטאנען פון זייערע ערטער און די פארכאלעשטע גלידער אויס־געגלייכט.

גיך האָט זיך מארקוס אָנגעטאָן און מיט אייַלעניש פארלאָזט דעם ווארשטאט, פונקט ווי ער וואָלט פון א שטייַג אנטלאָפן...

## III

סעניאָר ארנזאָן איז אן אנארכיסט, א גרויסער אָנהענגער פון פרודאָנען. ארנזאָן איז דער באַלעבאָס פון א קליידער־געוועלב און פון א פאבריקל, וווּ מע פראָדוצירט די קליידער. פינף און צוואנציק ארבעטער מאכן אים רייַך מיט זייער מי. אז סעניאָר ארנזאָן רעדט מיט זייַנעם א מענטשן, מיט א „ברודער־ארבעטער", ציט ער ארויף אף זייַן פארכמורעטן פּאָנעם א מילדקייַט און א שמייכל אף די ליפּן.

בא די פירער פון די אנארכאָ־סינדיקאליסטן איז ארנזאָן פארעכנט פאר א גוטן אנארכיסט, פאר א גרויסן קענער פון דער אנארכיסטישער לערע, און זייַן פאבריקל איז בא זיי א מוסטער, וויאזוי עס לעבט דער ארבעטער מיט א כאַווער־באַלעבאָס. בא־זאָרגן זיי אים מיט ארבעטער—אנארכיסטן. די ארבעטער, זייַנע מענטשן, רופן אים: כאַווער־באַלעבאָס.

סעניאָר ארנזאָן איז מיט שווערע טריט ארייַנגעגאנגען אין זייַן פּרעכטיקן אופנעם־צימער, וואָס האָט דעם אויסזען פון א סאלאָן, און האָט אופגעדרייט די עלעקטרע. די ליכט פון די דרייַ עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס הענגען, ווי א דרייַעק, האָט צע־שּאָטן דורך א גרויסן אָראנזשעווע אבאזשור ראָזע שייַן איבער דעם אופנעם־צימער. דער ראָזער אָפּשייַן שפּיגלט זיך אין די קליינע געשליפענע, פירקאנטיקע שייַבעלעך פון א געלער פּאָליטורטער שאפקע, וואָס איז אָנגעפּילט מיט ביכער וועגן אנארכיזם.

דער סעניאָר ארנזאָן האָט זיך אראָפּגעזעצט אין א טיפן פּאָטעל, איבערגעצויגן . מיט א גרינעם סאמעט, זיך אָנגעלענט

אפֿן אָנשפּאַר און פּאַרטראַכט געררויכערט א ציגאַר. ער איז געבליבן זיצן איינזאַם, אויסגעטאָן פֿון זיך אַלע דיַיגעס וועגן די געשעפֿטן. ער האָט זיך אָנגעהויבן גריבלען אין זיַין אייגענעם לעבן. אין זיַינע אויגן האָט זיך באַוויזן אַן אומעט, און זיַין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק. באַלד אָבער האָט זיַין קאָפּ זיך אופֿגעהויבן, און זיַינער אַ זוכנדיקער בליק האָט אָנגעהויבן קריכן איבער די פּאָליטשקעס ביכער און געבליבן שטעקן אין פּרודאָנס אַ בוך מיט גאָלדענע אויסיִעס אפֿן לעדערנעם רוקן. געלאָסן הייבט ער זיך אוף, גייט צו פּאַמעלעך צום שאַפֿקע, שליסט אוף די גלעזערנע טירלעך און נעמט אַרויס דעם בוך. אַרנזאָן זעצט זיך צוריק אַנידער, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אָפּ אַ האַנט, און די אויגן גראָבן זיך איַין אין די שורעס, וואָס זיַינען אונטערגעשטריַיכט מיט אַ רויטן בליַיפֿעדער; זיַין פּאָנעם ווערט פֿרום און סוידעסדיק. ער לייענט אַרויס מיט אַ באַזונדער האַסמאָדע. פֿון צופֿרידנקיַיט קלאַפּט ער צו מיט די פֿינגער, ווי אַמאָל זיַין פֿאָטער פֿלעגט עס טון, זיצנדיק איבער אַ סייפֿער. שוין דאָס וויפֿלטע מאָל האָט אַרנזאָן דעם בוך געלייענט, און עס ציט אים עפּעס צו דעם בוך. ער הייבט נאָר אָן צעגלידערן דאָס, וואָס ער לייענט, קומען אים אָפּ די געדאַנקען מענטשן און פֿאַרשיידנערליי זאַכן; אַ זיסער כאָלעם הייבט זיך אָן פּלאָנטערן אין זיַין מויעך.

אַרנזאָנעס קומט אוף אין זיקאָרן זיַין פֿאָטער, וויִאַזוי ער פֿלעגט זיצן די אָפּדערנאַכטן און די באַגינענס באַ אַ קאַרגער שיַין פֿון אַ קליין קעראָסין־לעמפּל, זיך שאָקלען איבער אַ געמאָרע. זיַין לאַנגער שאָטן פֿלעגט זיך הינטער אים אָפּ דער וואַנט צעלייגן און אויך זיך שאָקלען. עס קלינגט אים אויך אין די אויערן דעם פֿאָטערס שטים, ווי ער וואָלט זי געהערט איצט, ניט צוריק מיט אַ יאָר אַכצן; אַמאָל אָפּדערנאַכט אָדער אין קאַיאָר פֿלעגט ער הערן, ווי עס טראָגט זיך איבער דעם שטילן אַלקער דער טרויעריק־אומעטיקער ניגן פֿון זיַין פֿאָטער:

— אַמאַר ראַבי אַקיווע !..

ארנזאָנ טוט א שמייכל אינ די קליינע עגגלשע וואָנצעס אריינ, אונ זאָגט אויכ ארויס אינדערהייכ, ווי דער פאָטער זיינער, צע־צויגנ מיט א געמאָרע־ניגנ:

— אַמאַר ראַבי פרודאָנ !..

לייכטע, ניט־דרייסטע קלעפ אינ טיר פונ אופנאַם־צימער האָבנ איבערגעריסנ דעמ פאָדעמ פונ ארנזאָנס פארטיפטע גע־דאנקענ. ער האָט איילִיק דעמ בוכ פארמאכט, ארייִנגעשטעלט אימ אינ שאפקע אפ דער פאָליטשקע, אויסגעגלייכט דעמ קראוואט, צוגעקנעפלט דאָס רעקל, דעמ קאָפ אויסגעדרייט צו דער טיר אונ האָט אינדערהייכ א זאָג געטאָנ:

— ביטע, קומט ארייִנ !

אינ אופנאַם־צימער איז ארייִנגעקומענ מארקוס אונ איז געבליבנ שטיינ נעבנ דעמ שוועל. ער האָט ניט געוואגט מיט זיינע גרויסע צעריסענע שיכ ארופצוטרעטנ אפ דעמ גרויסנ פערסישנ טעפיכ, וואָס איז געלעגנ צעשפרייט אפ דעמ דיל.

ארנזאָנ האָט דאָס באמערקט. ס'האָט זיכ אימ געוואָלט פאנאנ־דערלאכנ, נאָר ער האָט דאָס געלעכטער אונטערדריקט אונ זיכ צו אימ ווייכ געווענדעט:

— קומ אהער נעענטער, שעמ זיכ ניט.

מארקוס איז דרייסטער געוואָרנ, ער האָט אָנגעהויבנ פאָר־זיכטיק, מיט גרינגע טריט טרעטנ אפנ טעפיכ אונ קעגניבער דעמ „כאווער"־באַלעבאָס אפ א ווייכער שטול זיכ אוועקגעזעצט. מארקוס האָט איבעראשט אונ פארגאפט אָנגעהויבנ באטראכטנ דעמ רייכנ אויסגעפוצטנ סאלאָנ, די אלערליי ווערטפולע קונסט־אנטיקנ. יעדער זאכ ציט צו זיינ אויג, רופט ארויס זיינ אנטציקונג, זינט ער לעבט, איז ער נאָכ אינ אזא שיינעמ צימער ניט געווענ.

בלויז אפ א רעגע האָט ארנזאָנ זיכ פארטראכט. ער האָט אָנגעהויבנ אויספרעגנ מארקוסנ וועגנ זיינ היימ, וועגנ זיינ מוטער, וויאַזוי אימ לעבט זיכ.

מארקוס האָט פונ אָנהייב גאָר קיינ כיישעק ניט געהאט צו ענטפערנ. נאָר דעמ באלעבאָס ווייכ קאָל אונ זײַנע אויגנ, וואָס האָבנ אפ אימ ווארעמ געקוקט, געמאָנט אנ ענטפער, האָבנ אימ געמאכט ריידעוודיק.

ארנזאָנ האָט מיט א זיפצ אופגענומענ די אופריכטיקע קינ־דערשע רייד אונ מיט מיטגעפיל א זאָג געטאָנ: „ס'איז נאָכ דאָ גענוג ליידנ אפ דער וועלט". ער האָט זיכ דערוווסט, אז דער יאט, וואָס זיצט בא דער ארבעט אזוי שטיל, ווי ער וואָלט קיינ צוויי ווערטער ניט געקאָנט ארויסריידנ, איז רײַפ אנטוויקלט ניט נאָכ זײַנ עלטער, פארשטייט גוט די באדינגונגענ פונעמ ארבעטער־לעבנ אונ איז אויכ א ליידנשאפטלעכער לייענער.

— הייסט עס, ווי דו האָסט דערציילט, האָסטו שוינ פיל ביכער איבערגעלייענט. ווענ־זשע לייענסטו?

— נאָכ דער ארבעט. איבערהויפּט אינ די פרײַע טעג. אנ אינטערעסאנטער בוכ פארכאפּט מיכ אזוי, אז איכ קאָנ ליגנ ביזנ גרויענ טאָג אונ שלינגענ יעדנ בלעטל.

— גאָר אזא ביסטו? — האָט ארנזאָנ זיכ אָנגערופנ.

— נו, איכ וועל דיר געבנ אנ אינטערעסאנטנ בוכ, וועלנ מיר זענ, צי ער וועט דיר געפעלנ.

— ביטע, — האָט מארקוס זיכ נײַגעריק א כאפּ געטאָנ.

הינטער דער טיר האָט זיכ דערהערט אנ איבערשמועס פונ עטלעכע שטימענ. מע האָט אָנגעקלאפּט.

— קומט ארײַנ!

ווי נאָר די טיר האָט זיכ געעפנט אונ עטלעכע פונ זײַנע מענטשנ האָבנ זיכ באוויזנ, האָט דער כאווער־באלעבאָס ארופ־געצויגנ די געוויינלעכע מילדקײַט אפנ גלאט ראזירטנ פּאָנעמ אונ דעמ שמייכל אפ די ליפּנ. ער איז געגאנגענ אנטקעגנ אונ אנ אופגעלייגטער זיי באגעגנט:

— ביטע, אָנגעלייגטע געסט!

די ארבעטער האָבנ אפ די ווייכע, שטולנ גאָר היימיש זיכ

אוועקגעזעצט און פאַרגעזעצט דעם ניטפאַרענדיקטן שמועס.

ארנזאָן האָט א קוועטש געטאָן א ביינערדיק קנעפל, עס האָט אָנגעהויבן קלינגען אין קיך. די דינערן, אין א ווייסן פאַרטוך, איז געקומען צו לויפן. דער באַלעבאָס באַפעלט איר ברענגען קאַווע און צובייסן.

דער אופנאַם־צימער, באַגאָסן מיט אַן אָנגענעמענער ראָזע שיין, איז געוואָרן אויפגעטרייסלט פון א הויכער, היציקער דיס־קוסיע. מע האָט זיך געאַמפּערט וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין דעמאָלט, ווען דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל וועט ווערן פאַרווירק־לעכט אין לעבן.

אין דער דיסקוסיע פילט זיך סעניאָר ארנזאָן, ווי א פיש אין וואַסער, ווי א לערער און א וועגווייזער פאַר זיינע מענטשן. ער האָט אָנגעהויבן ריידן פריִער לאַנגזאַם, שטיל און באַטראַכט, ווי ער וואָלט דאָס, וואָס ער זאָגט, אַרויסגעלייענט פון פּרוּדאָנס א בוך, דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן היציק, הויך־שרייענדיק באַ־גייסטערט פון זיינע אייגענע געדאַנקען.

באַהיאַ איז א שוואַרצהויטיקער, א מיטלוווּקסיקער, זיין ביי־נערדיק שוואַרץ פּאָנעם טראָגט אָפּ זיך די שפּורן פון זיין אָפּ־שטאַם. פאַר צוויי מיט א האַלבן צענדליק יאָרן זיצן בא דער ביי־מאַשין געבויגן איז זיינע פּלייצעס געוואָרן קיילעכדיק סוטו־לעוואַטע. די פייכטע וואַרשטאַטן האָבן פאַרשלונגען די ליכטיקע שיין, און די פיס זיינע האָבן פון די טוכלע, נאַסע אַרבעט־צימערן אַריינגעצויגן א בייסנדיקן רעוומאַטיזם. ווי נאָר עס קומען פאַרנע טעג, הייבן אָן די פיס אים ווייטיקלעך צו ציִען. באַהיאַס שוואַרצע קורצע געקרייזלטע האָר זיינען פריצייטיק גרוי געוואָרן, און דער שטערן האָט זיך געקאָרטשעט, פאַנאַנדערגעלייגט אין פאַלדן ביז די געדיכטע, צוזאַמענגעוואָקסענע געקרייזלטע ברע־מען.

באַהיאַ איז געזעסן בא דער זייט, האָט אויפמערקזאַם זיך איבער־געהערט אין די [illegible] „כאַווער“ באַלעבאָס און אַלעמאַל

17
באַרזשעס, 2.
...ЕРАТУРЫ

אומצופרידנ געהויבנ מיט די אקסלענ. דעמ ארבעטער האָט ניט באַפרידיקט און ניט איבערצייַגט, וויַאזוי דער „כאוועך"־באַלעבאָס האָט טרוימעריש געצייכנט די צוקונפט. ער האָט געפילט, אז די רייד גייענ בא אימ ניט פונ הארצנ. דער ארבעטער האָט א פיר געטאָנ זייַנ בליק איבער דעמ רייַכנ אופנאמ־צימער, אונ זייַנ טוכלע, קליינ באראקל איז אימ געקומענ פאר די אייַנגעפאַלענע אויגנ. פלוצעמ האָט ער זיכ א קער געטאָנ מיטנ גאנצנ קערפער צומ באַלעבאָס, זייַנ שארפנ בליק איז אימ אייַנגעשטאָכנ, אונ לאנג, דורכדרינגלעכ אימ געמאָסטנ פונ קאָפּ ביז די פיס.

מיטאמאָל האָט ער אָנגעוואָרנ זייַנ גאנצע רויִקייַט. ער האָט אָנגעהויבנ:

— איכ בינ געקומענ צו דער איבערצייַגונג, אז די רוסישע ארבעטער האָבנ געטאָנ א גלייַכע זאכ, וואָס זיי האָבנ פונ זיכ אָפּגעטרייסלט דעמ שימל אונ פארניכטעט די אלטע אָרדענונג! מיר, ארבעטער, וואָלטנ זיכ געמעגט לערנענ פונ זיי!

איבער דעמ אופנאמ־צ׳מער האָט זיכ דורכגעטראָגנ אנ אומצופרידענער מורמל, ווי דאָס רוישנ פונ א ווינט אינ א בלעטערדיקנ וואלד. דער „כאוועך"־באַלעבאָס האָט צונויפגעצויגנ זייַנע געדיכטע שווארצע ברעמענ, אופגעהויבנ א פּאָר פארוואָלקנטע אויגנ אונ אייַנגעצויגנ די אקסלענ.

— אָט וווהינ דער ווינט בלאָזט! — האָט קאלט דער „כאוועך"־באלעבאָס געצייילט די ווערטער. דו ביסט א סקעפּטיקער. צו שמאָל איז דייַנ געדאנק אפ קאָנענ באגרייַפנ, צו וואָס פאר אנ ערלעכ לעבנ, צו וואָס פאר א ליכטיקער וועלט מיר, אנארכיסטנ, שטרעבנ!

אינ דעמ ווארשטאט האָט באה׳א ניט איינ מאָל אומצופרידנ געטייַנעט, אז דער געהאלט איז א קלאָגעדיקער, אונ דער ארבעטטאָג איז צו א לאנגער... די ארבעטער, וואָס זייַנענ פארבלענדט פונ די „שיינע רייד", האָבנ אימ געענטפערט, אז עס האָט גע־

קאָנט זײַן נאָך ערגער. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און ווידער געגעבן צו פֿאַרשטיין: „ווען מיר דערקלערן א שטרײַק, וואָלטן מיר אָן סאַפֿעק פֿיל געוווּנען". די ארבעטער האָבן אף אים אָנגעשטעלט גרויסע, פֿאַרוווּנדערטע אויגן: „אנטקעגן וועמען שטרײַקן? ווען זײַנע געשעפֿטן וואָלטן בעסער געגאנגען, וואָלט ער אַלײן אונדז דאָס געהאלט געהעכערט. דו ווילסט, אז די סאָנים זאָלן האָבן וואָס צו ריידן, גיסן וואסער אף די רעדער פֿון זייער מיל"...

דער ארבעטער האָט געזען, אז עס האָט ניט קיין זין מיט זיי זיך ארײַנלאָזן אין א שטרײַט, ער האָט געטראכט — די צײַט וועט אַלײן זיי די אויגן עפֿענען.

באהיא האָט אויסבאהאלטן, ניט ארויסגעוויזן זײַן אנטוישונג אין דעם אנארכיזם, ווײַל ער האָט געוווּסט, אז דער „כאווער"־באַלעבאָס וועט געווירע ווערן, וועט ער אים פֿון דער ארבעט באַזײַטיקן, און ארבעט איז איצט שווער צו קריגן. דאָ אָבער, אין דער דיסקוסיע, האָט זײַן געדולד פּלוצעם געפּלאצט.

— צו וואָס גאָר טראכטן, וועגן דעם וואָס עס וועט זײַן, טרוימען וועגן אן ערלעך לעבן, — האָט סארקאסטיש באהיא געענטפֿערט, — און פֿארגעסן אין הײַנט, פּונקט ווי מיר וואָלטן געווען פֿארגלייווערטע שטיקער פֿון דער פֿארגאנגענהייט און ניט קיין לעבעדיקע מענטשן פֿון דער ברויזנדיקער קעגנוואַרט. יאָ, איך בין געוואָרן אן אָנהענגער פֿון מאכט, כ'בין געקומען צו דער איבערצײַגונג, „כאווער"־באַלעבאָס, אז דאָס לעבן אונדזערס — איך רעד וועגן הײַנט און ניט וועגן וואָס ס'וועט זײַן — וועט ניט בעסער ווערן, ביז מיר, די ארבעטער, וועלן ניט נעמען דעם גורל אין די אייגענע הענט!...

פֿון א ווינקל האָט זיך דערהערט א כריפּעדיק קעלכל.

— זעט, ווּהין ער שטעכט די נאָדל!

ארנזאָנ איז פֿון קאס אזש רויט געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעבלאָזן, זיך אויפגעהויבן, די הענט ארײַנגעשטעקט אין די קעשענעס און בייז געפֿרעגט:

— די הונדערטער ערעסטירטע אַנאַרכיסטן, וואָס געפינען זיך אין רוסלאַנד אין די טפיסעס, באַרעכטיקסטו אויך?

— יאָ, — האָט דער אַרבעטער איבערצייַגט געענטפערט, — איך האַלט, אַז ניט פאַר לאָיאַלקייַט צו דער מאַכט זיצן זיי, פאַר קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַרבעט!..

— ווייל זיך אַראָפּגעקייַקלט, — האָט דער „כאָווער"־באַלעבאָס באַדויערנדיק געזאָגט. — איבערגיין פון אַנאַרכיזם צום קאָמוניזם, הייסט זיך אומקערן אַף אַ גאַנצן מעהאַלעך אַפּצוריק, ניט באַנעמען די זויבערע פילאָסאָפיע פון אונדזער אַנאַרכיסטישער אידייע.

— נאָך צוועלף יאָר באַלאַנגען צו די אַנאַרכיסטן, — האָט באַהיאַ פאַרביסן געענטפערט, — האָט מיר ערשט איצט אָנגעהויבן אונטערזאָגן מייַן קלאַסן־באַוווסטזייַן, ווו, אין וועלכער פּאַרטיי איז מייַן אָרט. ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער אַנאַרכיסטישער אידעאַל קאָן נישט פאַרווירקלעכט ווערן אין לעבן. דאַקעגן איז דער קאָמוניזם. די אידייע איז אייַנגעוואָרצלט פעסט אין דער ערד, איז בלוט און פלייש פון די אַרבעטנדיקע, אָט דאָס איז מייַן פעסטע איבערצייַגונג.

עטלעכע מינוט האָט אין אופנאַם־צימער געהערשט אַ געדריקטע שטימונג. אָבער באַלד האָט אַרנזאָן געביטן זייַן פיזיאָנאָמיע. דאָס פאַרכמורעטע פּאָנעם האָט אַרופגעצויגן די מילדקייַט, די ליפּן — דעם גוטן שמייכל. אַרנזאָן איז געוועןן מער ווי זיכער, אַז אים וועט זיך אייַנגעבן דעם גוטן פאַכמאַן זייַנעם נייטן, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זייַנע איבערצייַגונגען. ער האָט פרייַלעך, גוט־ברודעריש זיך פאַנאַנדערגעלאַכט:

— זע נאַר, ווי מיר האָבן זיך דאָס אָנגעבלאָזן, ווי דו וואָלסט זעקס יאָר מייַן ברויט ניט געגעסן, ווי מיר וואָלטן ניט געהערט צו איין פּאַרטיי, געווען אינדערעמעסן סאָנים.

באַהיאַ האָט מיטן זעלבן ערנסט אַרויסגעזאָגט:

— ניט אײַער ברױט האָב איך געגעסן, נאָר מײַן שװערע מי...
— נו, עס רעדט זיך אזוי... ס'איז דען ניט אײנס און דאָס זעלבע?

— איך האלט, אז דעם לוין, װאָס איר האָט מיר געצאָלט, האָב איך ערלעך פארדינט.

מארקוס זיצט, הערט זיך צו צו דעם װיקועך און שװײַגט. דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן קומט מארקוסן אױס זיך פאר־טראכטן, פארװאָס אמפערט מען זיך.

די סעניאָרע ארנזאָן איז מיט קלײנינקע טריטעלעך ארײַנגע־שװומען אין אופנאם־צימער. זי האָט מיט אן אומצופרידענעם בליק א מעסט געטאָן די פארזאמלטע. פון איר טיף דעקאָלטירטן האלדז האָט געבלישטשעט א שנירל פערל, און פון די אויסגע־כאָליעטע פינגער האָבן געבלענדט בריליאנטן. זי האָט פויל געטאָן א גענעץ, מיט צװײ פינגער פארשטעלט די פאנאנדערגעעפנטע פאָמאדע־ליפּן, דער גענעץ האָט אױסגעדריקט: „דײַן עמעסע געזעלשאפט".

— זשאקאָב, װי שפּעט איז איצט? — האָט זי צעצױגן גע־פרעגט.

ארנזאָן האָט פון דער קלײנער הױזן־קעשענע ארױסגענומען דאָס זײגערל און פארכידעשט געענטפערט:

— יאָ, שױן עלף דער זײגער!

װי נאָר מארקוס האָט דערזען די באלעבאָסטע, האָט א רױטע פארב א פלײץ געטאָן אױף זײַן בלײך מאָגער פּאָנעם.

באהיא האָט פון דער זײַט געכאפּט א קוק אױף דער באלע־באָסטע. אירע פּערל און בריליאנטן האָבן אים די אױגן געריסן, און אין קאָפּ זײַנעם איז צוריק לעבעדיק געװאָרן דעם „כאװער"־באלעבאָס װערטער: „זעקס יאָר געגעסן מײַן ברױט".

אז די ארבעטער האָבן זיך אופגעהױבן, אָנגעהױבן פארלאָזן דעם אופנאם־צימער, האָט דער „כאװער"־באלעבאָס באהיאן פאר־בײַגײענדיק צוגעװאָרפן:

— איך האָפּ, אז דו וועסט זיך נאָך באַטראַכטן...
באַהיא האָט גאָרניט ניט געענטפערט.
מאַרקוסן האָט אַרנזאָן בײַ דער טיר פאַרהאַלטן.
— ווו וועסטו גיין איצט אַזוי שפּעט? בלײַב שוין דאָ, בײַ מיר, נעכטיקן.
— די מאַמע וועט איבערקלערן.
— ווי דו ווילסט. נאַ, נעם דעם בוך.
אַרנזאָן האָט פאַנאַנדערגעעפנט די גרויסע, ברייטע פענצטער, די שווערע לופט פון סאַלאָן באַזײַטיקט, ער האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט.
איבערן שטילן אופנאַם־צימער האָט זיך אַ טראָג געטאָן די זינגענדיקע שטים פון זײַן ווײַב:
— זשאַקאָב, שוין צײַט צו מאַכן נאַכט!..

# IV

אָנהייב שאַריִען.
די שטאָט ליגט נאָך אין טיפן דרעמל. לענגויס דער גאַס קאָסמע־וועלהאַ טראָגט זיך אַ פײַכטער ווינט מיט אַ צעצוי־גענער נאָגנדיקער פײַפערײַ. פון ביידע זײַטן האָבן די ביי־מער זיך פאַנאַנדערגעשאָקלט, געבויגן מיט אַן אומעטיקן מורמלען און ברומען. דער טונקל־בלויער הימל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרוועבן מיט לאַנגע און שמאָלע גרויע סטענגעלעך, און פונעם אָקעאַן האָבן אָנגעהויבן קריכן איינער אַפן אַנדערן אַשיק־גרויע וואָלקנס. ווי בלײַענע פעלדזן האָבן די וואָלקנס אָנגעשפּאַרט זייערע שפּיצן אין הימל. דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרציִען מיט אַ שוואַרצער דעק.
אַ האַסטיקער געדיכטער רעגן האָט אָנגעהויבן גיסן. דורך די געדרייטע שמאָלע ריטשקעלעך האָט די וואַסער זיך געטראָגן פון די בערג. מאַרקוס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן, אָנגע־

שפּאַרט זיך אין עלנבויגנ, מיט די פאַרשלאָפענע אויגנ געקוקט אין טונקעלנ פענצטער און זיך צוגעהערט.

א פאַבריק־סירענע האָט רעווענדיק זיך אַרײַנגעריסנ אין צימער. מאַרקוס האָט פונ זיך אַראָפּגעוואָרפנ די קאָלדרע און איַיליק זיך אָנגעהויבנ אָנטונ.

א סעקונדע איז ער געבליבנ שטיינ נעבנ פענצטער, ווידעראַמאָל האָט ער מיט די פאַרשלאָפענע אויגנ א קוק געטאָנ אפנ גרויסנ רעגנ און זיך געלאָזט גיינ צו דער טיר.

— ווהינ וועסטו גייג אינ אזא מאַבל? — האָט ער דערהערט דער מאַמעס קאָל. — וואַרט איבער.

— דער רעגנ וועט הײַנט א גאַנצנ טאָג גיינ, — האָט ער געענטפערט און איז פאַרשוווּנדנ.

לאַנגע אָנזיניקע שאָענ האָבנ זיך געצויגנ בא אַרנזאָנענ אינ פאַבריק פונ דאַמעג־קליידער. יעדע שאָ האָט זיך אויסגעצויגנ אינ א לאַנגנ אומעטיקנ טאָג.

זיצט אנ אַרבעטער נידעריק געבויגנ, זײַנע לאַנגע ביינערדיקע פיס באַוועגנ זיך פלינק, יאָגנ אימפּעטיק די נאָדל פונ דער נייַמאַשינ. צוויי רייענ מאַשינענ דרייענ זיך וויכערדיק, ברומענ און רוישנ. אינעם איינטאָניקנ זשום קוקט דער אַרבעטער אפנ טונקל־בלויענ זײַדענעמ מאַנטל, וואָס ער האָט אינ דער אַרבעט געהאַלטנ, און פאַר זײַנע אויגנ צייכענענ זיך קאָנטורנ פונ א שטויביק־גרויער האַלב־אײַנגעפאַלענער געבײַדע. אינעווייניק אינ איר — א פינצטער קליינ אַלקערל — זײַנ היימ. נערוועז האָט ער א צוק געטאָנ מיט זײַנע שפּיציקע אַקסלענ.

דער אַרבעטער האָט פאַרטראַכט אויסגעדרייט דעמ קאָפּ צו דעמ אָרט, ווו דער „כאַוער״־באַלעבאָס געפינט זיך שטענדיק, און גענומענ זוכנ מיט די אויגנ. יעדערער איז געזעסנ די פלייצע געבויגנ, פאַרטאָנ אינ אַרבעט. דער אַרבעטער האָט מיט נאָך מער גיכקײַט אָנגעהויבנ אַרבעטנ. ער האָט זיך געפלײַסט פאַרטרײַבנ די דריקנדיקע שטימונג, טראַכטנ פונ עפּעס אַנדערש. נאָר די

פריִערדיקע געדאנקענ זײַנענ אלצ געקראָכנ אינ קאָפ. אונ אָט האָט ער ווידער אפנ פאָנ פונ זײַד דערזעג זײַנ געזינד: זײַנ פריצײַטיק פארעלטערט ווײַב אונ די דרײַ פיצלעכ קינדער. ער האָט שארפ א ציטער געטאָנ, פונקט ווי די נאָדל פונ דער ניימאשינ וואָלט זײַנעמ א פינגער דורכגעשטעפט. ער האָט די מאשינ אָפגעשטעלט, דער טיפער ווייטעק האָט זײַנ האנט פארדריקט אינ א פויסט אונ זי אראָפגעלאָזט מיט א זעצ אפנ ברעטל פונ מאשינ.

— איכ קאָנ שוינ מער ניט ווארטנ! — האָט ער אופגערעגט א געשריי געטאָנ! — איכ וויל שוינ מער ניט פארלאָזנ זיכ אפ זײַנ יוישער! גענוג! אכט יאָר מיכ געפירט בא דער נאָז! הײַנט דארפנ מיר אימ דערקלערנ אונדזערע פאָדערונגענ!..

די געציילטע ווערטער האָבנ א שניט געטאָנ די לופט. דער גערויש פונ די מאשינעס האָט זיכ געטאָנ א קאָרטשע, געגעבנ א ציטער אונ מיטאמאָל אנשוויגנ געוואָרנ. שטומ זײַנענ די ניימאשינעס געבליבנ שטיינ. קעפ האָבנ זיכ געגעבנ א הוידע אונ האָבנ זיכ אויסגעקערעוועט צומ אָרט, פונוואנענ די ווערטער זײַנענ געקומענ.

די ארבעטער האָבנ זיכ פארקליבנ אינ איינ ווינקל. מע באטראכט די פאָדערונגענ, וואָס זיי דארפנ ארויסשטעלנ דעמ „כאווער"־באלעבאָס.

באהיאס אויגנ האָבנ א פינקל געטאָנ, ווי צוויי גליִענדיקע קוילנ, אונ זײַנ טונקל פאָנעמ האָט אופגעלויכטנ. ער האָט מיט איינ אויג א קוק געטאָנ, ווי אלע האָבנ זיכ צונויפגערוקט ארומ אימ.

באהיא האָט מיט א רויִק קלינגענדיק קאָל אָנגעהויבנ שילדערנ דאָס ביטערע ארבעטער־לעבנ, דעמ הונגער אונ נויט, וואָס הערשט אינ ווייערע היימענ.

ברענענדיקע ווערטער האָבנ זיכ אליינ פונ זײַנע ליפנ געריסנ אונ שטורעמדיק זיכ געטראָגנ.

— הײַנט װעלן מיר אים איבערגעבן אונדזערע פֿאָדערונגען, — האָט באַהיא פֿאַרענדיקט זײַן רעדע, — אויב ער װעט אונדז אָפּזאָגן, װעלן מיר דערקלערן אַ שטרײַק.

— און דו, מאַרקוס, װיאַזױ איז דײַן מײנונג? — האָט באַהיא פֿון אַ זײַט אַ פֿרעג געטאָן.

— װאָס־זשע, איך װעל זײַן אַן אױסנאַם?

פֿינף און צװאַנציק הענט האָבן זיך אױפֿגעהױבן, אַנטשלאָסן אײַנגעשטימט:

„דערקלערן אַ שטרײַק"...

* *
*

אַרנזאָן האָט צופֿרידן זיך געפּאָרעט בײַ אַ לאַנגער שאַפֿע מיט גלעזערנע טירן, װאָס איז פֿול מיט פּאַרטיקע קלײדער. ער האָט דערבײַ געבאָמקעט אַ מאָטיװ פֿון דער אָפּערע „ריגאָלעטאָ" און אין קאָפּ געכעזשבנט דאָס פֿאַרדינסט, װאָס עס װעלן אים אַרײַנברענגען די קלײדער.

די דעלעגאַציע — באַהיא און נאָך אַן אַרבעטער — זײַנען צו אַרנזאָנען צוגעגאַנגען.

— „כאַװער"־באַלעבאָס, מיר האָבן מיט אײַך עפּעס צו שמועסן!

אַרנזאָן האָט צו זײ דעם קאָפּ אױסגעקערעװעט.

— מיט מיר? — האָט ער פֿאַרנומענע אַ פֿרעג געטאָן.

— סי, סעניאָר [1]! — האָט דער אַרבעטער געענטפֿערט.

אַרנזאָנס כמורנע פּאָנעם האָט אָפּ זיך, װי אַ מאַסקע, אַרופּגעצױגן אַ מילדקײַט, און די ליפּן — אַ כניפֿעדיקן שמײכל. ער האָט, פֿאַרקענדיק זיך בײַ דער שאַפֿע, אַ פֿרעג געטאָן:

— װעגן אַ װיכטיקן איניען?

---

1) יאָ, הער.

— זייער.

— עפשער קאָנען מיר דעם געשפּרעך אָפּלייגן אױף זונטיק אָפּ־דערנאכט, בײַ א טעפּעלע קאַווע וועט זיך בעסער שמועסן.

— ניין!

— וועגן וואָס־זשע ווילט איר מיט מיר ריידן? עפשער וועגן פּארטיי־אָנגעלעגנהײַטן?

— נאָך וויכטיקערס! — האָט באהיא אים שארף אָפּגעהאקט.

— קאָן זײַן נאָך וויכטיקערס פון פּארטיי־איניאָנים?

— איר וועט שוין זען!

ארנזאָנען האָט זיך געדאכט, אז באהיא האָט אים צו שארף און שטרענג געענטפערט, האָט ער פאָרזיכטיק פון דער זײַט גע־כאפּט א קוק אױף אים. ער האָט זיך אָנגעשפּארט אין טיש, אָנ־געשטעלט א פּאָר טרויעריקע אויגן. דאָס קאָל זײַנס איז געוואָרן אזוי לאקריץ־זיס:

— איז וואָס־זשע ווילט איר?

— די ארבעטער האָבן אונדז צו אײַך געשיקט, — האָט באהיא אָנגעהויבן, — אײַך איבערגעבן, אז מיר קאָנען ווײַטער ניט אר־בעטן אין אזעלכע באדינגונגען!

— וואָס־זשע ווילט איר? — האָט ער שוין ערנסט, מיט א גע־שעפּטלעכן טאָן איבערגעכאזערט די ווערטער.

— מיר פאָדערן אױף צוואנציק פּראָצענט אונדז העכערן דעם ארבעטלוין און אן אכטשאָעדיקן ארבעט־טאָג!

ארנזאָן האָט אָנגעהויבן שפּרײַזן איבער דער ביוראָ. ער האָט זיך אָנגעהויבן קלאָגן, אז די געשעפטן גייען שלעכט: — „ווען איך זאָל האָבן די קלענסטע מעגלעכקײַט, וואָלט איך אײַך אליין גע־העכערט דעם לוין", — האָט ער געזאָגט מיט א פארזאָרגט קאָל.

— מיר דוכט, — האָט ער, ווי א געניטער שוישפּילער, פאָר־געזעצט, — אז גיט קיין איינ יאָר קענט איר מיך שוין. איר ווייסט אויך, ווי׳אזוי איך בין איבערגעגעבן דעם ארבעטער!

— יאָ, מיר ווייסן, — האָט באהיא מיט ביטל ארויסגערעדט. — וואָס־זשע ענטפערט איר?

— ליידער, בא די בעסטע מײַנע פארלאנגען, קאָן איך אײַער ביטע ניט אויספילן.

ארנזאָנ האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט באהערשן, ער איז פון אָרט אופגעשפרונגען, אָנגעשטעלט א פּאָר בייזע אויגן און גע־העכערט דאָס קאָל:

— בא מיר שטרײַקט מען ניט! איר הערט! וואָס נאָך וואָלט איר וועלן?

— נו, וואָס? — האָט באהיא אלץ רויִק געפרעגט.

— גיט איבער, אז בא מיר שטרײַקט מען ניט! אז איך וועל האָבן א מעגלעכקײַט, וועל איך אליין אײַך העכערן דעם ארבעט־לוין! איר מעגט זיך אפּ מיר פארלאָזן... — האָט ער אופגערעגט געזאָגט.

— בא אײַך איז דערקלערט א שטרײַק!

— מיר וועלן ניט אָנהייבן ארבעטן, ביז איר וועט ניט נאָכ־געבן אונדזערע פאָדערונגען, — האָבן זיי אים געמאָלדן און זײַנען אוועק.

ארנזאָנ האָט א צעקאסטער אָנגעהויבן אומלויפן איבער דער ביוראָ אהין און צוריק.

— באהיא איז שולדיק, — האָט ער מיט רעציכע געברומט, — איך האָב אָבער געפילט, אז ער וועט מיר די ארבעטער איבער־פירן...

די סעניאָרע ארנזאָנ האָט מיט קליינינקע, געדיכטע טריטעלעך ארײַנגעשפּרײַזט אין ביוראָ ארײַן. אפּ דער שוועל פון דער האלב־אָפענער טיר האָט זי די אויגן ברייט אופגעשנורעוועט און פארוווּנדערט געקוקט, ווי דער מאן שפּאנט אזוי צעטראָגן הין און צוריק.

— וואָס איז געשען? וואָס, זשאקאָב?

— גאָרנישט.

— פאָרט וואָס?
— אונדזערע מענטשן האָבן דערקלערט א שטרײַק.
— בא אונדז? א שטרײַק?
די סעניאָרע האָט ביטער א שמייכל געטאָן.
— גיי נעם זיי נאָכאמאָל אוף אין אופנאם-צימער, פויע זיי אָן, גיב זיי פרעסן, זיי וועלן דיר אָפּדאנקען.
— אזא שאנדע, בא מיר שטרײַקן! וואָס וועלן מענטשן אפּ אזוינס זאָגן? — האָט ער צום ווײַב געטײַנעט.
— און די באשטעלונג, וואָס מיר דארפן אָפּגעבן זילבערטן, האָסטו פארגעסן?
— בא מיר וועט מען ניט שטרײַקן! — איך גיי שוין אין סינדיקאט ארײַן, זיי וועלן מיר געבן מענטשן.

## V

אין דער האלב־אײַנגעפאלענער געבײַדע, אפּן ווילד־פארוואקסענעם גראָז פונעם גאָרטן צווישן איבערגעצויגענע שטריק, באהאנגענע מיט גרעט, שפּרינגען און טומלען בלאסינקע האלב־נאקעטע קינדער. א פריידיקער קינדערשער געשריי גיסט זיך צונויפּ אין איין דורכויסיקן רויש.

נעבן די וואש־פעסער ליגן בערגלעך קויטיק גרעט. די וועשערנס שטייען געבויגן, פארטאָן אין אײַנווייקן דאָס גרעט און מערקן ניט דעם זונטיק, וואָס האָט זיך אפּ דער ערד צעשפּרייט.

א וועשערן האָט איר קאָפּ אופגעהויבן פון דעם וואש־פאס, דעם רוקן אויסגעגלײַכט. די צעווייקטע נאסע הענט, מיט גראָבע בלויע אָדערן, ווי שטריק, זײַנען געבליבן הענגען מאכטלאָז אראָפּגעלאָזט, ווי פרעמדע, צוגעטשעפּעטע.

— ווער ווייסט פון א זונטיק, פון א רו־טאָג? — האָט זי פארומערט ארויסגערעדט. — שטענדיק ווי אן אייזל אײַנגעשפּאנט אין

שווערן וואָגן... האָרעווע, האָרעווע, ווער פארשווארצט, און דער־נאָך ערשט לעב אין גרויס נויט...

אן אנדער ווערשערן האָט אופגעהערט ארבעטן. זי האָט אופ־געהויבן א שווערע דארע האנט, אָנגעוויזן אפן אנטקעגנדיקן פא־לאץ און געזאָגט:

— אָט זיי וויסן פון א לעבן!

אין דעם פרעכטיקן פאלאץ וווינט קארוואלהאָ, איינער פון די פינף הונדערט קאפיטאליסטן, וואָס באשטימען אלע פיר יאָר דעם נײַעם פרעזידענט — דעם גורל פון בראזיליע. ער איז אן אייגנטימער פון פיל העקטאר קאוטשוק־וואלד און אן אקציאָנער פון דעם אויסלענדישן טרעסט „אלייטע־בראָווער עט קאָמפאניע".

צו דער „אלייטע" געהער די עלעקטרע, טעלעפאָן, טעלע־גראף, דער טראמוויי, די אײַזנבאן־ליניע און שיפלעך, וואָס קור־סירן פון ריאָ קיין גיקטערוי. ווי א הונגעריקע כײַע פרעסט די „אלייטע" איר רויב...

די פרוי האָט מיד אראָפגעלאָזט די וויִעס, אויסגעקערעוועט זיך הארט צו איר שאָכנטע און באמיט זיך האלטן רוּיק, נאָר אין איר קאָל האָט זיך געהערט אופרעגונג.

— מײַן מאן האָט נעכטן געבראכט פאר א האלבן כוידעש געהאלט, האָב איך פאר דעם געלט אפילע ניט געהאט פארן אל־קערל צו באצאָלן... וואָס־זשע וועט שוין זײַן ווײַטער?... ער הייבט אָן ארבעטן נאָר דרײַ טעג אין דער וואָך...

— ווו ארבעט ער? — האָט א ווערשערן א פרעג געטאָן.

— אין דער „אלייטע".

— אָ, וואָלט מען זיך באדארפט פון זיי באפרײַען.

א דריטע ווערשערן, א טונקלהויטיקע, מיט אײַנגעפאלענע בלוטלאָזע באקן, וואָס זײַנען באדעקט מיט קרענקלעכע פלעקן, דערציילט:

— אז איך בין אלט געוואָרן נײַן יאָר, האָב איך אָנגעהויבן ארבעטן אין קארוואלהאָס קאוטשוק־וואלד. מײַן פאָטער, די

מוטער און מײַנע צװײ ברידער האָבן אױך דאָרטן געאַרבעט. איך האָב געאַרבעט פון זון־אױפגאַנג ביז שטאַרק פֿינצטער, אין אומ־דערטרעגלעכע אַרבעט־באַדינגונגען. די אומפֿאַרשעמטע עקספּלואַטאַציע האָט אײַנגיכן די רױטע פֿאַרב פֿון מײַן יונג׳, בליִענדיקן פּנים אױסגעזױגן, און דערנאָך מײַן קערפּער... אַז איך האָב אָנגעהױבן לײַדן אױף רעומאַטיזם, האָט מען מיך אַרױסגעװאָרפֿן. יאָ, אַרױסגעװאָרפֿן דערפֿאַר, װאָס מע האָט שױן מער גאָרנישט פֿון מיר ניט געקאָנט אױסזױגן...

מאַרקוס זיצט אױף דעם צעמענטענעם פֿונדאַמענט פֿונעם פֿאַר־זשאַװערטן, האַלב־אײַנגעפֿאַלענעם אײַזערנעם פּאַרקן, זײַן שמאָ־לע, דאַרע פּלײצע איז אָנגעשפּאַרט אָן אַן אַרומגעריסענער קאָלאָנע מיט געלע פּליאַמעס. די פֿיס האַלט ער רונד, הערט זיך אײַן אינעם שמועס, װאָס די װעשערנס פֿירן צװישן זיך.

אײנע שאָכנטע טרײסט זײ, אַז עס איז דאָ אַ גרױסער, דער־באַרמדיקער גאָט, װאָס װעט העלפֿן, ס׳זאָל דעם אָרעמען לײַכטער װערן צו לעבן אױף דער װעלט.

מאַרקוס האָט זיך דערמאַנט אינעם שמועס, װאָס באַהיאַ האָט מיט אים געהאַט װעגן דער „אַלײטע", װעגן דער אונטערדרי־קונג פֿון די אַרבעטער אין די קאָלאָניאַלע לענדער. ער האָט גע־צױגן זײַנע געדאַנקען און זיך אױפֿגעהױבן, מיט פֿאַרטראַכטע טריט צוגעגאַנגען צו די װעשערנס.

— אַנזשעלינע, — האָט ער אַ רוף געטאָן די שאָכנטע, — װאָס האָב איך געהערט? פֿערנאַמבוקאָ הײבט אָן אַרבעטן נאָר דרײַ טעג אין דער װאָך?

— סי [1]), — האָט די פֿרױ אומעטיק געענטפֿערט. — פֿון די דרײַ טעג שנײַדט מען אױך דעם געהאַלט.

— אַזױפֿיל גאָלד שלינגט אײַן די ענגלישע קאָמפּאַניע „אַלײטע"! און די אַרבעטער באַקומען אַ הונגער־לױן.

---

1) יאָ.

— אונדזער לאַנד איז דאָך אַזוי פול מיט נאַטור־רײַכטימער!
— װער־זשע זעט דאָס? װוּ־זשע איז עס?

מאַרקוס האָט אַ קוק געטאָן אױף דער שאַכטע און געענט־פערט:

— װי הײַשעריקן, זײַנען די אױסלענדישע גזלנים אונדזער לאַנד באַפאַלן, אַלץ רױבן זײ אַװעק, אַלץ שלינגען זײ אײַן... אָט זעט: פאָרד האָט אין דער שטאַט פּאַראַנאַ באַקומען פיר הונדערט נײַן און נײַנציק העקטאַר קאַוטשוק־װאַלד. די קאַװע־פּלאַנטאַציעס אין שטאַט סאַן־פּאַולאָ געהערן צו די ענגלענדער, און די אײַזנ־באַן־ליניע דאָרטן — צו די אַמעריקאַנער. די שאַכטעס פון בריִ־ליאַנטן אין דער שטאַט מינאַס זשעראַיעס געהערן אױך צו די אױסלענדישע באַנקירן...

— פונװאַנען װײסטו דאָס אַלץ? — האָט אַ װעשערן אַ פרעג געטאָן.

— װאָס הײסט, כ׳האָב דאָס געלײענט אין דער אַרבעטער־צײַטונג.

— איר, גלאָריע, װאַרט מיסטאַמע, אַז דער אײבערשטער זאָל זיך אָננעמען אײַער קריװדע און קומען אײַך העלפן, און מיר זאָגן, אַז פון הימל פאַלט גאָרנישט אַראָפּ... די פאַרשקלאַפונג װעט אַזױ לאַנג הערשן, ביז מיר װעלן ניט פאַריאָגן פון אונדזער לאַנד די אימפּעריאַליסטן!..

די פרױען האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, אײַנגעשטימט מיט מאַרקוסן, נאָר גלאָריע האָט געהױבן מיט די אַקסלען.

אַ קינדערש דינ קעלעכל האָט זיך איבערן הױף אַ טראָג געטאָן:

— מאַרקוס, די מאַמע רופט דיך!

מאַרקוס איז אַװעקגעגאַנגען און אינמיטן װעג זיך אױסגע־קערעװעט, װי ער װאָלט זיך אין עפּעס דערמאַנט. גיך האָט ער אינדערהײך געזאָגט:

— מיר דאַרפן קעמפן פאַר אונדזער באַפרײַונג...

# VI

מארקוסעס מאמע איז א מידע, אנ אויסגעשעפּטע ארײַנגע־פאלנ אינ אלקערל. דער שווערער טאָג ארבעט האָט זיכ אויסגע־צויגנ אפ איר שפּיצעכיק מאָגער פּאָנעם. זי האָט זיכ צוגע־שפּארט אפ דער סאָפּקע, א ווײַלע געקוקט, ווי מארקוס זיצט, האלט דעמ קאָפּ צווישנ די דלאָניעס אונ איז פארטיפט אינ א בוכ. באלד האָט זי מיט דער האנט לײַכט באַרירט זײַנ פּלייצע.

— מארקוס, — האָט זי א רופ געטאָנ.

מארקוס האָט זיכ ווי פונ שלאָף אופגעכאפּט.

— דו, מאמע? איכ האָב גאָרנישט געהערט, ווי דו ביסט ארײַנ־געגאנגענ. וואָסי?

— פונ אוויפיל לייענענ ביכער וועט קיינ גוטס ניט ארויס־קומענ! — האָט די מאמע פארטראכט ארויסגערעדט אונ אומצופרידנ געשאָקלט מיטנ קאָפּ.

מארקוס האָט שווײַגנדיק אָפּגעמאָסטנ די מאמע מיט א פאַרשנ־דיקנ בליק אונ גאָר קיינ כיישעק ניט געהאט צו ענטפערנ אפ אירע ווערטער.

— די ביכער וועלנ דיכ קראנק מאכנ, ארָאפּפירנ פונעמ גלײַכנ וועג, — האָט די מאמע ניט אָפּגעטראָטנ פונ אימ. — נו, ווענ ענ־דיקט זיכ שוינ דער שטרײַק?..

— נאָכ ניט באוווסט, ער וויל נאָכ ניט נאָכגעבנ די פאָדערונגענ.

— שוינ דער אכטער טאָג...

— זײַ רויִק, מיר וועלנ זײַנ אײַנגעאקשנטקײַט ברעכנ, ער וועט נאָכ אונדז באצאָלנ פאר די ניט־ארבעט־טעג.

— אָבער דערווײַל איז מיר שווער צו פארדינענ אפנ לעבנ... האָט די מאמע ארויסגערעדט, אונ א וואָלקנדל זאָרג האָט זיכ באוויזנ אונ גענומענ זיכ שפּרייטנ איבער איר גאנצנ פּאָנעם...

א לײַכטער קלאַפּ אין טיר האָט איבערגעריסן זײער שמועס.

— ביטע, קומט אַרײַן! — האָט מאַרקוס אינדערהײך א זאָג געטאָן.

סעניאָר אַרנזאָן איז לאַנגזאַם, מיט געמאָסטענע טריט אַרײַנגעקומען און איז געבליבן שטײן נעבן דער טיר.

מאַרקוס איז פון אומדערוואַרטונג געבליבן זיצן איבעראַשט. ער האָט פאַרכידעשט אָנגעשטעלט א פּאָר פרעגנדיקע אױגן אױף באַלעבאָס.

— א גאַסט, — האָט ראָכל זיך אָנגערופן און אים אונטערגעטראָגן א בענקל, — קומט אַרײַן נעענטער, זיצט.

סעניאָר אַרנזאָן האָט א פיר געטאָן זײַן בליק איבערן צימערל, געטאָן א שטאַרקן אָטעם, װי עס װאָלט אים אױסגעפעלט לופט, און באַלד זיך געװענדעט צו דער מוטער:

— ראָכל, װאָס זאָגט איר עפּעס אױף מײַנע געשעפטן?

ראָכל האָט מיטפילנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— די עמעסע גליקן.

אַרנזאָן האָט לאַנג גערעדט װעגן שטרײַק און װעגן זײַנע מענטשן. שפּעטער ערשט, נאָך א פּאַוזע, פאַרבײַגײענדיק, האָט ער מאַרקוסן א פרעג געטאָן װעגן דעם, פאַרװאָס ער קומט ניט, און זײַן קאָל איז געװאָרן אַזױ װײך.

— פריִער פלעגסטו בא מיר איבערליגן, און איצט װײַזסטו זיך גאָרניט פאַר די אױגן! — א ביסל שפּעטער האָט ער א זאָג געטאָן שטעכיק: — דו ביסט שױן געװאָרן גרױס בא זיך!

מאַרקוס האָט נערװעז א הײב געטאָן מיט די דאַרע אַקסלען, בלױז א רעגע האָט ער פאַרהאַלטן זײַנע אױגן אױף באַלעבאָס, זײַן ברוסט־קאַסטן האָט זיך גיך געהױבן און אַראָפּגעלאָזט. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט א פאַרלאַנג דעם באַלעבאָס װײַזן די טיר און אים בײז זאָגן: „װער האָט געשיקט נאָך אײַך? גײט אײַך אַהין, פונװאַנען איר זײַנט געקומען!" האָט ער דערהערט, װי זײַן מאַמע האָט אים אָנגעהױבן פאַרענטפערן: „ער האָט שױן

ניט איין מאָל געקלערט צו אַיך זיך דורכגיין, נאָר ער וויל זיך ניט אײַנרײַסן מיט אײַערע ארבעטער״. מארקוסעס פּאָנעם האָט פון אופּרעגונג א פלאקער געטאָן, ער האָט מיט א טיפן ערנסט צו דער מאמען זיך געווענדעט:

— מאמע, איך פארלאנג פון דיר ניט אזא פארטיידיקונג! — און באלד צוגעוואָרפן אן ענטפער דעם „כאוועריֿ־באלעבאָס:

— איך קום ניט צו אַיך, ווײַל איך וויל ניט זײַן קיין שטרײַקברעכער!

ארנזאָן האָט א שמייכל געטאָן מיט א ביטערן, בייזן שמייכל:

— כ׳וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אז דו זאָלסט מיר אזוינס זאָגן, ווען איך זאָל דאָס אליין ניט הערן! איך האָב דיך די מע־לאָכע געלערנט צוריק מיט פינף יאָר, כ׳האָב דיך געהאלטן, ווי אן אייגן קינד. פײַנ... פײַנ...

— וואָס־זשע האָט איר געקלערט, — האָט מארקוס מיט אן אײַנ־געהאלטענעם קאָס געענטפערט, —אז איך וועל זײַן אף אײַער זײַט?

ארנזאָן האָט אָנגעהויבן אומרויִק צו רויכערן זײַן פּאפּיראָס:

— יאָ, איך האָב געמיינט, אז דו, ווי אן ערלעכער אנארכיסט, וועסט זײַן אף מײַן זײַט. דער סינדיקאט און די פארטיי ״אונדזע־רע, די אנארכיסטישע, גיט מיר גערעכט, כע־כע. שוין־זשע בין איך אַיך, מײַנע מענטשן, געוואָרן א סוינע?

מארקוסן איז געוואָרן שווער אפן הארצן, ער האָט דער־פילט אן אנטוישונג אין דעם, וואָס ער האָט אזוי געגלויבט. די ווערטער „אונדזער פארטיי״ — וואָס דער „כאוועריֿ־באלעבאָס האָט אינטערגעשטרײַכט, האָבן אים אָנגעהויבן צו פרעסן.

— יאָ, א סוינע... — האָט ער אין דער שטיל, ווי פאר זיך, באשטעטיקט.

— מאך צו דײַן מויל! — האָט די מאמע א געשריי געטאָן, — האָב אָפּשײַ פאר אן עלטערן! נא דיר גאָר א בערויגעז אף מײַן קאָפּ...

— שוין קנאפע צוויי צענדליק יאָר, אז בא מיר ארבעטן מענטשן. די מענטשן האָבן ניט געוווּסט מיט וואָס מיר אָפּדאנקען. בא מיר זאָל זיך אזוינס טרעפן! — האָט ארנזאָן זיך געווענדעט צו מארקוסעס מאמע. — אשטייגער, ווען מארקוס קומט אליין צו מיר צו, און בעט מיך העכערן דעם ארבעטלוין, וואָלט איך אים דען גע־ווען אָפּגעזאָגט? פאָרט א יידיש קינד, דארף ער פארדינען מערער. איבער דו ווילסט, קום מאָרגן צו דער ארבעט — האָט ארנ־זאָן מארקוסן גוטמוטיק פאָרגעלייגט, — דיר גיב איך א העכערונג אפן ארבעטלוין!

— און די איבעריקע ארבעטער? — האָט מארקוס פאָרשנדיק א פרעג געטאָן.

— וואָס גייען זיי דיך אָן?

מארקוס איז צעקאָכט אופגעשפּרונגען.

— כ'האָב אייך שוין געזאָגט, אז קיין שטרייקברעכער וויל איך ניט זיין!..

— גענוג! — האָט אים זיין מאמע אָפּגעהאקט. זי האָט פאר־בראָכן די הענט און פארומערט געזיפצט: — היינטיקע קינדער... איך וועל אים פון שטוב דורכיאָגן, איך וועל אים צווינגען גיין צו דער ארבעט! ווען מיין מאן לעבט, ער זאָל האָבן דאָרט דעם ליכטיקן גאניידן, וואָלט ער אזוי ניט גערעדט...

— ווען דער טאטע לעבט, דו הערסט מאמע, וואָלט ער מיך, אפילע ווען איך זאָל וועלן, ניט געלאָזט זיין קיין פארעטער! מיך קאָן קיינער ניט נייטן!..

ארנזאָן האָט זיך אופגעהויבן.

— נו, איך גיי. בארעכן זיך, מארקוס, ווען טו מאָרגן ניט קו־מען צו דער ארבעט, וועל איך דיך אינגאנצן מערער ניט צונע־מען. מאָרגן הייבט מען אָן בא מיר ארבעטן.

— איך וועל ניט קומען!

ארנזאָנס פּאָנעם האָט זיך אויסגעקרימט אין א בייזן שפּאָ־טישן שמייכל.

— באווירקט געוואָרן פונעם קאָמוניסטישן גיפט! — האָט ער ארויסגעשאָטן די ווערטער און איז אוועק.

ראָכל ברעכט די הענט, זי האָט דורך טרערן ארויסגע־רעדט:

— גאזלען, וואָס האָסטו געטאָן? ער וועט דיך שוין ניט צו־נעמען צו דער ארבעט! ווו וועסטו איצט ארבעט געפינען?

מארקוסן האָט ניט צורו געלאָזט דעם באַלעבאָס ווערטער, אז מאָרגן הייבט מען בא אים אָן ארבעטן... „דער שטרײַק איז פאר־שפילט"... האָט אים געגעבן א זעץ אין קאָפּ. ער איז האסטיק צו צו דער טיר, מיט איר א קלאַפּ געטאָן, איז פארשוואונדן.

— וווהין יאָגסטו זיך? — איז אים נאָכגעלאָפן דער מאמעס ווערטער, נאָר ער האָט שוין אָבער אפ זיי ניט געענטפערט.

מארקוס האָט געשפּרײַזט מיט א זײַט, עטוואָס אונטערהייבנדיק דעם לינקן אקסל. ער איז אוועק צו באהיאַנ אים איבערצוגעבן דעם שמועס, וואָס ער האָט געהאט מיטן „כאוור" - באַלעבאָס ..

# קאַפּיטל צוויי

## I

ניט ווײַט פֿונעם וואָקזאַל, בײַ אַ ווינקל פֿון דער פּראַסע־רעפּובליק, הייבן זיך אָן ציִען בײדע גאַסן סענאַדאָר עווזעביע און וויסקאָנדע איטאַונע. ביז דער פּראַסע אָנזע דע זשוניע ליגן די גלײַכע אַספֿאַלטירטע גאַסן אָפּגעזונדערט. פֿון נאָך דער פּראַסע אָנזע האָבן די בײדע גאַסן פֿאַרלוירן צו איין זײַט, זיי האָבן זיך צונויפֿגעגאָסן — פֿאַרייניקט. אינדערמיט פֿון די בײדע גאַסן האָט זיך אײַנגעשניטן די צעמענטירטע ריטשקע מאַנגאַ מיט איר זומפּיקער שטינקענדיקער בלאָטע, וואָס האָט דעם אויסזען פֿון סמאָלע. לענגויס דער ריטשקע מאַנגאַ, פֿון בײדע זײַטן, שטייען פֿעסט אײַנגעוואָרצלט אַלטע, דיקע, הויכע שלאַנקע פּאַלמעס.

צווייגאָרנדיקע אווטאָס און טאַקסיס לויפֿן מיט אַ שטיל ווייכ שורשען, מיט אָפּגעריסענע דראָענדיקע סיגנאַלן פֿון סירענעס, אַראָפּ דער גאַס סענאַדאָר עווזעביע און אַרויף דורך דער גאַס וויסקאָנדע איטאַונע. די אווטאָמאָבילן שרעקן די „גרינע", וואָס האָבן נאָך ניט באַנומען די געזעצן פֿון דער גרויסשטאָטישער גאַס־באַוועגונג; אָפּטמאָל קײַקלען זיך דורך די רעדער פֿון אַן אווטאָמאָביל איבער אַ מענטשלעכן קערפּער...

די צוויי אויסגעצויגענע גאַסן — סענאַדאָר עווזעביע און וויס־קאָנדע איטאַונע, וואָס שנײַדן דורך די פּראַסע אָנזע, די קלייטן, וואָס ליגן אינעם שויס פֿון דער פּראַסע אָנזע, די מענטשן, וואָס באַוווינען זי, זייער שטייגער־לעבן, איז פּונקט ווי מע וואָלט אַ בעסאַראַבער אָדער אַ פּויליש־ייִדיש שטעטל איבערגעפֿירט אין

דער שיינער גרויסער בראזיליאנער הויפטשטאָט און דעם א נאָמען געגעבן:

„פראסע אָנזע דע זשוניע״.

... פון קעגניבער דער אײַזנבאַן־ליניע קוקט אפ דער פראסע אָנזע א נאקעט־הוילער מעשופּעדיקער בארג. צופוסנס דעם בארג, צווישן גרויע שטיינערנע פלאסטן, און אינדערהייך אפן בארג, אין די ערטער, ווו דינאמיט האָט די גרויע שטיינערנע פלאסטן פונעם בארגס הארץ ארויסגעריסן, זײַנען פון דינע ברעטלעך און בלעכן צונויפגעקלאפּט באראקלעך. דאָס איינציקע בעט, וואָס שטייט אין דער קאָנורע, איז אויך אייגענע ארבעט—צונויפגעקלאפּט פון ברעטלעך, דינט עס פאר א שטול, א טיש און א געלעגער פאר דעם גאנצן געזינד.

פון קאיאָר אָן טראָגן זיך מיט אומרו איבער דער שטאָט די אײַנוווינער פון בארג זוכן ארבעט און עסן... בא יעדן אין זייקאָרן איז פארקארבט דאָס, וואָס בא זיי אין די באראקלעך איז פאר זייערע הונגעריקע קינדער ניטאָ קיין שטיקל ברויט און ניט פיזשאָן קאָן־ארויזש [1]... ערשט פארנאכט קומען זיי מידע אהיים, זיי בלײַבן זיצן בא די טירלעך פון נויט און קראנקײַט... קוקן מעלאנכאָליש אפ דער זאטער, טומלדיקער פראסע אָנזע.

ווען טיפע פינצטערניש האָט מיט אומעט און עלנט די אײַנוווינער פון בארג געדריקט, און ווען זיי האָט זיך געדוכט, אז עס וועט שוין קיינמאָל ניט נעמען קיין סאָף צו דעם לעבן, האָט דאָס לויטערע וואָרט פון דער אונטערערדישער קאָמפּארטיי זיך שטורעמדיק א טראָג געטאָן איבערן בארג פון באראקל צו באראקל און געמונטערט...

די אײַנוווינער פון די באראקלעך האָבן זיך פארזאמלט. איבער זייערע קעפּ אין דער ווײַטער הייך ליגט א טונקל־בלויער הימל מיט א לעוואָנע, ווי א סערפּ.

1) א פאָלקס־מײַכל — רײַז מיט פאסאָליעס.

אינדערמיט צווישן די ארבעטלאָזע זיצן באַהיאַ און הערשל — ביידע פֿאַרשטייער פֿון דער אומלעגאַלער קאָמפּאַרטיי. באַהיאַס שטימע דונערט איבערצייַגנדיק:

— עס איז נאָך ניט עק וועלט, ניט אייביק וועט הערשן די נאַכט! מענטשן פֿון ארבעט, איר זייַנט מיליאָנען, איר זייַנט די, וואָס האָבן זיך אינדרייַען געבויגן, מיט בלוט און מיט שווייס באַפֿרוכפּערט אונדזער לאַנד, געשאַפֿן רײַכטימער פֿאַר אייניצלנע. שטייט אויף!

באַהיאַס ווערטער האָבן געוועקט און גערופֿן. טונקל־הויטיקע הענט האָבן זיך אויפֿגעהויבן, פֿאַרבײַלט אין פֿויסטן און געװען גרייט.

אױפֿן אַנדערן טאָג האָט א אָנסאָפּיקע געשלאָסענע קייט פֿון מענטשן זיך געצויגן פֿון דעם מעשופּעדיקן באַרג, פֿון די קאָנורעס איבער דער גאַנצער לענג פֿון דער פּראַסע אָנזע.

באַם אָנהייב און אינמיטן דער צוזאַמענגעשמידטער מענטשנקייט — רויטע פֿאָנען און טראַנספּאַראַנטן.

אין די האַלב־פֿאַרמאַכטע טירן פֿון די קלייטן זײַנען די קרעמער געשטאַנען. איבער זייערע לײַבער איז א ציטער דורכגעלאָפֿן.

פּרויעם דער שניט־קרעמער האָט ארויסגעפּאָפּעט און דערבײַ געשאָקלט מיטן ציגענעם בערדל:

— שווער ווערט צו לעבן...

מיטאַמאָל האָבן זיך זײַנע וואַסערדיקע אויגן ברייט צעעפֿנט, און א קלאָלע האָט זיך באַ אים ארויסגעריסן:

— אָט האָט איר אײַך ייִדן! צאָרעס רוקן זיי אַף אונדזערע ייִדישע קעפּ...

אָנגעלאָפֿענע מאַכנעס פּאָליציי־לײַט האָבן דעם וועג איבערגעשניטן. רעוואָלווערן האָבן זיך צעקנאַלט...

„נאַט אײַך ברויט, נאַט אײַך ארבעט..."

דורך שטורעם און שלאכט האָט דער טאָג זיך באַצירט אין בלוטיק־רויט...

II

אין דעם קאַפע־הויז „פּראָסע־אַנזוע" האַרט אין א ווינקל בא א קליין קײַלעכיק מאַרמאָרנעם טישל זיצט מארקוס איינער אליין און קוקט אַרײַן אין אַ אַוונטיקער צײַטונג. פון מאָל צו מאָל רײַסט ער זיך אָפּ די אויגן פון דער צײַטונג און פאלן אפּ א פּאָר זשעסטיקולירנדיקע הענט פון א שכיינעסדיקן טישל. ליידנשאַפטלעכע שמועסן גרילצן אים אין די אויערן. ווילד זעט אים אויס דאָס קאַפע־הויז מיט אירע באַזוכער.

— אַן עמעסער באַלאַגאַן — האָט ער א טראַכט געטאָן.

א טישל, וואָס שטייט דרײַ שפּאַן פון אים, האָט זײַן גאַנצן געהער צוגעצויגן.

— אויף סענאַדאָר עוועניע נומ. 93 איז אַן עמעסע קאָמוניס־טישע נעסט... גאַנצע פּעק מיט קאָמוניסטישער ליטעראַטור קומט אַהינצו אָן, אפילו פון רוסלאַנד...

— איר וועט זען, ווי זיי וועלן נאָך פאַרשמירן אונדזער ער־לעכן סאָכרישן נאָמען פאַר דער בראַזיליאַנער וועלט. זיי וועלן נאָך אַראָפּברענגען אַהער אַנטיסעמיטיזם...

פּרויעמס ציגן בערדל האָט זיך א וויג געטאָן, און זײַנער א גראָבער פינגער האָט אָנגעהויבן שנײַדן די לופט. ער האָט זײַנע פרײַנט געענטפערט:

— מע, פון יידן רעוואָלוציאָנערן ווייסן מיר אפילו פון אונדזער טוירע. אויף אַזוינע דאַרף מען א כיירעם אַרופלייגן, פאַריאָגן פון אונדז... ס'איז אפילו א מיצווע זיי איבערגעבן דער פּאָליציי... נו, נו, עטלעכע פּויליאַקעס האָבן זיך צוזאַמענ־געקליבן, ווילן אונדז לערנען, אַז מע דאַרף לעבן פון ערלעכער אַרבעט, — האָט ער מיט ביטל פאַרענדיקט.

מאַרקוס האָט זיך אַזש געגעבן א רודער. זײַנע טונקל־בלויע אויגן האָבן זיך ברייט פאַנאַנדערגעעפנט און שאַרף זיך אײַנגע־

שטאָכן אין ציגענעם בערדל: „ער, דער פּאָנפּאטש, פּרויעם דער שניט־קרעמער...״ — האָט ער צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן.

אַ יונגער באָכער איז צו מאַרקוסן צוגעגאַנגען און אופגעלעבט אַרויסגערעדט:

— קאָמאַ־וואַי, מאַרקוס ?[1]

מאַרקוס האָט זיך אומגעקוקט.

— אַ דאַנק, זיץ, באָריס.

— איך האָב אַפילע קיין צײַט ניט, נאָר איך וועל מיט דיר אויסטרינקען אַ טעפּעלע קאַווע, — האָט באָריס געענטפערט.

— וווהין אײַלסטו זיך ?

— הײַנט איז אַ בײַלע [2] אין יוגנט־קלוב.

ערשט איצט האָט מאַרקוס געכאַפּט אַ קוק אַף באָריס רייניגעגאָלטן פּאָנעם, אַף זײַן גוטן באָסטאָנער אָנצוג און ניט גערן אַרויסגערעדט:

— דערפאַר ביסטו אַזוי פּאַרקנאַקט.

— אַ גאַסט אַף דער פּראַסע אָנזע!

— יאָ, שוין לאַנג דאָ ניט געווען, — האָט מאַרקוס געענטפערט.

— זע נאָר, ווײַז זיך נאָר אַ ביסל מערער אַף דער פּראַסע אָנזע, אַניט וועט מען נאָך זאַגן, אַז דו האָסט זיך אָנגעהויבן כאַווערן מיט די לאַפּע [3]־יידן, — האָט באָריס איראָניש געשמייכלט און האָט געגלעט מאַרקוסן מיט אַ בליק.

— איך זע ניט דעם אונטערשייד פון דער פּראַסע אָנזע צו דער לאַפּע, — האָט מאַרקוס אים שאַרף געענטפערט.

באָריס האָט דורכדרינגלעך אַ קוק געטאָן אַף מאַרקוסן און, ווי אַ פאָרשטייער פון דער פּראַסע־אָנזע, אים געענטפערט:

— אונדזער קאָלאָניע איז ניט קיין פּרויען־הענדלערישע!

---

1) וואָס מאַכסטו, מאַרקוס.

2) באַל.

3) פּרויען־הענדלער.

— וואָס־זשע, דו וועסט לייקענענ, אז שווינדל, רויב אונ פראָסטיטוציע זײַנענ פארבונדנ מיט דעמ הערשנדיקנ רע־זשימ?

— כ'האָב גאָר פארגעסנ, אז כ'רעד מיט אנ אנארכיסט!

— דו רעדסט מיט אנ ארבעטער!

— איכ בינ אויכ געווענ אנ ארבעטער אונ האָב געהאט אנ אנדער אידעאָלאָגיע.

מארקוס האָט א קוק געטאָנ אפ דעמ ארומ אונ מיט כויזעק א שמייכל געטאָנ:

— אנ עמעסער וואָדעוויל!

— דו הער נאָר אופ שפעטנ.

א הויכער, א ביסל אײַנגעהויקערטער מענטש מיט א פאר־וואָקסענעמ שוינ לאנג ניט געגאָלטנ פאָנעמ איז געבליבנ שטיינ צווישנ מארקוסנ אונ אנדערנ טישל. פלוצעמ האָט ער פארהויבנ א פויסט אונ געטאָנ א זעצ אינ שכיינישנ טישל. פיר קאווע־טעפע־לעכ זײַנענ מיט א בראזגערײַ אראָפגעשפרונגענ אפנ צעמענטע־נעמ דיל. א צעקאָכטער האָט ער געטאָנ א געשריי:

— מאָשעניק! זאָל דאָרטנ, אינ קוקאָראָנ [1], די ערד דײַנ טאטנ ארויסווארפנ אונ דיכ דאָ ארײַנעמענ! דו וועסט מיר שיקנ א וועקסל אינ פראָטעסט! דו נידערטרעכטיקער גאנעוו!..

פרויעמ האָט קאלט געענטפערט:

— וואָס־זשע רעגט איר זיכ אזוי אופ, מײַנ פרײַנט, מיר קאָנענ אפ אנ אנדער אויפנ זיכ אײַנפארשטײנ, — אונ ער האָט זיכ אופגעהויבנ אפ אוועקגײנ.

דער מענטש האָט פרויעמענ אָנגעכאפט באמ האלדז אונ אינ דער לופטנ האָט זיכ א הוידע געטאָנ א פויסט.

— גוואלד, ייִדנ! רעציייעכ, לאָז אָפ!

— איכ וועל דיר דײַנ פרומ־גנייווישע מאָרדע צעזעצנ!

---

1) א שטעטל אינ בעסאראביע.

עטלעכע קלינטעלשטשיקעס 1) זיינע אונטערגעשפּרונגען, האָבן פּרויעמען א צעשויבערטן מיט א צעריסענעם העמד פון זיינע הענט באַפרייט:

— שעמט זיך, ייִדן זאָלן זיך שלאָגן!..

— איר מעגט עס אויסהערן, — טײַנעט אַלץ אופגערעגט דער קלינטעלשטשיק, — איך האָב בא אים געקויפט אף קרעדיט. איינמאָל פאַרקויפט איך א קוינע א קאָרטל זײַד פון דרײַ מעטער. דער קוינע האָט פונקט באַלד איבערגעמאָסטן, און עס איז געווען נאָר צוויי מעטער מיט דרײַ פערטל, א צווייט קאָרטל — נאָך ווייניקער.

— א נײַס, — האָט עמעצער מיט אן איראָנישן שמייכל צוגעוואָרפן.

— אז איך בין געקומען צו אים אין קלייט אַרײַן און האָב אים דערציילט, האָט ער אַרויסגעפּאָנפעט, אז דער קוינע האָט אפגעווויס אַראָפּגעגאַנווועט. פון דעמלט אָן, האָב איך אים געקוקט אין די הענט, כ'האָב אָבער ניט געוווּסט, אז ער קאָן אויך צושרײַבן צום בוך.

מאַרקוס האָט באָריסן א ווונק געטאָן:

— וואָס זאָגסטו אף דעם בילד?

— אַזוי איז אונדזער פּילפּאַרביק לעבן, — האָט באָריס לײַכט אים געענטפערט.

מאַרקוס האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און לאַקאָניש געזאָגט:

— א זומפּיק לעבן!

— זע נאָר, אז דער זומפּ זאָל אויך דיך ניט אַרײַנציִען, — האָט באָריס א שטאָך געטאָן מאַרקוסן, — נו, און דו האָסט נאָך אַלץ קיין אַרבעט ניט געקריגן?

— ניין.

---

1) פּעדלער.

— הערסטו, ארבעטן זאָלן מאַלפּעס [1], נאָר ניט קיין ייִדן!

— דאָס איז פונעם בונדישן שטאַנדפּונקט? — האָט מאַרקוס מיט א שמייכל געפרעגט.

— מעגלעך, — האָט באָריס אָפּגעהאַקט מאַרקוסן. — ווען איך בין געקומען קיין בראַזיליע, בין איך אויך געווען אײַנגעאַקשנט, כ'האָב דעם פּעקל־האַנדל ניט געוואָלט אָנקוקן. כ'האָב אָנגעהויבן ארבעטן אין א מעבל־פאַבריק. און לאַנג האָב איך ניט געאַרבעט. איצט האָב איך מיר א שיינע קליִענטעלע און א ביסל געלט אָפּ־פראַצענט! וואָלט איך דאָס געקאָנט פון ארבעט אָפּשפּאָרן?

— באַשטימט ניט!

באָריס האָט איבערגעריסן דעם שמועס. ער האָט מיט אײן זופּ אויסגעטרונקען דאָס קאַלט געוואָרענע טעפּעלע שוואַרצע קאַווע און פאָרגעזעצט:

— ווי א פּראַקטישער מענטש, וואָלט איך דיר געראָטן זיך ניט אַקשענען. דו האָסט א מעגלעכקייט צו פאַרלייכטערן דײַן לעבן, שטויס זי ניט אָפּ. נו, גיב אַלײן א קוק, פאַר אַזויפיל יאָרן ארבעטן האָסטו אפילו קיין רעכטן אָנצוג ניט אָפּגעשפּאָרט.

מאַרקוס האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ א ביסל אין א זײַט, די אויגן אָנגעשטעלט אין אײן פּינטל און זיך פאַרקלערט. פאַר זײַנע אויגן איז אים אויפגעשווומען דער וויקועך, וואָס ער האָט געהאַט מיט זײַן אויסגעגעבענער שוועסטער. מאַרקוס האָט באָריסן מיט א מאָדנעם טאָן איבערגעפרעגט:

— ווערן א קלאַפּער [2]?! אָבער...

באָריס האָט אים איבערגעשלאָגן:

— פײַפ אָפּ דער איבערצײַגונג, אָט האַלט איך נאָך איצט אויך אָן די פאַרבינדונג מיטן בונדישן קאָמיטעט פון מײַן שטעטל. דו מעגסט מיר גלייבן, אז איך בין נאָך איצט א גוטער בונדיסט, עך, ווען איך קען די לאַנדשפּראַך, ווי דו, וואָלט איך...

1) די פּעדלער רופן די געבירטיקע אײַנוווינער „מאַלפּעס".
2) א פּעדלער.

װאָס װאָלסטו? — האָט מארקוס נייַגעריק באָריסן געפרעגט.

— װאָלט איך איצט שוין געהאט אן אייגענעם מויער, טאקע דאָ אפ דער פראסע אָנוע.

— איך קאָן ניט...

— שעם זיך, און צװען קאָנסטו, װי דייַן מאמע לעבט אין גרויס נויט! קום מיט מיר, װעסטו זען, װי איך האנדל. דו װעסט מיר דערנאָך אָפדאנקען.

אז באָריס האָט געזען, װי מארקוס האָט אָן דערװידערונג אופגענומען זייַן פאָרשלאג, האָט ער אפדאָסנייַ אָנגעהויבן מיט אים אייַנטייַנען, אז ער קאָן גוט פארדינען, אז איצט פונקט איז דער סעזאָן, און דערבייַ לעבעדיק געפרעגט:

— זאָל איך אינדערפרי װארטן אפ דיר?

— איך װעל זיך נאָך באַװשעװן, — האָט מארקוס ניט־אנטשלאָסן געענטפערט.

ביידע האָבן זיך אופגעהויבן, מארקוס איז אװעק צום טראמװייַ.

## III

א טריבער פרימאָרגן, א װינטערדיקער יונ־טאָג [1]. א גרויער נעפל האָט נידעריק פונעם יאם זיך צעקנוילט און אייַנגעהילט די שטאָט אין טונקלקייַט.

מארקוס איז א בלאסער, װי ער װאָלט די נאכט ניט גע־שלאָפן, אריינגעקומען צו באָריסן. ער האָט זיך געגריסט, איז געבליבן שטיין שטיל ניט װייַט פון דער טיר און פארטראכט געקוקט, װי באָריס פילט אָן א גרויסן קאסטן מיט פארשיידנער־ליי סכוירעס.

באָריס האָט שנעל אופגעהויבן זייַנע שװארצע אומרויִקע אויגן פונעם קאסטן, אָבער דאָס צונויפלייגן די סכוירעס האָט ער

[1] יונ איז אין בראזיליע א װינטער־כוידעש.

ניט איבערגעריסן. ער האָט מארקוסן געענטפערט אף דער באַ־ גריסונג, ווידער דעם קאָפּ אָנגעבויגן איבערן קאסטן. אז ער האָט דעם קאסטן אָנגעשטאָפּט מיט זייַד, מיט וואָלענע שטאָפּן, מיט מאנטלען און לייַבלעך, האָט ער דאָס דעקל פארמאכט. באַ־ ריס איז גאָר נאָענט צו מארקוסן צוגעגאנגען און צופרידן זיך אָנגערופן:

— ענדלעך ביסטו צום סייכל געקומען, פארשטאנען, אז יע־ דער מענטש דארף זיך אליין דורכשלאָגן א וועג אין לעבן. גוט האָסטו געטאָן, דו וועסט ניט כאראָטע האָבן.

מארקוס איז געשטאנען פארזונקען אין געדאנקען, און ער האָט באָריסן גאָרנישט ניט געענטפערט. ער האָט מיט אלע זייַנע געפילן געשפירט, אז די קלאפערשע „מעלאָכע" איז ניט פאר אים. א שטראָם מיט ווארעמע געפילן האָט א פלייץ געטאָן אין זייַן קאָפּ — דער קרייַז פון פרייַנט און כאווערים, מיט וועלכע ער האָט געארבעט אינאיינעם, האָבן זיך אָנגעהויבן שנירלען אין זייַן מויעך. פלוצעם איז ער צוריק פארוואָלקנט געוואָרן, א רויטע פארב איז אים ארויס אפן ניט־אויסגעשלאָפענעם געזיכט. ער האָט געטראכט:

„ווען באהיא אָדער ווירזשיניע וואָלטן דאָס באמערקט"...

— זשאָזע! — האָט באָריס א רוף געטאָן, שטייענדיק אף דער שוועל פון דער האלב־אָפענער טיר.

דער נעגער זשאָזע איז ארייַנגעקומען אין צימער. דער שווארצהויטיקער איז א שמאָל־ברוסטיקער, א דארער. זייַנע באָר־ וועסע דינע פיס זייַנען אָנגעטאָן אין א פּאָר הילצערנע שטעקשיך. זשאָזע האָט גענומען א האנטעך, אים, ווי א בייגל, קייַלעכדיק פארפלאָכטן און אוועקגעלייגט אפן געקרייַזלטן קאָפּ. ער האָט מאָרעשכוירעדיק זיך אייַנגעהויקערט און אייַנגעבויגן דעם קאָפּ. באָריס האָט אים געהאָלפן דעם קאסטן מיט דער שווערער מאסע ארופשטעלן אפן האנטעך.

— ס'איז שווער? — האָט באָריס גלאַט אַזוי אַ פרעג געטאָן.

זשאָזעס פּאָנעם האָט זיך אויסגעקרימט אין אַ האַכנאָעדיקן שמייכל, אָפּן אָרט פון אַן ענטפער האָט ער נאָר אַ הייב געטאָן מיט די ביינערדיקע אַקסלען.

אין פרימאָרגן האָט באָריס איבערהויפּט אַ טעווע פון איילן זיך, אַפילו ווען ער דאַרף ניט. ווי נאָר ער האָט זיך אַליין אָפּגעקסל פאַרוואָרפן אַ מאַנטל, אַ פרויען־סוועדער און פאַרשיידענע קאָלירנדיקע שטאָפן — זיידענע און וואָלענע, זיך באַצירט, ווי אַ קאָמעדיאַנט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, מיר גייען!

מאַרקוסעס מאַרך האָט זיך געטאָן זיינס. ווי אַ פאָדעם, אַלץ געצויגן דעם פריערדיקן געדאַנק, און פאַר די אויגן האָט דער נעפּל זיך געקאַטשעט, פאַרשטעלט פון אים די אייביק גרינע ביימער, די פאַרשיידנפאַרביקע בערג. אָפּן האַרצן איז אים נאָך טרויעריקער געוואָרן... ער האָט אַריינגענומען לופט אין זיין ברוסט און געשפּרייזט מיט באָריסן.

הינטער זיי גייט זשאָזע מיט גלייכע געמאָסטענע טריט, מיטן שווערן קאַסטן אָפּן קאָפּ.

באָריס פאַרשנעלערט דעם גאַנג און דערציילט אַלץ מאַרקוסן פון זיינע גליקן. ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און פאָרגעזעצט:

— באַטראַכט נאָר די שיינקייט פון אונדזער האַנדל. איך גיי מיר מיט אַ גרינגן געמיט אָפּ דער פרישער לופט, הינטער מיר גייט נאָך אַ שוואַרצער מיט אַ קאַסטן אָפּן קאָפּ, אין קאַסטן ליגט אָנגעלייגט פון אַלדאָס גוטס!

— נאָך אַ ביסל שאַרפער זאָל דער קריזיס זיך איינשניידן, וועט דער באָדן פון איירע לופט־געשעפטן זיך צעשווימען, — האָט מאַרקוס צווישן די ציין דורכגעזיפּט.

ער האָט זיך אויסגעדרייט, געכאַפּט אַ קוק אָפּ זשאָזען. זיינע

טריט זײַנע אוזינע געמאָסטענע און שווערע... ער גייט מיט אַן אויסגעגלײַכטן קאָפּ אונטער דעם ברייטן און לאַנגן קאַסטן.

— אַף דער גאַס סאַן־פראַנציסקאָ־שאווייער האָט באָריס אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר. אַ האַלבע טיר האָט זיך אופגעעפנט און אַ ווײַבל האָט איר קאָפּ אַרויסגעשטעקט:

— איך דאַרף הײַנט גאָרנישט.

באָריס האָט קונציק אַ פוס אַרײַנגעשטעלט אין דער האַלב־אָפענער טיר און, ווי אַ קאַץ, וואָס דערפילט אַ פעטן ביסן, פון דער טיר ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט דער סעניאָרע אַלץ אויסגע־רעכנט זײַן סכוירע, אָנגעהויבן איר אײַנריידן, אַז באַצאָלן וועט זי ערשט דעם קומענדיקן כוידעש; ער פאַרקויפט האַלב־אומזיסט, און נאָך אַף אויסצוצאָלן אין צען כאַדאָשים. זײַנע אויגן האָבן זיך גיריק צעברענט.

די סעניאָרע האָט געבעטן:

— נעמט צו דעם פוס, לאָזט די טיר פאַרמאַכן. קומט אַן אַנ־דער טאָג!

— באָריס איז אַלץ ניט אָפּגעטראָטן. ער האָט איר אַרײַנגע־שטופּט אַ קאַרטל [1]) זײַד און אַ וואָלענעם סוועדער, און זיך זײַנס געטײַנעט:

— איך וועל אייך נאָר ווײַזן, איר וועט דאָך דערפאַר גאָר־ניט באַצאָלן!

די פרוי האָט זיך געבויגן, ניט גערן אים אין שטוב אַרײַנגע־לאָזט.

מאַרקוס שטייט באַ דער זײַט, זײַן פּאָנעם איז פון בושע אָנ־געצונדן. ער קוקט זיך צו און הערט זיך אײַן.

סאָפּקאָלסאָפּ האָט באָריס מיטן קוינע געשלאָסן געשעפט. ער האָט איר דערלאַנגט אַ קאַרטאָן, ווו עס איז אָפּגעדרוקט זײַן פיר־מע מיט דער גאַס און נומער טעלעפאָן. דער קוינע לייענט אַפּן קאָל.

1) אַן אָפּשניט פון דרײַ מעטער.

באָריס האַרצ צעוואַקסט זיך פֿון נאַכעס. ער שטייט און מיט זײַנע אויגן עסט ער דער סעניאָרעס אַנטבלויזטן האַלדז, אירע ברוסטן, וואָס שפּאַרן אַרויס פֿון דער בלוזע, און איז שטאַרק צופֿרידן פֿונעם פֿאַרדינסט.

מאַרקוס קוקט אויף זיי בײדע, אויף באָריסן און אויף קוינע, און עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז ער שטייט אויף אַ פֿעלדזיקן ברעג יאַם. דער פֿעלדזיקער ברעג איז פֿון די לאַנגע ווינטער־רעגנס צעווייקט און נאַס. פּלוצעם האָט ער זיך אויסגעגליטשט און צוזאַמען מיט אַ געדיכטער ערדיקער מאַסע אָנגעהויבן זינקען אין טיפֿעניש פֿונעם ברויזנדיקן יאַם...

באָריס האָט אַן אויפֿגעלייגטער אײַנדרויסן געריבן די הענט.

— וואָס זאָגסטו, ווי איך האָב זי אַרײַנגענאַרט! איך האָב שוין לאַנג אויף איר פֿאַרוואָרפֿן אַן אויג און ביז הײַנט זי ניט געקאָנט אָנקלאַפּן. אַ גוטער קוינע, אַ ווײַבעלע אַ לעקעכל...

מאַרקוס האָט אים איבערגעשלאָגן:

— און וויפֿל האָט איר פֿאַרדינט?

— מיך קאָסט דער מאַנטל הונדערט צוואַנציק מילרײַס, און גענומען האָב איך צוויי הונדערט מיט אַכציק, איז וויפֿל־זשע האָב איך פֿאַרדינט? אָט אַזוי, ברודערקע, דאַרף מען האַנדלען, — לערנט ער מאַרקוסן.

באָריס האָט זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אַ שטוב, ער האָט פֿון אַ קעשענע אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַק קאַרטאָנען, אויף וועלכע עס זײַנען זײַנע קוינים פֿאַרשריבן. צווישן די קאַרטאָנען האָט ער אויפֿגעזוכט איינעם, ווו ער דאַרף אײַנמאָנען אַ כוידעש־ראַטע.

ער קלינגט אָן אין טיר.

אַ פֿרוי האָט די טיר געעפֿנט.

מאַרקוס האָט באַמערקט, ווי די פֿרוי האָט אַ ציטער געטאָן, איר פּאָנעם איז געוואָרן בלאַס און פֿאַרלוירן, זי האָט אינדער־שטיל באָריסן געבעטן:

— קומט אנ אנדערש מאָל, מײַנ מאנ האָט נאָכ קײנ ארבעט ניט געקריגנ.

מארקוס האָט פונ דער זײַט געכאַפּט א קוק אפ באָריסנ. ער האָט באמערקט, ווי זײַנ טעמפּ גלײַכגילטיק געזיכט האָט אפ זיכ ארופגעצויגנ א שטרענגנ אויסדרוק.

באָריס אָנגעברויגעזט פּאָנעם נעמט דורכ די פרוי. זי האָט אירע בליקנ צו דער ערד אראָפּגעלאָזנ. ער האָט מיט קאס, אפ א צעבראָכענעם פּאָרטוגעזיש געגעבנ א געשריי:

— אז מע קויפט, מוז מענ צודערצײַט צאָלנ! איר הערט! — ער נעמט אלץ ניט אראָפּ זײַנ שנײַדנדיקנ בליק פונ דער פרויס פּאָנעם.

— עס קומט אײַכ אסאכ פונ מיר? — האָט די פרוי איבער־געשראָקנ געפרעגט.

— ניט וויכטיק וויפל, — האָט ער געשריענ, — פאר צוויי כאדאָשימ האָט איר שוינ ניט געצאָלט! אויב איר וועט מיר ניט צוגרייטנ קײנ געלט אפנ פינפ אונ צוואנציקסטנ, וועל איכ אײַכ אינמיטנ גאס אויסטונ דעמ מאנטל.

מארקוס האָט דערפילט פּײַנטשאפט צו באָריסנ, ווי צו א העסלעכער זאכ. „או, ווי נידערטרעכטיק דו ביסט". ער האָט זיכ אָבער באהערשט, ניט געלאָזט די ווערטער זיכ ארויסרײַסנ פונעם גאָרגל.

די פרוי האָט צעקאָכט, ניט מיט איר קאָל אימ אָפּגעענט־פערט:

— פריער זײַנט איר אזוינע גוטינקע, איר ווארפט פּאָשעט אָנ די סכוירע, אונ דערנאָכ צאפּט איר דאָס בלוט פונ אונדז. אונ זי האָט די טיר פארהאקט.

— עס ווײַזט אויס, באָריס, — האָט מארקוס מיט א פארבאַ־האלטענעמ האס אימ געזאָגט, — דו ביסט קײנמאָל ניט געווענ קײנ ארבעטלאָזער, אונ דו ווייסט ניט, וואָס עס הייסט נויט...

באָריס האָט מיט אומרויִקע אויגנ מארקוסנ שארפ אָנגעקוקט.

— מע מוז צו זיי זײַנ שטרענג, אניט ווערנ זיי טשעווע־קעס! [1]

— אזוי ברוטאל... אזוי אומענטשלעכ... — האָט זיכ בא מאר־קוסנ ארויסגעכאפּט.

— לאָז מיכ צורו!

באָריס האָט קײנ צײַט ניט זיכ ארײַנלאָזנ אינ לאנגע כקי־רעס. ער האָט זיכ אויסגעקערעוועט, מיט א האנט א רופ געטאָנ דעמ טרעגער, ער זאָל אונטערקומענ נעענטער, אונ אָנגעקלאפּט אינ א שטוב, וואָס שטײט הארט באמ טראָטואר.

דורכ אַ שפּארונע פונ א פענצטער האָט עמעצער אומצופרידנ אָפּגעהאקט:

— איכ דארפ גאָרנישט!

באָריס איז געבליבנ שטײנ אפ זײַנ אָרט, ער האָט זײַנ אסאָר־טימענט סכוירע אויסגערעכנט, זיכ געבעטנ מיט א ראכמאָנעס־שטימע, אז מע זאָל בא אימ קויפנ.

דאָס פענצטער האָט זיכ ברײט פאנאנדערגעעפנט. א מאנ האָט געזשמורעט די אויגנ, אָפּגעמאָסטנ זיי מיט א פײַנטלעכנ בליק אונ מיט קאס א זאָג געטאָנ:

— וואָס האָט איר זיכ, ווי קלעשטשעס, צוגעטשעפּעט? איכ זאָל אײַכ מער דאָ ניט זענ!

א קאלטער ציטער האָט, ווי מוראשקעס, א לויפ געטאָנ אי־בער מארקוסעס לײַב אונ אימ דערנאָכ ארײַנגעוואָרפנ אינ א הײסנ שווײס. זײַנ ברוסט האָט זיכ צעוויגט, געארבעט מיט די לעצטע קויכעס אונ, ווי א גאנעוו, מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ איז ער פונ דער שטוב אנטלאָפנ.

מארקוס איז געבליבנ שטײנ אינמיטנ א שײדוועג. פונ זײַנ אופגערעגטער אומרויִקער ברוסט האָט זיכ ארויסגעריסנ?

— גענוג פאר מיר!..

באָריס האָט זיכ הילכיק פאנאנדערגעלאכט.

1) צונעמער.

— זיך איבערגעשראָקן? א?

— מוחל, איך קאָן ניט טרײַבן אײַערע פּראָסע־אָנזע... געשעפטן! ביידע זײַנען געבליבן שטיין אַף אַן אָרט, אַ פּאָר טריט איינער פונעם אַנדערן.

אַ קליינע אָנגעשטרענגטע פּויזע.

מיטאַמאָל האָבן צוויי בליקן מיט האַס זיך אײַנגעשניטן איינער אין אַנדערן.

מאַרקוס האָט פאַרקערעוועט אַף לינקס, באָריס — אַף רעכטס. מאַרקוס האָט ניט געזען ניט באָריסעס אָנגעצונדענע צורע, ניט זײַן האַסטיקע באַוועגונג, ער האָט נאָר געהערט, ווי באָריס האָט געגעבן אַ הויכן שפּײַ, און זײַן גראָבע שטימע האָט געגעבן אַ ברום:

— אַ פּוילער הונט!

מאַרקוס איז געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט פאַרטראַכטע טריט. אָט שטייט אים פאַר די אויגן די פרוי, איר פּאָנעם איז, ווי אין קאַיאָר, אַ שטיק בלעך. אין די אויגן טרערן... די ווערטער פון איר קאָל האָבן אָפּגעהילכט אינעווייניק אין אים, ער כאַוערט איבער אין געדאַנק דער פרויס ווערטער: „מײַן מאַן האָט נאָך אַלץ קיין אַרבעט ניט געקריגן..."

דער פרימאָרגן האָט זיך אַלץ געצויגן לאַנג, נעפּלדיק און כמורנע. די מענטשן האָבן זיך אײַנגעקאָרטשעט, אין די אופּגעשטעלטע קעלנער פון די מאַנטלען פאַרבאַהאַלטן די פּענעמער, אייניקע פון קעלט, און אַנדערע פון פּײַכטן ווינט, און זיי האָבן זיך געאײַלט. מאַרקוס האָט נאָך מער פאַרלאַנגזאַמט די טריט: „וווהין האָט ער זיך איצט צו אײַלן?"

## IV

מאַרקוס האָט גאַנצע טעג געבלאָנדזשעט איבער די רוישיקע גרויס־שטאָטישע גאַסן. אַז ער האָט זיך דערוווּסט, ווו מע דאַרף

אן ארבעטער, איז ער גיך געגאנגען אהין. נאָר ניין, קיין ארבעט איז שוין דאָרט ניט געווען. ארבעטלאָזע האָבן שוין פון דאָרטן געשפאנט מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— שוין פארנומען...

אין קלאָרן פארנאכט איז מארקוס מיד אהיים געקומען, ער איז געבליבן זיצן שווייַגנדיק אין צימער. פאר די לעצטע טעג איז ער געוואָרן דארער און ווי אביסל נידעריקער אין וווקס.

פּלוצעם איז ווייַן שוועסטער כאנע מיטן מאן לאָזער צו זיי געקומען.

כאנע פלעג זייער זעלטן צו זיי קומען. כאנע האָט זיך דערווייַטערט פון דער אָרעמער מאמען, ווי די מאמע וואָלט איר ניט אָנגעשטאנען.

די מאמע האָט ניט איינמאָל געזיפצט: „ז'איז ערגער פון א פרעמדער...״

לאָזער האָט מיט שטאָלץ און מיט ווירדע אָנגעהויבן ארומשפּאנען איבערן קליינעם אלקערל און בלאָזן פון זיך. ער איז א מענטש, וואָס איז געוווינט צו קוקן אף א נידעריקערן פון זיך, ווי אף א זאך, וועלכע ער דארף אונטערדריקן. ער האָט מארקוסן געפרעגט:

— דו דרייסט זיך נאָך אלץ ארום?

מארקוס האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— יאָ.

לאָזער האָט מיט גייַווע פון א גוויר, וואָס טוט אן אָרעמאן א טויווע, צו מארקוסן זיך געווענדט:

— קום צו מיר פאר אן אָנגעשטעלטן.

כאנע האָט אונטערגעכאפּט:

— וועסט אים פאָלגן, וועט ער דיך מאכן פאר א מענטשן!

מארקוס האָט דער שוועסטער גאָרניט געענטפערט. ער האָט די שטעלע אָנגענומען, ווי א צייַטווייַליקע באשעפטיקונג.

* *
*

לאָזער איז אין בעסאראביע געווען א פּי־הענדלער. אין רו־מענישע וויַיטע שטעטלעך פלעג ער פאָרן אפ יארידן קויפן פי. לאָזער האָט די בעהיימעס געטריבן צופוס קיין קישעניעוו. אז אפן וועג איז א בעהיימע קראנק געוואָרן, האָט ער שוין גע־ווּסט, וואָס מע דארף מיט איר טון: די בעהיימע־שעכטן, בא דעם וועטערינאר־דאָקטער א פאפּירל ארויסבאקומען, אז די בע־היימע איז געזונט געווען, און באם ראָוו די כסימע, אז דאָס פלייש איז קאָשער... אָט אזוי זייַנען זייַנע יאָרן געפלאָסן, ביז ער האָט עמיגרירט קיין בראזיליע.

...לאָזער האָט אפ זייַנע ברייטע פּלייצעס ארופגעוואָרפן א באַרג מיט בעט־דעקן און אוועקגעשפּאנט צו דער פאָרשטאָט פון ריאָ־דע־זשאניירא.

אין די קליינע ליימיקע שטיבלעך און אין די באראקלעך האָט לאָזער אָנגעהויבן פרווון זייַן מאזל. ער האָט אין יעדער טיר אָנ־געקלאפּט — געפּלעטשקעט מיט די הענט, גערופן דעם קוינע — און זיך געבעטן, אז מע זאָל קויפן זייַן סכוירע אפ אויסצוצאָלן. איין געדאנק האָט זייַן מויעך באוועגט: ער מוז אין דעם נייַעם לאנד זיך ארופארבעטן.

יעדן טאָג איז לאָזער אזוי געגאנגען פון טיר צו טיר, פון גאס צו גאס. ווי א בעטלער, געקלאפּט אין פרעמדע טירן. פון אָנווארפן זייַן סכוירע אפ אויסצוצאָלן האָט ער זיך אָפּגעשפּאָרט א מעבל־קלייט.

...אין צווישן טאָג און נאכט האָט מארקוס זיך אומגעקערט אין קלייט ארייַן.

לאָזער האָט געוואָרפן א קוק אפ מארקוסן און האָט זיך לאנגזאם אראָפּגעזעצט אפן שטול לעבן שרייַב־טיש.

— נו, ווי איז געגאנגען דאָס אייַנמאָנען? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— נישקאָשע.

לאָזער הייבט אָן איבערנעמען דאָס איינגעמאָנטע געלט. ער האלט א קארטאָן, ווו מע האָט שוין צוויי כאדאָשים ניט געצאָלט, ער דרייט מיטן קאָפּ און שטעקט איין זיינע בייזע אומרויִקע אויגן אין מארקוסן.

— פארוואָס איז דאָ ניט איינגעמאָנט?

— ער האָט ניט צו צאָלן. — האָט מארקוס געענטפערט.

לאָזער האָט געגעבן א שפרונג, פּונקט ווי א הונט, וואָס האָט זיך פון דער קייט אָפגעריסן, און מיט די ציין א קריץ געטאָן:

— וואגאבונט! וואָס הייסט ער האָט ניט?!

— פון זיך וועט ער ניט מאכן, — האָט אים מארקוס אָפּגעהאקט.

— וואָס?! דו מאכסט מיינע קוינים פאר טשעוועקעס.

דער טעלעפאָן האָט שניידנדיק אָנגעהויבן קלינגען. לאָזער איז צו צום טעלעפאָן, דאָס טרייבל צום אויער צוגעלייגט און אין רערל אריינגעשריגן:

— איך הער, איך הער, סעניאָר!

לאָזער הערט זיך איין, און זיין פּאָנעם האָט באקומען אן אומצופרידענעם אויסזען. זיינע גרויסע אומרויִקע אויגן האָבן זיך מיט בלוט אָנגעגאָסן. ער האָט דעם פּוס, וואָס איז געווען אָנגעשפּארט אף א בענקל, נערוועז אראָפּגעלאָזט, זיך אופגעשטעלט אין זיין גאנצן וווקס און דראָענדיק אין טעלעפאָן-רערל אריינגעשריגן:

— ניין, סעניאָר, דער נומער וועט אייך ניט איינגיין! איך וויל פון גארניט ניט וויסן, ארבעט יאָ, ארבעט ניט — מיר גייט עס ניט אָן. דאָס, וואָס מיר קומט פון אייך, זאָלט איר צום טערמין צאָלן, אניט וועל איך בא אייך דאָס מעבל פון שטוב ארויסנעמען!..

נאָך א פּאָר מינוט זיך איינהערן:

— איר זיינט אליין א רויבער!.. אליין א בלוטצאפּער! —

האָט לאָזער מיט צאָרן געענטפערט און דאָס טרײַבל אופגעהאנגען.

— וואָס זאָגסטו צו די גוטע געשעפטן? — האָט ער זיך צום ווײַב געווענדט און פון אופרעגונג זיך אָנגעהויבן קראַצן אין קאָפּ, — זינט די טעקסטיל־פאַבריק האָט זיך פאַרמאַכט, קלינגט אַלעמאָל אין טעלעפאָן אַן אַנדערער, אַז ער איז אַרבעטלאָז און האָט ניט צו צאָלן. איך וועל פון זיי די הויט שינדן!

— אַ שלעכטע צײַט, — האָט כאַנע דעם מאַן אונטערגעהאַלטן.

— ער, — ווײַזט לאָזער אַף מאַרקוסן, — גיט זיי נאָך אָפּ געדעכט!

מאַרקוס האָט אָפּן שרײַב־טיש אַ וואָרף געטאָן די קאַרטאָנען, ער איז אָן אַ באָאַנויטע [1]) פון דער קלייט אַנטלאָפן.

## V

דער אָוונט האָט דעם טאָג פאַרביטן. די שטאָט האָט אָנגעהויבן זינקען אין נאַכט־פינצטערניש. דער געלער צווייגאָרנדיקער מויער פונעם אינסטיטוט פון נאַציָאנאַלער מוזיק איז מיטאַמאָל באַלויכטן געוואָרן מיט אַ בלענדנדיקער שײַן פון גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן.

איין אווטאָמאָביל נאָכן אַנדערן איז מיט אַ שטיל ווייכשורשען צוגעפאָרן האַרט צום אַרײַנגאַנג פון סאַלאָן. שווער זײַנען פון די אווטאָמאָבילן אַרויסגעקראָכן מענער אין סורדוטן און צילינדערס, פרויען אין זײַד און אין בריליאַנטן. עס קומען אויך מענער אין בלויע און שוואַרצע אָנצוגן מיט שניי־ווײַסע אָנגעקראָכמאַליעטע העמדער. פאַר זיי עפענען זיך ברייט פאַנאַנדער די הויכע, מאַסיווע טירן פונעם אַרײַנגאַנג.

---

1) אַ גוטע נאַכט.

אַז אַפ די מאַרמאָר־טרעפּ באַוויַיזט זיך אַ מענטש אין באַ־שיידענעם אָנטון, נעמענ אימ דורכ בייזע אויגנ:

„אַנ אַרבעטער פאַרבאָטנ אַריַינגייג".

די מאַסיווע טירנ ברויגעזנ זיך אָנ, בלײַבנ שטיינ, ווי צוגע־שמידטע, און די פּאָליציי טוט שוינ „אַ בעט" אַפּ איר שטייגער דעמ אַרבעטער, ער זאָל זיך אָפּטראָגנ, ניט שטיינ באַמ אַריַינ־גאַנג.

אינדרויסנ האָט אַפּ מאַרקוסנ אַ ווייע געטאָנ אַ געדריקט־טע, שווערע שטימונג. ער האָט פאַרוווּנדערט געהויבנ מיט אַנ אַקסל און ניט געקענט באַנעמענ, פאַרוואָס אַזויפיל פּאָליציי היט דעמ אַריַינגאַנג.

אַנ אַרבעטער איז צו מאַרקוסנ צוגעגאַנגענ און אימ דער־לאַנגט אַ פלוג־בלעטל, וואָס איז געווענ געדרוקט אינ ייִדיש, נאָר מיט לאַטײַנישע אויסיִעס:

מאַרקוס איז געבליבנ שטיינ איבעראַשט:

— איר האָט דאָס ייִדיש פאַרלאַטײַניזירט? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— פאַר נויט, כאַווער, — האָט דער אַרבעטער געזאָגט. — די איינציקע ייִדישע טיפּאָגראַפיע, וואָס געפינט זיך אינ ריאָ, האָט זיך אָפּגעזאָגט דרוקנ אונדזער אופרופ, האָבנ מיר געמוזט דעמ ייִדיש דרוקנ מיט לאַטײַנישע אויסיעס.

— זע וויפל מיר זײַנענ אינדרויסנ, — האָט ער אימ אַ ווײַז געטאָנ אַפּ עטלעכע גרופּעס אַרבעטער, — פאַר אונדז זײַנענ די טירנ פאַרמאַכט.

— דיכ ווערט מענ מיסטאָמע אַריַינלאָזנ, — האָט ער סוידעסדיק מאַרקוסנ געזאָגט, — זע דאָרט העלפנ אַ „לופטער" טונ דעמ זאַל...

מאַרקוס האָט זיך געלאָזט גיינ צומ אַריַינגאַנג. אַ ברייטפּלײ־ציקער פאַרשוינ מיט אַ קינסטלעכער זײַדענער ווײַס־בלויער רויז אינ רעכטנ לאַצ האָט אימ דעמ וועג פאַרשטעלט. ער האָט דורכ־דרינגלעכ אַ קוק געטאָנ אַפּ מאַרקוסנ.

— וווהין?
— הערנ דעם רעפערענט! — האָט מארקוס גענטפערט.
א צווייטער, מיט א ווײַס־בלויער רויז אינ לאַצ, איז צוגעקומענ.
— איכ קענ אים, ער דינט אינ א מעבל־קלייט.
— ביטע.
מארקוס האָט אופמערקזאמער זיכ צוגעקוקט צו די, וואָס טראָגנ די זײַדענע ווײַס־בלויע רויזנ. עס האָט זיכ אים געדוכט, אז ער זעט די זעלבע אינ שווארצע העמדלעכ, מיט פאשיסטישע צייכנס אפנ רעכטנ ארבל.
— אנ עמעס פאשיסטישע גווארדיע, — האָט ער א טראכט געטאָנ.
מארקוס האָט זיכ א לאָז געטאָנ אינ אויסגעלאָשענעם זאל ארײַנ. ס'האָט אים אָנגעיאָגט א בייזער שעפטשע:
„שטילער, אָנ ראש!”
א באיאָרטער קורצפיסיקער מענטש, אינ א לאנגער שווארצער קאפּאָטע, איז ארויסגעשווומענ פונ א ווינקל־טיש, אונ מיט אומרויִקע טריט איז ער צוגעגאנגענ צו דער קאפעדרע.
— ווילענסקי, — האָט זיכ איבערגנ זאל א טראָג געטאָנ, — דער שאָליעכ פונ פאלעסטינע.
א געדויש פונ שטולנ. דער זאל האָט זיכ אומרויִק א רודער געטאָנ, אונ א טויבע שטילקײַט האָט זיכ אָנגערוקט. אייניקע זיצנ פארטאָנ אינ זיכ, פונקט ווי זיי וואָלטנ יעדער רעגע דער ווארט אנ אופרײַס פונ א באָמבע.
דער פּאָרזיצער האָט א קלונג געטאָנ. די קלאנגענ האָבנ זיכ צעשאָטנ אינ דער געפּרעסטער אָנגעצויגענער שטילקײַט. ער האָט מיט א ווייכ־אומרויִק קאָל זיכ שטארק געבעטנ, אז מע זאָל זיכ האלטנ רויִק באם הער ווילענסקיס פּאָרטראג, וואָס איז רײַכ מיט בילדער פונ אונדזערע „אומגליקלעכע ברידער” אינ קאָמוניסטישנ רוסלאנד, — ער האָט פארענדיקט:

— מיר דארפֿן דערוויַזן דער ניט־ייִדישער וועלט, וואָס איז דאָ היַינט פֿאַרטראָטן, אַז מיר זיַינען איין מעכטיק גאַנץ פֿאָלק, וואָס שטעלט העכער די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון פּאָליטיק און פּאַרטייען!

א פֿאַרשטיקטער געלעכטער. א הוסטן האָט זיך, ווי א ווינט, א טראָג געטאָן.

— רויִק!

דער דאָקטער ווילענסקי האָט פֿאַרקנייטשט די ברעמען, אויפֿגעהויבן די פֿאַרמלאָזע אויגן. א פּאָר אָפּגעבליאַקעוועטע שוואַרצאַפּלען האָבן דורך די גלעזלעך פֿון די גרויסע ברילן א מעסט געטאָן זיַין וואך, וואָס איז באַשטאַנען פֿון די וויַיס־בלויע רויזנטרעגער און פּאָליציי־אַגענטן.

ער האָט אָנגעהויבן ריידן מיט גיפֿט און מיט סינע וועגן דעם ראַטנלאַנד.

מאַרקוס האָט זיַינע אויגן ניט אַראָפּגענומען פֿונעם רעדנער. ער האָט דערפֿילט דעם טיפֿן אָפּגרונט, וואָס עס ליגט צווישן דעם ייִדישן אַרבעטער און צווישן די, וואָס ריידן אין נאָמען פֿון איין גאַנץ „ייִדיש אויסדערווײלט פֿאָלק". עפּעס איז אים שווער געוואָרן אײַנצוזיצן אַף איין אָרט. דאָס בענקל איז אים געוואָרן האַרט.

ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען, ווי ער וואָלט וועלן אַנטלויפֿן פֿון ווילענסקיס קלאַנגענלאָזער אויפֿגערעגטער שטימע. עס האָט אים אַן אומפֿאַרשטענדלעכער אומרו אַרומגענומען, און די יונגע זודיקע בלוטן האָבן א ציגד געטאָן זיַין קאָפּ. ער האָט זיך געגעבן א שטעל אויף, פּונקט ווי עמעצער וואָלט אים א דיס געטאָן פֿונעם בענקל, און מיט א פֿעסטער שטים דעם רעדנער אַריַינגעפֿאַרן אינדערמיט.

— עס איז א ליגן!

דער זאַל האָט מיט א ווידערקאָל אָפּגעקלונגען: „א ליגן!.."

מיטאַמאָל איז די שטילקייַט געוואָרן אויפֿגעטרייסלט.

די אָרדענונג־היטער זײַנען אופגעשפּרונגען, ווי פון אַן אופרײַס, זיי האָבן זיך איבערן זאַל צעשאָטן. מאַרקוסן האָבן עטלעכע פאַר־שוינען אַרומגערינגלט.

מאַרקוס האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, האָבן אָבער צוויי פאָר הענט, ווי אײַזערנע צוואַנגען, אים אָנגעכאַפּט און מיט רע־ציכע אַראָפּגעזעצט אױפן בענקל. פרויעם דער שניט־קרעמער האָט מיט קאַס אַ פּאָנפע געטאָן:

— דו פּאַס־קודניאַק...

— אַ פּאָר פּליישיקע ליפּן האָבן אַ ברום געגעבן:

— שווײַג, אַניט וועל איך דײַן מויל אויסדרייען אױף אַ זײַט!

דער זאַל איז צעשפּאָלטן געוואָרן אױף צוויי לאַגערן. איינער — אַ פּאַשיסטיש־שוואַרצער, דער צווייטער — אַ צעבליטער רויטער...

מענטשן האָבן געברומט און געררישט, ווי צעשטורעמטע כוואַ־ליעס...

פּויסטן און שטעקנס האָבן געמאַכט אָרדענונג...

ס'שטיל געוואָרן.

ווילענסקי האָט מיט נאָך מער פאַרביסנקײַט אָנגעהויבן פאָר־זעצן זײַן רעדע.

פון דער גאַלעריי האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ הויך שורשען. ווײַסע כוואַליעס האָבן זיך לאַנגזאַם געקײַקלט פון דער גאַלעריי איבערן זאַל און איינע נאָך די אַנדערע האָבן זיי געשורשעט, געבלעולט און זיך צעשאָטן. דער זאַל איז פול געוואָרן מיט בלעט־לעך.

ווילענסקיס קאָל האָט זיך איבערגעריסן. זײַן פּאָנעם איז געוואָרן, ווי אַ נאַסער שטיק פּאַרמעט. די ברילן האָבן אַ ציטער געטאָן און זיך אַראָפּגערוקט ביז דער שפּיץ נאָז. ער האָט זיך אָנ־געבויגן, פּונקט ווי אַ קויל וואָלט צו אים געפלויגן.

אַפּלאָדיסמענטן האָבן מיט פרייד זיך צעשאָטן.

דער אוילעם לייענט די בלעטלעך. עס דערהערן זיך אויס־רופן:

„נידער מיט דער ציִעניסטישער אוואַנטיורע!"

„זאָל לעבן די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד!"

א נידעריק־וווקסיקער אַרבעטער מיט א ביינערדיק אָפּגע־ברענט פּאָנעם האָט זיך אפּ א בענקל אופגעשטעלט, און זײַן פעסטע שטימע האָט זיך הויך א טראָג געטאָן:

„וויפל מיליאָנען אויסגעבעטלטע דאָלארן האָט ערעץ־ייִסראָעל, ווי א הונגעריקע כײַע, אופגעפרעסן!

„פּאַלעסטינע — דאָס איז יענע זיבן הונגער־יאָרן, וואָס האָבן אײַנגעשלונגען די זיבן זאַטע!..

„מיר וועט ער קיין באָבעמײַסעס ניט דערציילן! איך, א געוועזענער כאַלוץ, ווייס מערער פונעם רעדנער וועגן טרויעריקן לעבן דאָרטן... וועגן פעלאַכן, אַראָפּגעטריבענע פון זייער ערד...

„נאָר אין ראַטנפאַרבאַנד האָט דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן באַקומען א פּאָנעם, נאָר דאָרט, אין לאַנד פון סאָציִאַליזם, ווערט געלייזט די נאַציִאָנאַלע פראַגע!..

נאָך וואָלט דער סטאָליער־אַרבעטער, דער געוועזענער כאַלוץ, געוועזן גערעדט, ווען פאַר זײַנע אויגן וואָלט זיך ניט אוועקגע־שטעלט א בלאַנקער רעוואָלווער... קלעפּ זײַנען אפּ אים, ווי א האָגל, געפאַלן.

ווידער איז אַן אָנגעצויגענע געדריקטע שטילקײַט. די שטיל־קײַט האַלט זיך אפּן פויסט פון די ווײַס־בלויע רויזן־טרעגער און אפּן רעוואָלווער פונעם געהיים־אַגענט.

— זאָלן טאַקע די ייִדישע קאָמוניסטן וויסן,—שרײַט אופגע־בראַכט דער פּאָרזיצער—אַז פון הײַנט אָן און ווײַטער וועלן מיר שטיין דער פּאָליצײַ צו דינסט...

דער זאַל האָט געברומט. עס האָבן זיך געקנוילט צאָרנ־אויסגעשרייען.

די פּאָליצײַ האָט אײַנינעם מיט די אַרעסטירטע אַרבעטער אויך מאַרקוסן א צעשלאָגענעם אוועקגעפירט...

# VI

דער טאָג פארגייט אין פלאַם, און פון אונטערן באַרג האָט זיך אָנגעהויבן רוקן די נאַכט־טונקלקייט.

מאַרקוס זיצט אין צימער אין א געדריקטער שטימונג, זיינע שטערן איז אָנגעכמורעט. ער איז צערודערט, ער שפּירט, ווי זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעגאָסן מיט א בלייענער שווערקייט. מאַרקוס באַמיט זיך אונטערדריקן דעם יִיעש, וואָס נאָגט און פּייניקט. ער זיצט אומבאַוועגלעך, אָנגעשפּאַרט אַן עלנבויגן אין דעם טיש, און אויף דער האַנט אָנגעלענט דעם מידן, שווערן קאָפּ. ער קוקט, אין פענצטער מיט די טיף פאַרטראַכטע אויגן.

דאָס ערשטע מאָל פאַר א לאַנגער צייט קומט מאַרקוסן אויס זיך צו פאַרטראַכטן איבער דעם גאַנג פון זיין לעבן, זיך צו־הערן צום ווייטעק, וואָס רייסט זיך פון האַרצן. דאָס, וואָס ער איז געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער באַם שוואָגער אין מעבל־קלייט, האָט אים פאַרשווערט און פאַרביטערט די שטימונג. ער פילט זיך אין דעם האַנדל פון פאַרקויפן און אויסצוצאָלן, פונקט ווי א ביימל, וואָס מע האָט איבערגעפלאַנצט אין נישט גינסטיקע באַדינגונגען.

— אזוי שווער... — טראַכט ער אויפן קאָל.

מאַרקוס קוקט אין פענצטער, און פאַר זיינע אויגן טראָגט זיך דורך דער צוזאַמענשטויס, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַלער פאַרזאַמלונג. אַלע איינצלהייטן האָבן זיך אָנגעהויבן שניר־וועז אין זיין מויעך, צעגאָסן א צופרידנ־קייט אויף זיין געזיכט און אָנגעפילט די גלידער מיט אזא אַנגענעמער מידקייט. מיטאַמאָל האָט אים אָנגעכאַפּט א פאַרדראָס, פאַרוואָס ער האָט דעם קאַמף ניט פאַרשטאַרקט.

ער פרוווט צעטרייבן די געדאַנקען און באַמיט זיך באַרויקן. אָט שטעלט זיך אים ווידער אַוועק פאַר די אויגן דער טאָג, ווען ער האָט דערפילט, אַז ער האָט שוין מער ניט קיין געמיינזאַמס מיט די אַנאַרכיסטן.

מאַרקוס האָט געזוכט אַן ענטפער אויף די שווערע געדאַנקען, וואָס האָבן בײַ אים די רוּ אַוועקגעריבן, און מיט ברעגן זיך אַרײַנגעוואָרפן אין קאָמוניסטישע ביכער. זײַנע גאַנצע ווילן האָט ער אָנגעווענדט אויף קלאָר פאַרשטיין די קאָמוניסטישע פּראָגראַם.

ער האָט די אויגן פון פענצטער אַוועקגעריסן, אין צימער אַרום וואַנט האָט ער אָנגעשטעלט זײַן פאַרקלערטן קוק, מאָדנע זעען אים אויס די בילדער, וואָס באַצירן די וואַנט! די בילדער פון קראָפּאָטקין, פּרודאָן און אַנדערע, אײַנגעפאַסט אין שוואַרצע ראַמען, זעען אים אויס פרעמד, ווי זיי וואָלטן צו אים אין צימער אַרײַן פאַרבלאָנדזשעט. עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז אויך די בילדער פילן זיך בײַ אים ניט היימלעך, קוקן אַראָפּ מיט אַ שטרענגן פאָרוואורף, פּונקט ווי זיי וואָלטן זאָגן: „נעם אונדז אַראָפּ פון דער וואַנט, מיר האָבן מער ניט קיין געמיינזאַמס...“

אויפן טיש נעבן אָנגעשפּאַרטן עלנבויגן ליגט אופגעעפנט מאַרקס און ענגעלסעס „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט“. מאַרקוס איז פאַרטיפט אין לייענען. אָט האָט ער נאָכאַמאָל אָנגעהויבן לייענען אַ האַלבע זײַטל, ער צעגלידערט יעדער וואָרט און שורה, און זײַנע אויגן לויכטן אויף.

אַ געדיכטע פינצטערניש האָט, ווי אַ טונקעלער פאָרהאַנג, פאַרצויגן די פאַרנאַכטיקע בלויקײַט. אַלטפרענקישע לאָמפן האָבן מיט אַ קליינער בלאַסער שײַן באַלויכטן דעם ניט־ברוקירטן וועג, וואָס פירט דורכן טאָל אויפן באַרג־אַרויף. אַן אויסערגעוויינלעכע איינאַרטיקע שטילקײַט און איינטאָניקײַט האָט זיך אַוועקגעלייגט אין טאָל.

מאַרקוס האָט די ליכט ניט אָנגעצונדן, ער האָט דאָס פענצטער אופגעעפנט, זיך האַלב אַריבערגעבויגן אינדרויסן און געקוקט, ווי איבער דעם הימל־ראַנד האָט אָנגעהויבן שווימען אַ האַלבע בלייכע לעוואָנע. אַלעמאָל רײַסט זיך די לעוואָנע אַרויס פון געפּענקעניש, וווהין אַ קליין מאָט וואָלקנדל פאַנגט זי. אָט איז

דער לעוואָנעס בלאס פּאָנעם אופגעדעקט, און אָט קוקט זי ארויס דורכ א שלייער פונ אונטער א וואָלקנ.

אפנ הימל האָבנ זיכ אָנגעהויבנ קײַקלענ שטערנ און פאלנ.

מארקוס האָט די ליכט אָנגעצונדנ.

ביז שפּעט אינ דער נאכט איז מארקוס געבליבנ זיצנ פארטיפט אינ „מאניפעסט".

---

# קאפּיטל דרײַ

## I

ס'איז א הייסער ברענענדיקער יאנואר־טאָג. ריִאָ־דע־זשאנײראָ איז ווי אַן אָנגעגליטער קאלכ־אויוון. אפ דעם העל־בלויען הימל שפּרײַזט לאנגזאם די זומערדיקע זון און שיט הויפנס צעגליטע שטראלן, בריט די מויערן און מאכט דעם אספאלט ווייך ווי פּוטער. נישטאָ קיין ווינטעלע. די אייביק גרינע טראָפּישע ביימער שטייען פארשמאכט, טוען זיך נישט קיין ריר. די לופט איז אָנגעזאפּט מיט דאמף, עס איז קוים דעם אָטעם צו כאפּן.

מארקוס האָט זיך פארקליבן אפ דער „פּרײַע פּלאמענקאָ" [1], אין א שטילער אלייע, אונטער א יונגן נידעריקן צעבליטן פּאלמען־בוים, קעגניבער דעם אטלאנטישן אָקעאן. ער האָט זיך איַנגעגעוועצט און זיך פארטיפט אין לענינס בוך „אימפּעריִאליזם, אלס דער נײַסטער עטאפּ פון קאפּיטאליזם".

מארקוס שלינגט מיט דורשט יעדעס וואָרט. יעדעס זײַטל עפנט אים אלץ מער און מער אויף די אויגן און צינדט אָן די בלוטן מיט צאָרן קעגן די אימפּעריִאליסטישע רויב־פויגלען, וואָס האָבן די קאָלאָניִאלע לענדער פארוואנדלט אין נעסטן זייערע. מיט א בלײַער שטרײַכט ער אונטער די שורעס, ווי ער וואָלט געוואָלט די שורעס פארגעדענקען, און ס'איז אים אופגעקומען א געדאנק: „פּארמאשקענט ליגט בראזיליע בא די אויסלענדישע באנ־

[1] פּליאזש.

קירן. דאָס לאַנד, וואָס האָט פון 1889 יאָר זיך באפרײַט פון דער מאָנארכיע, שטאָלצירט מיט איר אומאָפּהענגיקייט, איז געוואָרן א האַלב־קאָלאָניע — שאקאַלן פרעסן דאָס לאַנד"...

זײַנע קײַלעכדיקע גרויסע בלויע אויגן רײַסן זיך אָפּ פון די שורעס, און א פארטראכטער בליק פאַלט אפּ דער זון, וואָס זעצט זיך אפּן שפּיץ בארג „פּאַן־אָסוקער". דער הויכער שרויפיקער בארג זיצט פעסט אינ יאַם, ניט ווײַט פונעם ברעג „פּרײַע ווערמעליא". פון דער „פרײַער ווערמעליא" ביז דעם שפּיץ בארג איז לענגויס אויסגעצויגן א דיקער געפלאָכטענער עלעקטרי־שער דראָט, און פונעם טראַמווײַ־וואַגאָן, פון מיט דאַך, האַלט דעם דראָט ארומגענומען א מאגנעטיזירטע „האַנט". דורך דעם דראָט קריכט די מאגנעטיזירטע האַנט ארויף אפּ דעם שפּיץ בארג „פּאַן־אָסוקאַר" און שלעפּט אין דער לופטן דעם טראַמווײַ. מארקוס זעט ניט ניט דעם זון־אונטערגאַנג, ניט דעם בליאַסק פון דראָט און פון טראַמווײַ, נאָר ער זעט מענגעס ארבעטער מיט האַס אפּ מאָגערע בלאַסע פּנימער, מיט אנטשלאָסענער געוואַגטקייט אינ פיבער־גלאַנצנדיקע אויגן...

ווידער האָט מארקוס זיך פארטיפט אינ בוך. געדאַנקען הארבע, וואָס פרעסן זײַן געמיט, ווי שווערע שטיינער, קײַקלען זיך אוועק, און זײַן מויעך ווערט קלאָרער, לויטערער...

— לענינס ווערק, — טראַכט מארקוס באַגײַסטערט, — זײַנען א אומויסשעפּלעכער קוואַל פון וויסן...

זײַן פארגאַנגענהײַט האָט זיך ווי א וואַנט אוועקגעשטעלט קעגניבער זײַנע אויגן. ער האָט אומצופרידן, פארדראָסיק מיטן קאָפּ א דריי געטאָן.

מארקוס האָט די אויגן אײַנגעגראָבן אינ בוך. זײַן גאַנצער פארשטאַנד איז אײַנגעשפּאַנט, אײַלט זיך צו איינ פּונקט — צו קענען קלאָר באַנעמען דעם כ' לענינס געדאַנקען. פון מאָל צו מאָל טוען די מאַכשאָווער אים א צינד דעם מויעך, און זײַנע אויגן שײַנען אוף...

דער טאָג ליגט צעקרישלט אין רויטע פלאַמעס אַף דעם ראַנד־הימל, די רויטע פלאַמעס האָבן זיך אָנגעהויבן לעשן און זיך צעפלאַקערן אין א פּורפּורנעם האָריזאָנט. דער פּורפּירנער פּאַס האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַפן יאַם און איז געבליבן ליגן דערטרונקען אין די כוואַליעס.

## II

דער סעקרעטאַר פונעם ריאָ־דע־זשאַנײַרער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט באַהיאַען געגעבן א פּעקל אויפרופן און אים אויפגעשיקט צו דער טעקסטיל־פאַבריק „אַליאַנסע".

דער טאָג האָט זיך געזעצט. דאָס געסל האָט זיך אָנגעגאָסן מיט זון־פאַרגאַנג. די פאַרנאַכטיקע טונקלקייט האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן, פאַרשפּינען דאָס געסל פון דער פאַבריק. באַם טויער פון דער פאַבריק שטייט באַהיאַ, ער וואַרט אומגעדולדיק אַפן פּייף פון דער סירענע, קעדיי אָנהייבן טיילן די אויפרופן.

ווי נאָר דער לאַנגער אַרבעטס־טאָג האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן אַרבעטער־מאַנצבילען, פרויען און קליינע אײַנגעטריקנטע קינדער, אויסגעשעפּטע, פאַרפּראָשעטע, מיט שטיקלעך וואַטע און פעדים אַף די אָפּגעטראָגענע קליידער, — זיך געצויגן פון די קאָרפּוסן צום אַרויסגאַנג־טויער.

באַהיאַ טיילט פאָרזיכטיק די אויפרופן און גיט דערבײַ צו:

— לייען דורך און גיב עס איבער א צווייטן.

אין דעם געסל פון דער פאַבריק האָבן אַרבעטער זיך געזאַמלט אין קליינע רעדלעך. אַף די בלאַסע אַרבעטער־פּנעמער ליגט אויסגעגאָסן א שווערער פּײַנלעכער טאָג אַרבעט... אַרבעטער לייענען פאַר די אויפרופן. אויערן זײַנען אָנגעשפּיצט, אויפמערקזאַם שפּירן זיי נאָך נאָך יעדן אויסדרוק אַפן געזיכט פון רעם פאָרלייענער. ווען ער רעדט אַרויס דעם נאָמען — לעניג, טוט א פונק האָפענונג א בליץ אין די מויכעס.

אין די ליקלעך, נעבן די ליימיקע שטיבלעך פון דער פאבריק, האָבן ארבעטער איינער דעם אנדערן איבערגעגעבן:

— היינט איז לענינס יאָרצייט.

איינער האָט דעם אנדערן געפרעגט:

— דו גייסט אפ דעם אָוונט? יאָ?

— און דו אויך?

— וועלן מיר גיין אינאיינעם.

אז באהיא האָט די אופרופן צעטיילט, האָט ער דעם קאָפּ אינ־דערהייך פארריסן, געכאפּט א קוק אפ דעם גרויסן זייגער, וואָס געפינט זיך אָפּ דער געביידע פון פאבריק אין א שמאָל טורעמל פון גאָטישן סטיל.

— עס איז נאָך פרי, — האָט ער א טראכט געטאָן.

באהיא האָט צופרידן פארלאָזט דאָס געסל. ער שפּאנט מיט דער פרייע־פלאמענגא צו די טראמוויען, אָטעמט די לופט, וואָס טראָגט זיך פונעם יאם, און מורמלט אונטער דער נאָז דעם „אינ־טערנאציאָנאל".

אין א שטילער אלייע האָט ער באמערקט, ווי מארקוס זיצט פארטיפט אין לייענען. נאָך דעם דורכגעפאלענעם שטרייק בא ארנזאָנעס אין פאבריק פאר דאמען־קליידער, האָט ער מער מאר־קוסן ניט געזען, ווי ער וואָלט אין וואסער אריין.

באהיא איז מיט שטילע טריט צו אים צוגעגאנגען און הינטן ארום איבער דער פּלייצע ארייגעקוקט אין בוך, וואָס מארקוס לייענט.

מארקוס האָט דערפילט, אז עמעצער שטייט הינטער אים און ער האָט געגעבן א צאפּל. אז מארקוס האָט באהיען דערזען, איז ער פאר פרייד אופגעשפּרונגען, און עס האָט זיך בא אים טיף פון דער ברוסט ארויסגעריסן:

— באהיא!

איינער האָט דעם אנדערן ווארעם ארומגענומען און זיך גע־גריסט מיט קלאפּן איבער דער פּלייצע.

— שוין אזוי לאנג דיך ניט געזען, מארקוס! זע נאָר, דו ביסט א גאנצער מאן געוואָרן!

— אויסגעוואקסן, — האָט מארקוס מיט א שמייכעלע אף די פוכקע ליפן געענטפערט. — וואָס מאכט איר, כאווער באהיא?

— וואָס זאָל מען מאכן? מע לעבט, מע קעמפט...

— איר ארבעט?

— דריַ טעג אין דער וואָכ.

— דאָס איז דאָך איצט אן אלגעמיינע קרענק.

— און דו?

— איך האָב קיין ארבעט ניט געקריגן. איך בין געוואָרן אן אָנגעשטעלטער אין א מעבל־קלייט, וואָס פארקויפט אף פרעס־טאסאָן [1], און האָב די שטעלע געוואָרפן.

— פארוואָס?

— איך האָב זיך ניט געקענט צופאסן צו דעם פאלשן האנדל.

— גייסטו אום ליידיק?

— די טעג האָב איך ארבעט געקריגן.

אין באהיעס מויעך האָט זיך גענומען וויקלען א קנויל דערי־נערונגען וועגן „כאווער"־באלעבאָס און וועגן שטרייַק, א ביטערער שמייכל האָט זיך צעשפרייט אף זייַן פּאָנעם.

— און נאָכן „כאווער"־באלעבאָס בענקסטו? — האָט ער אים מיט א געלעכטער א פרעג געטאָן.

— א מאָדנער מענטש, — האָט מארקוס אים געענטפערט.

באהיא איז געוואָרן ערנסט, אף זייַן טונקל פּאָנעם האָט זיך אוועקגעלייגט אן אויסדרוק פון אומרו און ער האָט מארקוסן געזאָגט:

— דער „כאווער"־באלעבאָס איז גאָרניט קיין מאָדנער, ער ווייסט, וויאזוי ארויסציִען דעם לעצטן טראָפּן בלוט פון דעם ארבעטער, מיט גוטן, מיט ארופגעצויגענעם שמייכל. אין נאָמען פון כאווערשאפט, פּארטיי־קאָלעגע! זעסטו, ווי איך האָב פּאָרויס־

---

1) אף אויסצאָלן.

געזען, אז די אנארכאָ־סינדיקאַליסטן וועלן זײַן אף דער זײַט פונעם סעניאָר ארנזאָנ.

— יאָ, ריכטיק, — האָט מארקוס באשטעטיקט, — פריִער ביג איך געווען פארבלענדט, כ׳האָב געגלויבט אינ זײַנע שיינע רייד. אינ דעמ שטרײַק האָב איך זיך איבערצײַגט, אז ער אונ זײַנ פארטיי, די אנארכיסטישע, זײַנען די געפערלעכסטע פײַנט פונ די ארבעטער....

אויסגעלאָשנ האָט זיך דער פארנאכט, די ווײַט איז טונקל אונ אזוי נאָענט, ווי מיט דער האנט אָנצוטאפּנ. א פארטראכטער שטילער זומערדיקער אָוונט האָט אָנגעגאָסנ מיט פינצטערניש דעמ ארומ.

באהיא האָט זיך א וויג געטאָנ, זײַנ געקנייטשט פּאָנעמ האָט זיך שארפ אויסגעקערעוועט צומ אָקעאנ, אונ זײַנע ברוינע אויגנ זײַנענ פארטרונקענ געוואָרנ אינ אָוונטיקנ טונקל. באהיא קוקט אף דער ווילדער סטיכיע פונ אָקעאנ, הערט זיך אײַנ אינ דעמ ברויז, אינ דעמ רויש פונ די צעווילדעוועטע כוואליעס, אונ אינ זײַנ זיקאָרנ האָבנ זיך געמישט געזיכטער פונ אומגעקומענע כאווירימ, גע־שטאלטנ אונ בילדער האָבנ אָנגעהויבנ טאנצנ פאר זײַנע אויגנ. עס כאפּט אימ אָנ א שוידער...

עס ווײַזט זיך באהיענ אויס, אז ער זעט יענע נאכט. אינ מיטנ כוישעכ באוועגנ זיך מעשונעדיקע סילועטנ. שווײַגנדיק, שטומ שליסנ זיי אופ די טיר פונ דעמ אײַז־קאסטנ אף רוא־דא־רעלאסאָנ, ווו ער איז געזעסנ ארעסטירט, פירנ פונ דאָרטנ ארויס די גע־שמידטע ארבעטער: דיאסנ, זשואקימענ, פערעידענ, אונ מאורי־סענ. מע שטופּט זיי ארײַנ אינ א וויוווא־א־אלעגרע [1]. דער אווטאָמאָביל טראָגט זיך געשווינד צומ ברעג אָקעאנ, ווי ער וואָלט מוירע האָבנ, אז ער וועט עפּעס פארשפּעטיקנ. באמ ברעג יאמווארט א מאָטאָר־שיפל אונ א באנדע געהיימ־אגענטנ. דאָס

---

1) א פּאָליציישער שווארצער פארמאכטער אווטאָמאָביל.

שיפל שווימט אוועק מיט די קאָמוניסטן אין טיפן אָקעאַן אַריַין. דער מאָטאָר הערט פּלוצעם אויף רוישן. דאָס שיפל שטעלט זיך אָפּ. באַהיאַ זעט דעם פּאַראַקשנטן אויסדרוק אויף די טויט־בלאַסע פּענעמער פון די געפאַנגענע... זייער לעצטן דרייסטן רויִקן קוק... ער הערט די פאַרשטיקטע ווערטער, וואָס רייַסן זיך פון די פאַרבונדענע מײַלער, דעם לעצטן מוטיקן זײַ־געזונט די שמידער פון דער נײַער וועלט און די קלאָלע דעם קלאַסן־סוינע... די שרעקלעכע קלאַנגען ווערן צונויפגעגאָסן מיטן שלײַדער אין וואַסער... דער טיפער אָפּגרונט שלינגט אײַן די קערפּערס איינעם נאָכן אַנדערן...

באַהיאַס אויגן זײַנען אויפגעריסן, קוקן אויפן וואַסער, פּונקט ווי ער וואָלט זען דאָס גרויליקע בילד, דעם שרעקלעכן וואָר פון אַרטור בערנאַרדעס רעזשים...

מיטאַמאָל האָט לענגויס דעם ראַנד אָקעאַן זיך אָנגעצונדן אַ שלאַל מיט עלעקטרישע פײַערלעך. די שײַן האָט דורכגעשטאָכן די טונקלקייַט, קײַלעכדיק דעם יאַם אַרומגענומען און אָנגעהויבן זיך שפּיגלען אין דער וואַסער.

מאַרקוס איז באַגײַסטערט געוואָרן פון דעם שיינעם אַרום, און ער האָט די אויגן נישט געקענט אָפּרײַסן. כאָטש ער האָט שוין וויפל מאָל געזען, ווי נעבן יאַם רײַסט זיך אַרײַן די עלעקטרישע שײַן אין דער אָפּדערנאַכטיקדיקער פינצטערניש, דאָך זעט אים אויס יעדן מאָל דאָס בילד נײַ, ווי ער וואָלט דאָס צום ערשטן מאָל זען.

באַהיאַ האָט אַ מעסט געטאָן דעם באַלויכטענעם אַרום און האַסטיק זיך אויפגעהויבן.

— זיך פאַרזעסן, דו גייסט אויך?

— וווהין אײַלסטו זיך? — האָט מאַרקוס אים געפרעגט.

— קום אויפן אָוונט, וואָס איז געווידמעט דעם כאַווער לעגינס יאָרצייַט.

— אַ לעגינ־אָוונט? ווו קומט ער פאָר?

— אין טעקסטיל־פּאַריין.

גוט, איך פאָר אויך.

## III

באַהיא און מאַרקוס זײַנען אַראָפּ פון טראַמוויי אויף דער פּראַסע „מאוא" קעגנאיבער דעם דענקמאָל — דעם סימבאָל פון דער „פרײַער אומאָפּהענגיקער" רעפּובליק. באַלד האָבן זיך זיי אין די אויגן געגעבן א וואָרפּ די פּאָליציייִשע פאַרמאַכטע שוואַרצע אויטאָמאָבילן — די „ווי־וווע אַלעגרעס", וואָס שטייען גרייט אויף דער אַנדערער זײַט דענקמאָל.

באַהיא האָט זיך אומגעקוקט אויף די פּאַרטײַעטע פּאָליציי־לײַט, וואָס זײַנען אין א ווינקל געשטאַנען. ער האָט געגעבן א קוועטש מיט די אַקסלען און דעם געבויגענעם רוקן אויסגעגלײַכט, ער האָט אין דער שטיל צו מאַרקוסן זיך אָנגערופן:

— די פּאָליציי האָט שוין אַפילע פאַרגרייט די „וויוווע אַלעגרע". עס ווײַזט אויס, אַז זיי וואַרטן נאָר אויף דעם מאָמענט, ווען זיי וועט זיך אײַנגעבן דעם לעגין־אָוונט פּראָוואָצירן, וועלן די אויטאָמאָבילן צום לאָקאַל צופאָרן און זיך אָנשטאָפּן מיט די אַר־בעטער.

מאַרקוס און באַהיא האָבן אָנגעהויבן שפּאַנען אײַליק אויף דער ברייטער, באַלויכטענער, באַלעבטער אַווענידאַ־ריאָ־בראַנקאַ [1]. אַז זיי זײַנען צוגעקומען צום ראָג פון רואַ־דאָס־אַרקוס, ווו עס געפינט זיך דער טעקסטיל־פּאַריין, האָבן זיי באַמערקט, ווי פון די שכיינעסדיקע גאַסן וויקלט זיך א מענטשלעכער קנויל און קײַקלט זיך ביז צו דער טיר פון לאָקאַל.

דער לאָקאַל איז געפּאַקט, איבערפולט, פאַרפלייצט מיט אַר־בעטער, בא דעם אַרופגאַנג אויף די טרעפּ שטייען אַרבעטער אַקסל אין אַקסל געפלאָכטן. א גרויסע מענגע אַרבעטער זײַנען געבליבן

1) א ברייטע גאַס.

שטײנער אױף דער גאַס. זײ שטײען און הערן זיך אײַן אין די קלאַנגען, װאָס שפּרינגען אַרױס דורך די אָפענע פענצטער:

— „ניט דער גרענעץ פון לאַנד, ניט דער אָקעאַן, קען אונדז אָפּטײלן פון דעם לאַנד, װוּ אונטער לעניגס אָנפירונג האָבן די אַרבעטער אױסגעקעמפט די דיקטאַטור פון דעם פּראָלע־טאַריאַט און בױען דעם סאָציאַליזם! לעניגס לערע איז דער מױעך און דאָס האַרץ פון די אַרבעטער פון גאַר דער װעלט"...

פלוצעם האָט דעם רעדנערס שטימע זיך איבערגעריסן, א פּאָר שטילע רעגעס האָבן זיך געצױגן. אַז דער רעדנער האָט אָנגע־הױבן פאָרזעצן זײַן רעדע, איז זײַן טאָן געװען א טרױעריקער. זײַנע װערטער האָבן זיך מיט װײטיק אײַנגעשניטן אין קערפּערס. „הײַנט אַפּדערנאַכט, זעקס אַזײגער מיט פופציק מינוט, האָט א שװאַרצע כמאַרע פאַרצױגן דעם אַרבעטער־האָריזאָנט — א פינצטערע בשורה האָט זיך דורך ראַדיאָ איבער דער װעלט געטראָגן: „דער כאַװער לעניג איז געשטאָרבן"...

מיטאַמאָל האָט זיך א טראָג געטאָן א גערױש, אַלע זײַנען אױפגעשטאַנען פון די ערטער און געבליבן שטײן מיט געבױגענע אַנטבלױזטע קעפּ.

אינדרױסן האָט זיך דערהערט א שטילער רױש, װי אינע־װײניק אין זאַל װאָלט א װינטל מיט א שורשען איבער בלעטער דורכגעלאָפן. באַלד האָט זיך װידער געגעבן א טראָג דעם רעדנערס אומרױקע שטים.

אַרום באַהיען האָט זיך א רעדל געשלאָסן. א יונגער אַרבע־טער איז צו באַהיען צוגעגאַנגען, ער איז געװען אָנגעטאָן אין א בלױער ספּעצאָװקע, קאָנטיק, אַז דער אַרבעטער איז אַהער גע־קומען גלײַך פונעם אױטאָמאָבילן־װאַרשטאַט. דער אַרבעטער האָט א שמײכל געטאָן:

— די געלע [1] און די אַנאַרכיסטן, — דערצײלט ער, — װאָס

[1] רעפאָרמיסטן.

ארבעטן מיט מיר צוזאמען, האָבן געכוויזעקט: „א קראנקע פאנ־טאזיע בא די קאָמוניסטן. אזא לאָקאל ווילן זיי אָנפילן. ווער וועט קומען צו זייער לעניג־אָוונט?" זעט נאָר, כאווײרים, ווי דער לאָקאל איז פול, ער טרעשטשעט אזש, און וויפל שטייען מיר אינדרויסן? מע וואָלט מיט אונדז נאָך א לאָקאל געקענט אָנפילן! אוך, ווען איך וואָלט דאָס פריער געוווסט, וואָלט איך די אייזלען בא די אויערן געשלעפט אהער, זאָלן זיי זען...

באהיא האָט זיך אויסגעקערעוועט צום יונגן ארבעטער.

— זאָלן, ווי הינט, סאָנים בילן, — האָט אים באהיא געענטפערט.

— דער אָוונט איז א גענוגער באווײַז, ווי אונדזער פארטיי איז טיף אײַנגעגלידערט צווישן די ארבעטנדיקע.

— דאָס באווײַזט אויך, — האָט מארקוס דערמאנט באהיען, — ווי די ארבעטער ליבן דעם לערער און פירער אונדזערן, דעם כאווער לעניג!

— ריכטיק, — האָט אנ אנדער ארבעטער באשטעטיקט.

א נידעריק, דיק מענטשל, אָנגעטאָן אין אן אלטן, אָפגעטראָ־גענעם אָנצוג, האָט זיך אביסל אײַנגעהאָרבעט און ארײַנגעקוקט אין רעדל. דאָס מענטשל האָט פּאָרזיכטיק פון דער זײַט יעדן באטראכט, ווי ער וואָלט זיך געקליבן פון יעדן באזונדער א פאָטאָגראפיש בילד ארויפנעמען, אָדער יעדן אײַנקריצן אין זײַן מויעך. ער האָט זיך אופמערקזאם צוגעהערט צו די רייד. ער האָט זיך געמאכט טאמעוואטע און זיך געווענדעט צום ארבעטער ז.ײַן דער ספּעצאָווקע.

— לעניג איז א רוסאָ?[1]

דער ארבעטער האָט געקוקט אין א זײַט און דעם מענטשל ניט גערן געענטפערט:

— יאָ.

ווידער האָט ער פּאָרזיכטיק געפרעגט:

---

1) א רוסישער.

— לעניג איז דאָ אין לאָקאַל?

באַ אַלע, וואָס זײַנען אין רעדל געשטאַנען, האָט זיך פאַר־שטאַרקט אַן אומהיימלעכער געפיל צו דעם אומבאַקאַנטן. עס האָבן קעפּ זיך אומדריק א קערעווע געגעבן און מיט כשאַד אָף אים געוואָרפן בליקן.

מארקוס האָט פאַרכידעשט באַטראַכט דאָס מענטשל. אַז ער האָט זיך בעסער אין אים אײַנגעקוקט, האָט דאָס הארץ אים געגעבן א טיאָכקע: „ער, פּינטאָ, דער געהיים־אַגענט, וואָס ווינט אָפּ ווילא — איזאַבעל", — זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס פאַרשטעלט, אַן עמע־סער טשאַרל טשאַפּלינ־קלערט מארקוס, און ער האָט פּלוצעם אויסגעשאָסן א געלעכטער:

— צו וואָס זיך פאַרגרימירן? הײַנט איז דען א קאַרנאַוואַל?

דאָס מענטשל האָט זיך געגעבן א וויג, געוואָרפן א פאַרדעכ־טיקן בליק אָפּ מארקוסן און געררויכערט דעם ציגאַר, ווי ניט אים מײַנט מען.

באַהיא האָט פּילדײַטיק זיך איבערגעקוקט מיט מארקוסן און האָט אַן אָנגעכמורעטער געענטפערט:

— יאָ, לעניג איז דאָ אין לאָקאַל...

— אָפּ וועלכער־זשע שפּראַך וועט לעניג רעדן?

פון אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן באַהיעס אויגן גע־וואָרפן א פײַנטלעכן בליק:

— לעניג רעדט אָפּ אַלע שפּראַכן... לענינען פאַרשטייען אַלע אַרבעטער פון גאָר דער וועלט!..

— אינטערעסאַנט, ווו אַרבעט איר? — האָט דער יונגער אַרבע־טער אין דער ספּעצאָווקע באַ דעם מענטשל א פרעג געטאָן.

— איר דאַרפט דאָס בײַטיק וויסן? — האָט דאָס מענטשל בייז געענטפערט און פאַמעלעך זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון רעדל.

דאָס רעדל האָט זיך צעפלאָסן. יעדער איז שווײַגנדיק אוועק־געגאַנגען, געבליבן שטיין אָפּ דעם אַלטן אויסגעריבענעם טראָטואַר און זיך אײַנגעהערט אין די רייד, וואָס טראָגן זיך פון לאָקאַל.

מארקוס און באהיא האָבן מיט שווערער מי זיך דורכגעשניטן דורך די ארבעטער, וואָס זיַינען אפ די טרעפּ געשטאנען ענג צו־נויפגעפּרעסט. אויבן אין זאַל, ניט וויַיט פון דער טיר, זיַינען זיי צוגעקוועטשט געוואָרן צו א טישל, וואָס איז אָנגעשפּארט אין א וואנט.

א מאָדנע געהויבענע שטימונג און א יאָנטעוודיקע פרייד האָט אָנגעפילט מארקוסעס הארץ. עס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער פילט זיך אפ א קאָמוניסטישן אָוונט, ווי איינער פון די מיט־פילנדיקע. פול מיט טיפן געפיל און פרייד האָט זיך זיַין ברוסט אופגעהויבן און אראָפּגעלאָזט. ער קוקט אפן רעדנער און שלינגט יעדן וואָרט.

מארקוסעס אויגן בלאָנדזשען איבער די ווענט פון זאַל און לייענען ציטאטעס פון לענינס ווערק. זיַין בליק האָט זיך אָפּגע־שטעלט אפ א קעגנאיבערדיקער וואנט. א גרויסער פּאָרטרעט, וואָס איז איַינגעפאסט אין א רויטער ראַם, הענגט אינמיטן וואנט. די רויטע ראַם איז מיט שווארצן קרעפּ ארומגעזוימט. אונטערן פּאָרטרעט אפ רויטן זיַיד פינף אויסיַעס:

# לענין.

דער זאַל אָטעמט מיט דרייסטקיַיט. א קאמפּ־שטימונג ברויזט און שוימט אריבער די ברעגן פונעם צעכוואליעטן, מענטשלעכן יאַם.

מארקוס האָט מיט א ליידנשאפטלעכן ברען געטאָן א דונער:

וויווא באָנדערא לענינא אָפּארטידאָ קאָמוניסטא[1]!

מאָזאָליסטע הענט האָבן אָנגעהויבן פּאטשן און זיַינען ארי־בער אין א שטורעמדיקער אָוואציע. פון הונדערטער הערצער האָט זיך ארויסגעריסן:

וויווא![2]

---

1) זאָל לעבן לענינס פאָן, די קאָמוניסטישע פּארטיי.

2) זאָל לעבן.

וויוואַ אוניִאָן סאָוועטיקאַ!!![1])

דער פּאָרזיצער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש און קורץ מיט אַ ברוסטיק קאָל געמאָלדן:

— דאָס וואָרט באַקומט דער סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער בראַזילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

— אין די יאָרן פון פינצטערער רעאַקציע,—האָט אָנגעהויבן זיין וואָרט דער סעקרעטאַר,—איז געבוירן געוואָרן די בראַזילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. קיינער איז ניט בעקויעכ צו צעברעכן די אייזערנע קראַפט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, דעם פּאַראַקשנטן ווילן פון זיין פּאַרטיי — פון דער קאָמוניסטישער!...

דער רעדנער האָט אָנגעהויבן שילדערן בילדלעך פון דעם, וואָס ער האָט געזען אין לענינס לאַנד.

מאַרקוס איז מיט די שילדערונגען מיטגעריסן. זיי טראָגן אים אַוועק ווייט, וויַיט, אויף אין דער „אַלטער וועלט" אַריין — אין דעם לאַנד פון די ראַטן, און אָט זעט ער אַזוי בוילעט מאָסקווע, די הויפּטשטאָט פון ראַטנפאַרבאַנד. אָט איז דער רויטער פּלאַץ, דער קרעמל. ער טוט אַ ציטער: לענינס מאַווזאָליי... ער זעט אין אַן אויסגעצויגענער ריי שטייען שטיל אַרבעטנדיקע פון פאַרשיידענע פעלקער. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און פאָרכטיקייט וואַרט יעדער־ער, אַז זיין ריי זאָל שוין קומען אַפ אַריינגיין אין מאַווזאָליי, אַ קוק טון אַפן גרעסטן מענטשן פון אונדזער צייט, אַפ דעם כאַווער לענין. די ריי וואַקסט און ציט זיך אויס אין דער לענג, איבערן רויטן פּלאַץ, אַ שניי שיט און שיט, הילט איין די מענטשן אין וויַיסן...

מאַרקוס האָט זיך אופגעכאַפּט ווי פון אַ כאָלעם.

אין איבערייַס, ווען מונטערע שטימען האָבן פאַרפולט דעם זאַל, האָבן אַרבעטער זיך אָנגעהויבן ציִען צום טיש.

מאַרקוס איז באַם טיש געבליבן שטיין מיט אַן אייַנגעהאַלטענעם אָטעם, און אַפ זיין פּאָנעם האָט אַן ערנסטקייט זיך צעגאָסן.

---

1) זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד.

מארקוס האָט אויסגעפילט די אנקעטע. מיט א לײַכטן געמיט האָט ער פארלאָזט דעם רויט־געדעקטן טיש און זיך דערנעענטערט צו באהיען.

א קאָמיוגיסטקע מיט א רויטן באנד אף דער ברוסט האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן מארקוסן:

— כאווער, העלף די פּאָליטארעסטירטע!

ווי נאָר איר פושקע האָט אײַנגעשלונגען מארקוסעס א מאטבייע, איז זי שנעל אוועק צו אן אנדערן. מארקוס האָט מיט ווארעמע אופגעלעבטע אויגן זי באגלייט.

דער פּאָרזיצער האָט אָנגעהויבן קלינגען, דער איבערײַס איז פארענדיקט.

דער פּאָרזיצער האָט אָפּגעהאקט געמאָלדן:

— דער לעניג־פּריזיוו האָט געגעבן הונדערטער מעלדונגען אף ארײַנטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי!

— אכציק מעלדונגען אין די רויטע פראָפּפאריינען!

— און הונדערט צען מילרייס [1] זײַנען געזאמלט געוואָרן פאר די קאָרבאָנעס פון ווײַסן טעראָר!

ווידער איז מיטאמאָל די שטילקייט אופגעריסן געוואָרן, ווי א דונער וואָלט אין זאל געפּלאצט. הענט האָבן זיך געוויגט אָן אופהער. עס האָט א רודער געטאָן אן אופגעוואכטע קראפט, אן אָנבריגיקע פרייד איז אופגעגאנגען, און אירע כוואליעס האָבן זיך געוויגט. פונעם זאל האָבן זיך געקנוילט טענער פון „אינטער־נאציאָנאל", דורך די אָפענע פענצטער האָבן די קלאנגען זיך ארויסגעריסן אינדרויסן און ווײַט, ווײַט זיך געלאָזט הערן...

שפּעט אין דער נאכט האָט א מעכטיקער שטראָם ארבעטער אָנגעהויבן פליסן אין גאס ארויס.

מארקוס האָט א מונטערער, אן אופגעלעבטער זיך געלאָזט גיין צו דעם טראמוויי.

---

1) בראזילישע מאטבייע.

# IV

לענגויס דער „אוועניִדע־צענטראַל" 1) האָבן גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן צעגאָסן אַ בלענדיקע ליכט, דאָס רוישיקע לעבן, וואָס פליסט אַ גאַנצן טאָג אויף דער הויפּט־גאַס, איז נאָך אַ האַלבער נאַכט פאַרלאָשן געוואָרן.

נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך דערהערט אויף דער אַוועניִדע־צענטראַל אַן אַנדער רויש, אַנדערע ווערטער און אַן אַנדער אויסשפּראַך. דורך דער באַלויכטענער, שטום־געוואָרענער גאַס גייען אַרבעטער צו דער טראַמוויי־סטאַנציע „פּאָנפּאָ־שיק". זיי גייען מונטערע און טיילן זיך מיט איינדרוקן פונעם לעניִן־אָוונט. פון זייערע מויקע, אויפגעלעבטע שטימען האָבן אָפּגעקלונגען ווער־טער אויף דער גאַס: ראַטנלאַנד, לעניִן, אַרבעטער־דיקטאַטור...

מאַרקוס האָט זיך מיט באַהיִען צעשיידט, ער גייט איינער אַליין אַ פאַרטראַכטער. פאַר זיינע אויגן שווימען נאָך אַלץ די פינף אויסיָעס אונטער לעניִנס פּאָרטרעט. די מעלדונג, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אויף אַריינטרעטן אין דער קאָמפּאַרטיי, האָט פון אים פאַרטריבן די וואַקלענדיקע געדאַנקען און אים דורכגענומען מיט גלויבן. פלוצעם האָט זיך צו זיינע אויערן דערטראָגן אַ שמועס פון אַרבעטער, וואָס גייען הינטער אים.

מאַרקוס האָט איינגעהאַלטן זיין האַסטיקן גאַנג, אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך. אַז ער האָט זיך אויסגעגלייכט מיט די אַרבעטער, האָט ער דערפילט, ווי עמעצער האָט אים גענומען אונטער דער האַנט.

— מאַרקוס, פונוואַנען אַזוי שפּעט?

מאַרקוס האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט.

— סאָול! פון לעניִן־אָוונט.

סאָול האָט פאַרכידעשט געפרעגט:

— ווי־זשע איז אייך דער אָוונט געפעלן?

1) הויפּט־גאַס.

מאַרקוסעס אויגן האָבן אַ פֿלאַקער געטאָן פֿון באַגײַס־טערונג.

— זײער!

— אַיאָ, װוילע יאָגט די קאָמוניסטן!

— יאָ, כ'האָב שוין אויך אַ מעלדונג אין פּאַרטײ אָנגעגעבן.

— דאָס טוט מיר האַנאָע.

צו סאולן איז צוגעקומען די שװעסטער זײַנע, די קאָמיר־גיסטקע אידע.

— זײַט באַקאַנט, מײַן שװעסטער — האָט ער זי מאַרקוסן פֿאָרגעשטעלט.

מאַרקוס האָט אידען דערקענט, עס איז די, װאָס האָט אַפֿן אָװנט געזאַמלט געלט פֿאַר די פּאָליט־אַרעסטירטע.

— זײער אָנגענעם! — האָט ער צופֿרידן געזאָגט — מיר דוכט, אַז מיר האָבן זיך שוין באַקענט אַפֿן אָװנט.

— מעגלעך, — האָט אידע געענטפֿערט.

מאַרקוס און אידע האָבן זיך אָפּגעטײלט פֿון די כאַװײרים, זײ גײען הינטן און טײלן זיך מיט מײנונגען פֿון יעדנס אַרױס־טריט. אידע דערצײלט אים, װאָס פֿאַר אַ דערפֿאָלג זי האָט גע־האַט באַם זאַמלען געלט פֿאַר די פּאָליט־געפֿאַנגענע, אַז זי האָט געזאַמלט מער פֿון אַלעמען.

— יאָ, קומט מיט מיר מאָרגן אַף אַ קאָמיוג־פֿאַרזאַמלונג!

— מיט פֿאַרגעניגן!

— װו־זשע װעלן מיר זיך מאָרגן באַגעגענען? — פֿרעגט מאַרקוס.

— אַף רוא־קאָנסטיטוציע, באַם ראָג פֿון פּראַסע־טיראַדענטעס װעט איר מיך אָפּװאַרטן, זעקס דעם זײגער פֿאַרנאַכט גײ איך אַרױס פֿון דער אַרבעט.

— איך װעל באַשטימט קומען.

אַז זײ זײַנען צוגעגאַנגען צו פּאָנטאַ־שיק, צו דער טראַמװײַ־סטאַנציע, האָבן זײ שוין געטראָפֿן דעם באַנאַכטיקן לעצטן טראַמװײַ — אָנגעפּילט מיט אַרבעטער פֿון יענעם ראַיאָן. אידע

האָט זיך אופגעזעצט. מארקוס איז געבליבן שטיין אפ דער ברעט, באַם ארופגאנג, נעבן איר.

אפ דער גאס קאטעטעז איז מארקוס אראָפּ. ער האָט זיך מיט אידענ געזעגנט, איר ווארעם געדריקט די האנט און נאָכאמאָל איבערגעפרעגט:

— מאָרגן טרעפן מיר זיך?

— באשטימט!

מארקוס איז א ווײַלע געשטאנען. ער האָט דעם קאָפּ ניט אָפּגעקערעוועט פון דעם טראמוויַי, וואָס האָט זיך מיט ראַש פון אים אָנגעהויבן דערווײַטערן. די צופעליקע באגעגעניש מיט אידענ האָט מארקוסן צעשרויפט. פאר זײַנע אויגן איז גע־שטאנען איר מיטלוווּקסיקע פיגור, די קליינע ברוסטן, די צור־ציַענדיקע פרוייִשקײַט. אפ זײַן פּאָנעם האָט זיך אָפּגעשפּיגלט א שמייכל פון פרייד, עס האָט זיך אים געוואָלט, אז עס זאָל שוין זײַן מאָרגן, ער זאָל זיך מיט איר נאָכאמאָל באגעגענען.

— סארא מאָדנער צופאל! — האָט ער געטראכט אפן קאָל און זיך אומגעקוקט, צי קיינער האָט זײַנע ווערטער ניט געהערט.

שווערע וואָלקנס, ווי הויכע בלײַענע בערג, האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן פון יאַם. זיי האָבן זיך צונויפגעקניפּט, פארצויגן מיט איין פינצטערער כמארע דעם אויסגעשטערנטן, טונקל־בלויען הימל און געדראָט מיט רעגן. א קיל ווינטל איז געקומען צור־לויפן פון מיזרעך און דעם רעגן פארהאלטן. די דושנע גליִענדיקע היץ האָט אָנגעהויבן פארלירן איר קראפט, ס'איז געוואָרן קילער.

אן אופגעלייגטער האָט ער געשפּרײַזט מיט דער גאס סאנ־טא־אמארא, וואָס ציט זיך ביז הינטער דעם מעשופּעדיקן בארג סאנטא־טערעזא. זי ליגט אין פינצטערניש, אין שטילקײַט, אין טיפן נאכטישן שלאָף. אין טאָל, הינטערן בארג, שטייען אָפּגע־זונדערט קליינע ליימיקע שטיבלעך. מארקוס לאָזט הינטער זיך שווערע טריט. יעדער טראָט הילכט אָפּ מיט א ווידערקאָל אין די שטיבלעך.

ווי נאָר מארקוס איז ארײַנגעקומענ אינ צימער, האָט ער זיכ אײַליק אויסגעטאָנ, די עלעקטרע אויסגעלאָשנ אונ זיכ א וואלגער געטאָנ אינ בעט. דער הײַנטיקער אָוונט איז א געשעעניש אינ זײַנ לעבנ. ער איז געלעגנ אינדערפינצטער אונ קיינ אויג ניט צוגעמאכט. ער דרייט זיכ אפנ בעט פונ איינ זײַט אפ דער אנדערער, קענ ניט אײַנשלאָפנ, קענ זיכ ניט בארויִקנ. אָט שטייט אימ ווידער פאר די אויגנ דאָס, וואָס ער האָט הײַנט אײַנגעזאפט אינ זיכ.

ערשט ווענ דער בלייכער קאיאָר האָט אָנגעהויבנ זיכ שפרייטנ פונעמ בארג איבער דער שטאָט, ארײַנקוקנ אינ פענצטער, האָט ער אײַנגעדרימלט.

---

# קאפיטל פיר

## I

אין צימער בא דעם אָפענעם פענצטער זיצט מאַרקוס, אָנגעשפּאַרט די ביידע עלנבויגנס אין פענצטער־ברעט, מיט ביידע הענט אַרומגענומען דאָס פּאָנעם. אַף דער פענצטער־ברעט ליגט אופגעעפנט די צײַטונג „אָ זשורנאַל". מאַרקוס לייענט אַן אַרטיקל וועגן מאָראַל אין ראַטנלאַנד.

בא מאַרקוסן האָט געפּלאַצט דער געדולד דעם אַרטיקל דערלייענען ביזן סאָף. ער האָט די אויגן אָפּגעריסן פון דער צײַטונג און איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך. באַלד האָט א קלאָרער געדאַנק א בליץ געטאָן אין זײַן מויעך, און אַן איראָנישער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער זײַן פּאָנעם:

— דער פּראָפעסער מאָלט די סאָוועטישע מאָראַל לויטן שטייגער־לעבן פון די אוראַלטע מענטשן. פאַלש, ליגנעריש.

די זון איז אַרויסגעקראָכן פון איר באַהעלטעניש פון אונטערן באַרג סאַנטאַ-טערעזאַ און גענומען שווימען איבער דעם העלבלויען הימל און דורך דעם אָפענעם פענצטער באַגאָסן מיט העלער בונטער ליכט דעם קליינעם צימער.

מאַרקוס האָט ווידער געעפנט די צײַטונג, די אויגן קוקן אָפּשאָנעסדיק און קאַלט אַף דעם אַרטיקל, ער שאָקלט מיטן קאָפּ, און די ליפּן זײַנע פּרעסן זיך שטײַף צונויף. ער האָט געלאָזט פאַלן א פּאָר זידל־ווערטער:

— א געלערנטער אייזל...

ער וואַרפט א בייזן בליק אַף דעם אונטערשריפט, און א פײַערל, פלאַקערט אוף אין זײַנע אויגן: פאַרוואָס זאָל איך ניט פּרוּוון,

ווי אַן אַרבקאַר, אים געבן אַן ענטפער דורך אונדזער צײַטונג „אַנאַנסאָנ" [1]).

מאַרקוס איז צוגעגאַנגען צום טישל, זיך אַראָפּגעזעצט אַף דער שטול און אָנגעהויבן שרײַבן. אַ פרייד באַזונט זײַן פּאָנעם. שוין דאָס דריטע מאָל, אַז ער לייענט איינדערהייך דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, און אים גלויבט זיך אַלץ ניט, אַז ער אַליין האָט די געדאַנקען אויסגעטראָגן. ער האָט דעם אַרטיקל אונטערגעשריבן מיט זײַן פּאַרטיי-פּסעוודאָנים „זשעקאַ" און אַרײַן געלייגט אין בוזעם־קעשענע.

מאַרקוסעס אויגן קוקן פאַרטרוימט, ווי די זון שפּיגלט זיך אין די שויבן פון דעם אָפענעם פענצטער.

...כאַנע, מאַרקוסעס שוועסטער, אָנגעטאָן אין אַ לילאָווע זײַדן קלייד, אַ שטרויענע היטעלע פון קאַשטאַנענע קאָליר, אין איר זײַדענעם מאַנטאָ איז אַוועק זען, פאַרוואָס מאַרקוס איז שוין צײַט אַ וואָך ניט געקומען אַף דער שטעלע צום מאַן אין דער מעבל־קלייט. איידער כאַנע איז אַרײַן צום ברודער אין צימער, איז זי געבליבן שטיין בײַ דעם אָפענעם פענצטער. זי האָט זיך אַביסל אונטערגעהויבן, געשטעלט אַף די שפּיץ פינגער און אַרײַנגעקוקט אהין. געקלערט האָט כאַנע טרעפן דעם ברודער ליגן אַ קראַנקן אין בעט, און האָט גאָר גע־זען, ווי ער זיצט אַזוי פאַרטראַכט. כאַנע האָט געמאַכט אַ קליי־נע פויזע, באַטראַכט אים מיט אַ פילבאַדײַטנדיקן בליק און מיט אַ ביטל־געלעכטער אויסגעזונגען:

— דײַנע שיבן גייען אונטער! וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַר־טראַכט?

מאַרקוס האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ, די אויגן אויפגעהויבן, נאָר געזען האָט ער די שוועסטער, ווי דורך אַ נעפּל.

די שוועסטער האָט זיך אָוועקגעטראָגן אַף אירע קורצע פיס־לעך, זי איז צו צו דער טיר, זי אופגעפּראַלט און, ווי אַ רוישיקע כוואַליע, איז זי אַרײַן אין צימער. כאַנע האָט זיך אַ דריי געטאָן

1) דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער בראַזילישער קאָמפּאַרטיי.

מיט איר גופעלע, געבליבן שטיין נעבן דער סאָפע קעגניבער מאר־קוסן און האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ זעלבסטצופרידענעם געלעכטער:

— זע נאָר, דו האָסט זיך שוין ווידער פאַרפּלאָסאָפעוועט. אַ שטיק אַריסטאָטעל געוואָרן.

מארקוס האָט אַ גלײַכגילטיקן בליק געוואָרפן אף דער שוועס־טער און שטיל געזאָגט:

— אַן אומגעריכטער גאַסט. — ער האָט צונויפגעלייגט די צײַטונג, אַ פּאָר טריט געמאַכט און אונטערגערוקט דער שוועסטער אַ שטול.

— זיץ.

כאַנע האָט אַ פּיר געטאָן מיט אירע גרינע אויגן, אַ פּרווו געטאָן מיט אַ פינגער דעם דעקל פון שטול און אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז.

— סאַראַ שטויב.

זי האָט אַ כאַפּ געטאָן פון הענגער דעם האַנטעך, פאָרזיכטיק אַ וויש געטאָן דעם שטול און זיך אַנידערגעזעצט.

מארקוס האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט אף צוריק. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אף דער סאָפע קעגניבער דער שוועסטער.

ביידע האָבן געשוויגן, ווי זיי וואָלטן ניט געהאַט וואָס צו ריידן. די שוועסטער האָט געזען, ווי דער ברודער האָט זיך אַנידערגעזעצט שטיל, פרעגט זי גאָרניִשט, ווי זי וואָלט פאַר אים ניט עקזיסטירן, — האָט זי כיטרע אָנגעהויבן פאַרפירן אַ שמועס.

— וווּ איז לעאָנ?

— בײַ דער אַרבעט.

— ער אַרבעט נאָך אַלץ טאַפּעצירערײַ? — פרעגט זי און מאַכט זיך, ווי זי וואָלט ניט וויסן.

— וווּ דען זאָל ער אַרבעטן? — האָט מארקוס אָפּגעהאַקט.

— לאָזער וויל אים נעמען צו זיך.

— טוט אים ניט קיין טויווּעס.

— אפּ איא אויפֿן וועט ער הונגערן, ער וועט זיך קיינמאָל ניט אָרופּאַרבעטן!

— ווידער טאַכלעס...

די שוועסטער האָט אויסגעשאָסן:

— פֿאַרוואָס קומסטו ניט אין קלייט אַריַין? — פֿרעגט זי און לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פֿון מאַרקוסן. — מיר האָבן שוין ניט געוווּסט, וואָס צו קלערן. אַ באַרג קאַרטלעך פֿון ניט איַינגעמאָנטע ראַטעס האָבן זיך אָנגעזאַמלט. לאָזער קען פֿון דער קלייט ניט אַוועקגיין. ער האָט געשיקט דעם דינער, נאָר גיי פֿאַרלאָז זיך אויף אַ פֿרעמדן, מיט פֿרעמדע הענט איז גוט פֿיַיער צו שאַרן.

— איך האָב באַשטימט בײַטן מײַן אָרט לעבן, — האָט מאַרקוס געענטפֿערט מיט אַ געלאַסענעם טאָן.

באַנגע האָט פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ. זי האָט אַן איבערגעשראָקענע אַ קוק געטאָן אויפֿן ברודערס פֿאַרטראַכטן פּנים. דאָס פּנים דריקט אויס אַ זיכערקײַט אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. זי האָט אַ פֿאַרלוירן, אַ אין שפּאַס געפֿרעגט:

— דו טרײַבסט קאַטאָוועס?..

— איך מיין גאַנץ ערנסט.

— דו האָסט עפּשער געקראָגן אַ בעסערע שטעלע? דו דינסט דאָך אויף פּראָצענטן!

— איך זוך ניט קיין שטעלע, איך קער זיך אום צו מײַן אַלטער פּראָפֿעסיע — צו דער ניי־מאַשין.

— דו האָסט פֿאַרלוירן דײַן מעשוגענעם סייכל! — זי וואַרפֿט אַ בייזן בליק אויפֿן ברודער, און ווערטער רײַסן זיך שוין ווידער פֿון מויל. — געפֿערלעכע געדאַנקען באַ דיר!..

— פֿאַרשטייט זיך.

— אַך, מײַן גאָט, וואָס דאָס ייִנגל האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ! ווייניק האָסטו געליטן?!..

מאַרקוס האָט דערפֿילט, ווי עס טראָגט זיך פֿון דער שוועסטער אַ פֿרעמדקײַט, אַ קעלט, אַז זיי זײַנען מענטשן פֿון צוויי באַ־

זונדערע וועלטן. ער האָט פּלוצעם זיך א קערעווע געטאָן מיטן קערפּער צו דער שוועסטער, איינגעשטאָכן אין איר זיין בליק.

— גענוג געשוווּמען אין דער לופטן! גענוג...

— קאָמוניסט!.. די וועלט איז ניט הפקר! — האָט זי היסטע־ריש א געשריי געטאָן.

— שטילער אביסל, — האָט מאַרקוס געבעטן, — מע הערט דאָרטן בא די שכנים אלצדינג.

— זאָל מען הערן און וויסן, דו פאַרשמירסט אונדזער מישפּאָכע!

באלד האָט כאַנע געביטן איר טאָן, זי האָט אָנגעהויבן מיט זיסע רייד איינטייענען:

— דו גייסט אָפּ א געפערלעכן וועג, מע האָט מיר דער־ציילט, אז דו ביסט געוואָרן א קאָמוניסט, אז טיילן ווילסטו זיך מיט די רייכע — קאָמונע ווילט זיך דיר... ברודער מיינער, דו מוזט בייטן דיין אופירונג, עס איז נאָך ניט שפּעט, לאָזער וויל מיט דיר עפענען שוטפעס א קלייט, וועסט זיך האלטן נעבן אים — וועסטו ווערן א מענטש... פאָלג מיך, שלאָג זיך ארויס פון קאָפּ די נארישקייטן, עס איז נאָך ניט שפּעט...

— וואָס זאָל איך מיט דיר ריידן? — ענטפערט מאַרקוס, און די הארטע קנייטשן בא די ליפּן־ווינקלען האָבן זיך שטארק אויס־געטיילט, — דו וועסט מיך דען פאַרשטיין? זאָג לאָזערן, אז ער האָט מער ניט אָפּ מיר אויסצושטעלן. מיין באשלוס איז א פעסטער.

די שוועסטער איז צו אים צו. אין אירע גרינע אויגן האָט א ווילד פייערל געברענט, ווי ניט דער ברודער וואָלט פאַר איר געשטאַנען, נאָר א סוינע. זי האָט א דראָע געטאָן מיטן פינגער.

— פאַרפירט! — דו וועסט נאָך כאראָטע האָבן! עס וועט שוין אָבער זיין שפּעט...

זי האָט די שטול, וואָס איז געשטאַנען אפן וועג, בייז גע־געבן א וואָרף, פלינק א לויף געטאָן צו דער טיר, די טיר אופ־געפראלט און פאַרהאַקט. זי איז געשווינד אוועק, ווי עמעצער וואָלט איר נאָכגעיאָגט.

מארקוס האָט א קוק געטאָן אינ פענצטער, ער האָט דער־פילט, ווי עפּעס א שווערע לאַסט האָט אים באפרײַט, און ער האָט לײַכטער אָפּגעאָטעמט.

עס דערמאנט זיך מארקוסן: א שטיבל א נידעריקס, א קליי־ניגקס, האלב אינ דער ערד — אנ עמעסער קײַוער. אינ דעם שטיבל ווינט אנ ארבעטער־געזינד. דער ארבעטער האָט די ארבעט אָנגעווירן. קינדער ליגנ קראנק. אז מארקוס איז אהינ ארײַנגעקומענ, האָט דער ארבעטער פארצאָרנט דעם קאָפּ ארויפ־געלאָזט און מיט א געפאלנ קאָל געזאָגט: „איך בינ ארבעטלאָז, דערצו האָט זיך קראנקײַט אינ מײַנ שטוב ארײַנגעכאפּט, ווו־זשע קענ איך איצט נעמענ צו צאָלנ די ראטעס?" מארקוס האָט דעם ארבעטער געטרייסט און בארויקט: „ווענ איר וועט אָנהייבנ אר־בעטנ, וועט איר באצאָלנ, איר דארפט זיך ניט ערגערנ".

דער ארבעטער האָט זײַנע ארויפגעלאָזענע, אויסגעלאָשענע אויגנ אופגעהויבנ, וואָרעם אָנגעקוקט מארקוסנ און זיך ניט גע־גלויבט, אז בא א קאָבראדאָר[1]) זאָל אויך זײַנ א מענטשלעכע הארצ, וואָס קענ מיטפילנ...

מארקוס איז געוואָרנ אָנגעשטרענגט, אופגערעגט. עס האָט אים דורכגענומענ א שוידער, אזויווי עפּעס שרעקלעכס וואָלט אים געטראָפנ. עס ווײַזט זיך אים אויס, אז ער שטייט באם סאַמע ראנד פונ א פינצטערנ אָפּגרונט, און א בייזער ווינט טראָגט אים אינ געווירבל אהינ, פונוואנענ עס איז ניט ארויסצור־קריכנ...

ער האָט זיך היימישלעך צוגעזעצט און געזאָגט:

— באווער, איך בינ אויך פונ קינדהײַט אָנ אנ ארבעטער. נאָר אײנ ארבעטער קענ מיטפילנ דעם אנדערנ ארבעטער.

— אנ ארבעטער? — האָט דער קוינע פארוואונדערט א שטאמל געטאָן.

---

1) אײַנמאָנער.

— איך קען מער ניט, — זאָגט מארקוס פארומערט, — איך ווארף די שטעלע פון זיין אן איינמאָנער. איך וועל בעסער הונגערן, איידער רייסן דעם לעצטן ביסן פון דעם ארבעטערס מויל.

פארנאכט האָט מארקוס זיך אומגעקערט אין קלייט אריין. לאָזער, דער שוואָגער זיינער, האָט אָנגעהויבן איבערנעמען די איינגעמאָנטע ראטעס. דער שוואָגער האָט זיך אָפּגעשטעלט בא דעם ניט איינגעמאָנטן קארטל און מיט די אויגן אין מארקוסן זיך איינגעגעסן.

— פארוואָס איז שוין דאָ פאר צוויי כאדאָשים ניט געצאָלט?

— דער קוינע איז ארבעטלאָז, און זיינע קינדער זיינען קראנק, איך אליין האָב אים צייטווייליק באפרייט פון צאָלן.

לאָזערן איז דאָס בלוט ארויין אין פּאָנעם. ער האָט א געשריי געטאָן:

— אומפארשעמטער!

— ווי וואגסטו באלעבאטעווען איבער פרעמדס, איבער מיין פארמעגן!..

מארקוס האָט א ציטער געטאָן, א קאלטער שווייס איז ארויס אפ זיין שטערן. ער האָט א מאך געגעבן מיט דער האנט, האָט זיך נערוועז אופגעהויבן, אָנגעהויבן שפּרייזן איבער דעם קליינעם צימער אהין און צוריק.

דער ריאָ־דע־זשאנייראָער פּארטיי־קאָמיטעט רוקט מארקוסן ארויס פאר סעקרעטאר פון באָטאפאָגער ראָמאָנעס פּארטיי־קאָמיטעט. מארקוס דערמאנט זיך, וואָס דער סעקרעטאר, כאַווער ראָסי, האָט אים געזאָגט:

— דו וועסט דאָרטן באגעגענען גרויסע שוועריקייטן, מיר האָפן אָבער, אז דו וועסט די שוועריקייטן באקעמפן. אָט האָסטו דעם אדרעס, ווו די קאָנפערענץ דארף פּאָרקומען, דו מוזט אומבאדינגט ביישיין.

## II

די זון האָט זיך אראָפּגערוקט צום האָריזאָנט. דער טאָג האָט געטליִעט און נאָך אלץ ניט געוואָלט זיך שיידן.

מארקוס האָט קוים דערלעבט זען, ווי די הייסע ברענענדיקע זון זעצט זיך. ווי ער זאָל ניט זײַן איבערגעלאָדן, פארנומען, געפינט ער פונדעסטוועגן פרײַע מינוטן — קימאט אין יעדן אָוונט — אפ זיך טרעפן מיט אידען, און וואָס מער ער זעט זיך מיט איר, אלץ מער פילט ער זיך געפאנגען. מארקוסעס יונגע אויסגערוטע פיס האָבן א טראָג געטאָן דעם קערפּער אהין, ווו ער האָט אָפּגערעדט זיך טרעפן.

אידע, אן אויסגעפוצטע אין יאָנטעוודיקן בלוי־זײַדן קלייד, האָט בא דעם ראָג פון איר גאס שוין געווארט אפ מארקוסן. אידעס אויגן זײַנען ברייט פאנאנדערגעעפנט, קוקן ווײַט־ווײַט אין אָנהייב גאס ארײַן אהין, פונוואנען מארקוס דארף אָנקומען. זי האָט פונוויײַטן באמערקט, ווי מארקוס שפּרײַזט האסטיק. איר הארץ האָט א פלאטער געטאָן, די באקן האָבן א פלאם געטאָן, און די אויגן האָבן אופגעלויכטן. אידע האָט זיך געלאָזט גיין אנטקעגן. אז מארקוס איז צו איר צוגעקומען, האָט זי קלוימערשט אומצופרידן ארויסגערעדט:

— צו לאנג לאָזטו אפ זיך ווארטן.

מארקוס האָט זיך געגעבן א כאפּ:

— אַך, אנטשולדיק, ס'איז ניט מײַן שולד. דער טראַמווײַ, מיט וועלכן איך בין געפאָרן, איז אראָפּ פון די רעלסן און פארהאלטן די גאנצע באוועגונג.

— אזוי... קיינער האָט כאָטש ניט געליטן?

— ניין, — ער האָט איר אָנגעהויבן דערציילן, וויאזוי עס איז פאָרגעקומען.

— וווהין זשע וועלן מיר איצט פאָרן? — האָט אידע געפרעגט.

מארקוס האָט מיט פארליבטע אויגן א קוק געטאָן אפ אידען און אופגעלעבט געענטפערט:

— ווייסטו וואָס, לאָמיר זיך דורכשפּאצירן קיין „לעמע"!

— ביטע, — האָט זי פריידיק אײַנגעשטימט.

מארקוס און אידע גייען צום טראַמווײַ. מארקוס האָט הינ־

פערוויילעכס געקוקט אף אידען און געטראכט, אז זי זעט איצט אוים שענער, ווי שטענדיק. מיט א צארטן שמייכל טוט ער איר א זאָג:

— א מעכייע א קוק צו טון אף דיר... דו ביסט היינט אזוי שיין! — און ער דריקט איר די האַנט.

אידע האָט מיט א פילבאַדייטנדיקן שמייכל געענטפערט. צוויי שורעס קלייגע מילכ־ווייסע ציין האָבן געגעבן א פינקל פון פרייד.

— פאַרוואָס זשע ביסטו היינט אויסגעבלייכט? — פרעגט זי אומרויק.

אידעס פראגע האָט איבערגעריסן מארקוסעס פריילעכע געדאַנקען. ער איז מיטאמאָל געוואָרן אומעטיק, זיינע ליפן האָבן לייכט א ציטער געטאָן. מיט א געמאכטער רויקייט האָט ער אידען געענטפערט:

— מיין שוועסטער האָט זיך נאָך מיר פאַרבענקט, מיר אָפּגעשטאַט א וויזיט. מיר האָבן זיך דורכגעווערטלט... ווי דו ווייסט, זיינען מיר מענטשן פון צוויי באַזונדערע וועלטן.

מארקוס האָט אָנגעהויבן מיט אלע איינצלהייטן דערציילן אידען וועגן דער שוועסטער און וועגן דעם ארטיקל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן. נעבן נייעם טונעל זיינען זיי אראָפּ פון טראַמוויי און צום יאַם דאָס שטיקל וועג צוגעגאנגען צופוס.

לענגאויס דעם אַנטלאַנטישן אָקעאַן ליגט די אַספאַלטירטע אווענידע־אַטלאַנטיק, רונד ווי א האַלבע לעוואָנע. נאָר אין איין זייט אווענידע־אַטלאַנטיק ציִען זיך פּאַלאַצן פון פאַרשיידענע סטילן, איינגעטונקען אין בלומען און איןביימער. דער גרעסטער טייל איינוווינער פון די פּאַלאַצן זיינען אויסלענדער. זי דאַמען זייערע וויגן זיך פויל אף די וויג־שטולן, וואָס שטייען אף די געפלאַסטערטע וועראַנדעס און באַטראַכטן מיט פוסטער גייווע די אָרכיק־געבוירענע איינוווינער, וואָס זיצן אפן זאַמד באַם ברעג יאַם.

קלובן, קאַזינאָעס און רולעטקע־הייזער געפינען זיך אויך אין דער זייט גאַס. אינדערמיט פון דער אווענידע־אַטלאַנטיק

שטייט דער פּרעכטיקער האָטעל „פּאַלאַסי־קאָפּיזקאַבאַזע״, מיט זײַן באַוווּסטער קאַזינאָ. אין דער קאַזינאָ זיצן אין די אָוונטן סילועטן פאַרגליווערט, מיט ציטערנדיקע בליקן אין דריי־ווײַזער אַף די גרינע רולעטקע־טישן. עס טרעפט, אַז דער רולעטקע־טיש שלינגט אײַן עמעצנס פאַרמעגן, גייט דער פאַראָרעמטער מענטש אַ דערשלאָגענער אַרײַן אין קאַזינאָ־פּאַרק, און אַ קנאַל פון אַ רעוואָלווער־שאָס לעשט זײַן לעבן אויס...

אין דער אַנדערער זײַט גאַס איז צעשפּרייט אַ ראַכוועסדיקער זאַמדיקער ברעג. עס זעט זיך, ווי ווײַט דאָס אויג קאָן כאַפּן, וואַסער, אומרויִקע כוואַליעס, און עס פינקלען אויף רויטע און גרינע פײַערלעך — צייכנס, וואָס פאַרהיטן די שיפן פון די שטיי־נערנע פעלדזן.

מאַרקוס און אידע זיצן אויף דעם טרוקענעם זאַמד באַם ברעג יאַם און באַמיִען זיך אונטערהאַלטן דעם איבערגעריסענעם שמועס. אידע האָט באַמערקט, אַז מאַרקוס ענטפערט אָן כיי־שעק, איז זי אויך אַנטשוויגן געוואָרן און זיך פאַרקוקט אויף די רויטע און גרינע וויגנדיקע פײַערלעך, וואָס וואַקסן אויס אין ווײַטן יאַם.

אַ פײַכט ווינטל האָט זיך געצויגן פון אָקעאַן און אָנגע־זאַפּט די אַפּדערנאַכטיקע לופט מיט קילקײַט. די כוואַליעס האָבן מיט אַ מעכטיקער קראַפט זיך געהויבן, ביז זיך געוואָרפן אין צעשאָטן ווילדע קלאַנגען. אַלעמאָל הייבן זיך אויף גאַנצע ווענט כוואַליעס און טוען זיך שטורעמדיק אַ וואָרף אַפן ברעג. דער יאַם הייבט אָן מיט לאַנגזאַמע טריט, שפּאַן נאָך שפּאַן, זיך רוקן מער אַפן ברעג, צוריק פאַרנעמען די פּאָזיציע, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן דעם טאָג.

עמעצער איז אַפן זאַמד פאַרבײַ זיי דורכגעגאַנגען. מאַרקוס האָט זיך אומגעקוקט. באַלד האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אידען. ער האָט באַמערקט, ווי אידע זיצט באַ דער זײַט פאַר־טראַכט. אַזאַ האָט ער זי נאָך ניט געזען. זי איז פאַרטאָן אין

מאכן א שטיבל פון זאמד. מארקוס האָט זיך הילכיק פאַ־
באַנדערגעלאַכט:

— דו גרייטסט שוין א שטיבל?

אידע האָט אַפּ מארקוסעס געזיכט איבערגעלייענט די באַ־
דײַטונג פון דער פראגע און האָט די אויגן אראָפּגעלאָזט. די
פראגע איז הענגען געבליבן אָן אן ענטפער.

א זעלטענער שיינער אָוונט באַם ברעג יאַם. א שיטערער,
דורכזיכטיקער איז דער טונקל־בלויער הימל, אָנגעפּיקעוועט מיט
שטערן, אייניקע — ווי בלישטשענדיקע בריליאַנטלעך. אידע און
מארקוס ריידן אָן ווערטער, קוקן זיך אין די אויגן און שווײַגן.
מארקוס האָט צארט אוועקגעלייגט די האַנט אַפּ אידעס פּלייצע.
באַ אידען האָט געקלאַפּט דאָס הארץ, און די בלוטן האָבן פּלינ־
קער זיך אָנגעהויבן יאָגן און א פּלייצ געטאָן אין קאָפּ ארײַן.
אידע האָט דערפילט, ווי אן עלעקטרישער שטראָם וואָלט זי באַ־
רירט, און א לײַכטער ציטער איז דורכגעלאָפן איבער איר קער־
פּער. ביידע האָבן שוין ניט געהערט דעם רויש פון די כוואַ־
ליעס, נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון די אייגענע אומרויִקע הער־
צער. אידע האָט פּאַמעלעך זײַן האַנט פון זיך אראָפּגענומען,
מארקוס האָט איר הענטל פּארהאַלטן, ארײַנגענומען אין זײַנע
הענט און געגלעט מיט צערטלעכקײַט. מארקוס האָט דאָס ערשטע
מאָל אידען א קוש געטאָן. זי האָט מיטן גאַנצן קערפּער זיך
צוגערוקט צו אים און גענומען ציטערן. מארקוס האָט זי נאָך
שטאַרקער צוגעדריקט צו זײַן ברוסט.

זיי זײַנען מינוטן געזעסן שטיל, צוגעטוליעט איינער צום אנדערן.

אידע האָט מיטן געדאַנק זיך אריבערגעטראָגן קיין וואָלין, אין
שטעטל, ווו זי איז אויפגעוואַקסן, פונוואַנען זי איז אָנגעקומען
אהער, קיין בראַזיליע. די דערינערונגען פון די קינדער־יאָרן
האָבן זי ארומגעכאַפּט מיט א טרויעריקער שטימונג.

מארקוס האָט אַפּ אידען א בליק געטאָן און פארוואונדערט
געפרעגט:

— וואָס ביסטו געוואָרן אומעטיק?

אידע האָט זיך פאַרטראַכט, א גלעט געטאָן מאַרקוסעס בע־קרײַזלטן קאָפּ:

— איך האָב זיך דערמאַנט אין מײַנע ביטערע קינדער־יאָרן...

אידעס קאָפּ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין מאַרקוסעס אַקסל.

— דערצייל עפּעס פון דײַן לעבן.

אידע האָט דערציילט פון אירע קינדער־יאָרן, פון א קליין אַלקערל אין אן אַלטער ליימיקער שטוב. דער דאַך האָט געדונען. דורך דער געפּלעקטער סטעליע פּלעגן דער רעגן טראָפּנווײַז די־נען אָפּן דיל, אָף די זאַכן און אָף די מענטשן. דאָס איז געווען אין וואָליז, אין א קליין שטעטל. מיט אידעס קומען אָף דער וועלט איז צו פיר הונגעריקע מײַלער צוגעקומען א פינפטס, און צו דעם ענגן אַלקערל — נאָך אן אײַנוווינער. זי האָט אים דער־ציילט וועגן קראַנקן טאַטן אירן, דעם מוליער. זעלטן פּלעגט זי דעם טאַטן זען. ער פּלעג באַגינען אוועקגיין צו דער אַרבעט און פּלעג זיך אומקערן שפּעט אינאָוונט. גאַנצע נעכט האָט ער געהוסט מיט א געדיכטן שווערן הוסט. די מאַמע אירע האָט פאַריכט צעריסענע זעק, געפּליקט פעדערן און געקנאָטן ברויט — און ערשט דערנאָך ניט געהאַט דעם טאָג איבערצוקומען... אידעס יונגע עלטערן זײַנען פּריצײַטיק זקיינים געוואָרן און געשטאָרבן...

זי האָט אים דערציילט, אַז צו נײַן יאָר איז זי גע־בליבן אָן עלטערן, זי און דער יונגערער ברודער, סימאָן, העפּקער, פאַרוואָרלאָזט... פון אַזוינס, וואָס הייסט א גוט וואָרט, א צאַרטע האַנט ווייסט זי ניט, זינט זי האָט די עלטערן פאַר־לוירן. אויך אין בראַזיליע האָט זי פון קיין גוטס ניט געוווּסט. צו עלף יאָר האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן, דער אַרבעט־טאָג אַזוי לאַנגער און דער לוין אַזוי נישטיקער.

אַסאַך ליידן און שווערע איבערלעבונגען זײַנען געווען אין אידעס זיכרוינעס. איצט זיצט זי, די אויגן צום זאַמד אַראָפּגע־לאָזן, פּונקט ווי זי וואָלט אין זאַמד עפּעס זוכן. מאַרקוסן האָט

זיך אזוי פארוואָלט אידענ אײַנקלאמערנ אינ זײַנע אָרעמס, צו־פרעסנ מיטנ גאנצנ קויעכ צום הארצנ און זי שטיל־שטיל צערט־לענ. האָט ער אָבער באמערקט, ווי עס האָבנ זיך צוויי טיפע קנייטשעלעכ אײַנגעקארבט אינ איר קלײנעם גלאטנ שטערנ.

מארקוס האָט זיך צוגעהערט צו דער סוידעסדיקער שטיל־קײַט, דורכ וועלכער ס'האָבנ זיכ דורכגעריסנ דעמ יאמס בייזע ברומענדיקע טענער.

אפנ יאמ האָט זיך אָנגערוקט א נעפל. דער יאם איז געלעגנ אינ געדיכטנ מאטנ וואָלקנ. די וויגנדיקע פײַערלעכ פונ די מא־יאקנ האָבנ פונ מאָל צו מאָל זיך דורכגעריסנ דורכנ שלייער און האָבנ א בלישטשע געטאָנ. מארקוס האָט קעגנ זײַנ ווילנ אײַנגע־גראָבנ די אויגנ אינ אומדורכדרינגלעכנ כאשכעס פונ יאמ. ערגעצ פונ דער נאכט האָט אופגעקלונגענ א קוש און א יונגער פאר־שײַטער געלעכטער פונ א פאָרל, וואָס איז אפנ זאמד געזעסנ.

— אידע, מײַנע געפילנ צו דיר, זײַנענ דיר שוינ באוווסט. איכ בינ א פארטייער און דו — א קאָמיוגיסטקע. אונדז בײדנ פארבינדט אײנ שײנער טרוים, אײנ אידייע, אײנ ליכטיקער גלויבנ...

זיי זיצנ אפנ זאמד פארזונקענ אינ אייגענעמ גליק, שווימענ אינ זיסע כאלוימעס פונ ליבע.

רוגזעדיק, פאראקשנט רוקט דער יאמ זיך אלצ מער און מער אפנ זאמד. ער האָט שוינ קימאט זײַנ גאנצע פאָזיציע פארנומענ. א גרויסע צעווילדעוועטע כוואליע איז אימפעטדיק אָנגעלאָפנ, זיכ א שלײַדער געטאָנ אפנ זאמד, זיכ צעגאָסנ אינ מיליאָנענ, מי־ליארדנ זילבערנע שטרעמלעכ און באשפריצט מארקוסנ מיט אידענ פונ קאָפּ ביז די פיס. ביידע האָבנ זיכ איבערגעשראָקנ, זיכ אופגעהויבנ און פארוווּנדערט געקוקט, ווי די וואסער האָט זיכ א רוק געטאָנ אלצ נעענטער צום וועג.

— זע נאָר, ווי ווײַט די וואסער איז שוינ פארלאָפנ! — האָט אידע אויסגעשריגן.

די שטערנ זײַנענ געוואָרנ מאט, האָבנ פארלוירנ זייער

גלאַנץ, און איינער נאָך איינעם האָבן זיי זיך אָנגעהויבן לעשן אַף דעם אויסגעבלייכטן בלוי פון הימל, דורך דעם נעפּל האָט אי־בערן יאַם אָנגעהויבן זיך וויקלען אַ פלאַמיקער קאַיאָר.

מאַרקוס און אידע האָבן זיך איבערגעקוקט.

— וואָס, שוין באַגיינען? ווי גיך די נאַכט איז פאַרשוווּנדן...

ביידע זײַנען אײַליק אוועק צום טראַמוויי.

בא אידעס שטוב האָט מאַרקוס איר שטאַרק געדריקט די האַנט און געפרעגט:

— מאָרגן באַגעגענען מיר זיך?

אידע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ניט מאָרגן, נאָר הײַנט... — האָט זי מאַרקוסן פאַריכט.

— עמעס, הײַנט.

# III

מאַרקוס איז ניט דרייסט, מיט גרינגע טריט אַרײַנגעגאַנגען אין דער רעדאַקציע פון דער צײַטונג „אַנאַסאַן". זײַן האַרץ האָט געקלאַפּט גיך־גיך. מאַרקוס איז געבליבן שטיין ניט ווײַט פון אַ ביוראָ־טיש, ווו דער פאַרטרעטער פון רעדאַקטער, פּאַול, איז גע־זעסן געבויגן, פלינק מיט דער פען געשפּרײַזט איבערן ווײַסן פּאַפּיר. מאַרקוס איז געבליבן שטיין, געקוקט אַף דעם קײַלעכ־דיקן פּליך, וואָס איז באַזוימט מיט טונקל־בלאָנדע האָר, געמישט מיט ווײַסע.

פּאַולס האַנט איז אין אַ מיט שורע געבליבן שטיין. זײַן גע־גאָלטער פּאָנעם מיט שאַרפלעכע שטריכן האָט זיך אויפגעהויבן, און דורך די טונקל־גרויסע ברילן האָבן זײַנע אויגן געקוקט מיט אַ פראַגע.

— כאַווער, צו מיר? — האָט ער מאַרקוסן אַ פרעג געטאָן.

— איר זײַנט פאַרנומען?

— וואָס האָט איר באַדאַרפט?

מארקוס האָט פּאולען געוויזן די צייַטונג „אָ זשורנאל“.

— איר האָט געלייענט דעם ארטיקל?

— געלייענט דעם פּאסקוויל.

— כ׳האָב אָנגעשריבן אן ענטפער דעם פּראָפעסער. כ׳האָב דאָס אייַך געוואָלט וויַיזן.

פּאול האָט אוועקגעלייגט דאָס הענטל־פּען, געוואָרפן א דורכ־דרינגלעכן בליק אף מארקוסן און געפרעגט:

— איר האָט עס דאָ?

— יאָ.

— וויַיזט עס.

פּאולס אויגן האָבן דורך די טונקעלעברילן אָנגעהויבן לאנג־זאם שוועבן איבער די ניט סימעטרישע שורעס פון מארקוסעס ארטיקל. דאָס הענטל־פּען האָט זיך צוריק אייַנגעפלאָכטן אין זייַ־נע פינגער. דאָ מעקט ער אויס א וואָרט און שרייַבט צו א ביַיס, דאָ שטרייַכט ער אויס א שורע.

מארקוס זיצט, ווי א שילער, וואָס מע עקזאמענירט, ער אָטעמט שווער, נעמט ניט אראָפּ די אויגן פון פּאולס ברילן, לייענט דעם אויסדרוק פון זייַן פיזיאָנאָמיע. דאָס בענקל האָט עפּעס אָנגעהויבן קוועטשן, ער איז געוואָרן אומגעדולדיק.

פּאול האָט דעם קאָפּ אופגעהויבן, א צופרידענעם קוק געטאָן אף מארקוסן און געזאָגט:

— עס וועט גיין אין מאָרגעדיקן נומער.

מארקוס האָט פון איבעראשונג איבערגעפרעגט:

— הייסט עס, איר נעמט דאָס אָן.

— יאָ עס מערקט זיך, אז איר האָט איבער דעם געארבעט פּארטיפּט. שרייַבט אָפטער, איר האָט פייַקייַטן.

באם אוועקגיין האָט פּאול מארקוסן געדריקט די האנט און נאָך אמאָל דערמאנט:

— כאָווער זשעקא, שרייַבט עפּעס נאָך אָן און קומט אריַין.

מארקוס שפּאנט אין טומל פון די רוישיקע גאסן. די שווער־

קײַט, וואָס האָט אים פריִער געפּרעסט, האָט זיך צערונען. טיף, טיף אין הארצן רײַסט זיך אזא פרייד. זינט ער לעבט האָט ער נאָך אזוינס ניט געפילט.

צען טויזנט ארבעטער וועלן לייענען זײַן ארטיקל, זײַן ענט־פער דעם קעגנער...

# IV

אז די נאכט איז צוגעפאלן, און טונקלקײַט האָט געדיכט זיך צעשפרייט, פארהילט די פאָרשטאָט, האָט מארקוס געלאָזט זיך גיין לענגויס דער גאס „באָטאניק". זײַן קאָפּ איז נאָך אלץ געווען בארוישט פון די לעצטע אײַנדרוקן. בא א ראָג פון דער גאס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט אָנגעצונדן א שוועבעלע, עס צוגעטראָגן צום פארלאָשענעם פּאפּיראָס, באלד ארויסגעלאָזט א וואָלקנדל רויך פון מויל און אָנגעהויבן שפּרײַזן איבער דער גאס, וואָס פירט אין געדיכטן ארבעטער־קווארטאל. ער האָט זיך ארײַנ־געכאפּט אין א הינטערשט געסל, א שטויביקס, א ניט געברוקירטס. דאָס געסל איז קוים באלויכטן פון שיטערע אלטפרענקישע גאז־לאָמפּן. די הײַזער — פינצטערע. ערגעץ ווו קוקט ארויס דורך א פענצטער א קליין פײַערל. מארקוס זוכט אינדערפינצטער דעם נומער פון דעם אָנגעוויזענעם הויף און קען ניט געפינען. מיט־אמאָל האָט א לאנגער שאָטן פון א פיגור דורכגעשניטן דעם וועג, פארבײַגעשוועבט פאר זײַנע אויגן. די פיגור גייט אים אנט־קעגן.

זיי האָבן זיך דערקענט. דער כאווער, וואָס שטייט אפּ דער וואך, רוימט מארקוסן אײַן: גיי ארײַן אין דעם טויער, אין דער לינקער זײַט, דאָס לעצטע שטיבל.

א געדיכטע, פינצטערע אוועניִדע, צוויי רייען נידעריקע לייי־מיקע שטיבלעך שטייען איינער אין דער צווייטער אײַנגעניורעט. אין לעצטן שטיבל פון דער לינקער זײַט איז די טיר און דאָס

פענצטער פארהאקט. מארקוס טאפּט די טריט, פינצטער. — פון א דערבײַיקן שטיבל האָבן זיך געצויגן אומעטיקע, װײכע, מעלאַנכאָלישע טענער. ער האָט דערקענט די אַלטע מעלאָדיע, די ביטערע נויט האָט די ליד געשאפן. פון ארבעטער־הײַזער ציען זיך די טרויעריקע קלאַנגען; מוטערס װיגן מיט דער ליד אײַן די הונגעריקע קינדער... מארקוס האָט זיך אײַנגעהערט אין דעם מאָטיװ און געטראכט: „אך, װען זשע װעט שוין אויך דאָ קלינגען די ליד פון מונטערקײַט און פרייד, װי אין ראטנלאַנד?!"

אז מארקוס איז אין שטיבל ארײַנגעקומען, זײַנען שוין אַלע ערטער געװען בעזעצט ארום א לאַנגן טיש. א קליין קעראָסין־לעמפּל ברענט אין א טונקעלן שײַן. מארקוס האָט זיך אָנגעשפּארט אין א פארענטשע פון א בענקל. עס איז דאָס ערשטע מאָל, אז ער געפינט זיך אפּ אן אומלעגאַלער קאָנפערענץ, באַגעגנט זיך מיט די פאָרשטייער פון די אומלעגאַלע פּארטיי־קעמערלעך. די פאָרזיכטיקײַט, דאָס שטילע ריידן, די טונקעלע ליכט, דאָס ענגע שטיבל, די ערנסטע פּנעמער — דאָס אַלץ נעמט מארקוסן ארום מיט אָנשטרענגונג.

באהיא האָט באפרײַט א האַלב בענקל און מארקוסן א רוף געטאָן.

מארקוס האָט איבעראַשט זיך אומגעקוקט.

— איך האָב דיך גאָרניט באמערקט, גאָרניט דערוואַרט דאָ — האָט מארקוס א צופרידענער געזאָגט.

— כ'בין געשיקט פון שטאָטישן פּארטיי־קאָמיטעט.

באהיעס טיפע מויל־װינקלען זײַנען געװאָרן פול מיט צופרידנקײַט.

— װי מיך פרייט דיך זען דאָ, מארקוס! מע טרויט דיר אָן א פאראנטוואָרטלעכן פּאָסטן.

דער סעקרעטאר פון שטאָטישן פּארטיי־קאָמיטעט כאװער ראָסי, האָט מארקוסן א רוף געטאָן:

— זשעקא!
מארקוס האָט זיך אומגעקוקט.
— מיך? וואָס?
— קום אהער אף א מינוט.
ראָסי האָט מיט מארקוסן זיך א סוידע געטאָן, ער האָט אים געוויזן דאָס צעטל. מארקוס האָט באפרידיקט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.
די קאָנפערענץ האָט אָנגעהויבן אָטעמען און באקומען לעבן.
איבער דעם טונקעלן, דושנעם שטיבל האָבן ראָסיס רייד זיך געטראָגן, זיך צעשפּרייט און אריינגעדרונגען אין יעדנס אָנגעשטרענגטן מויעך.
באהיא האָט זיך לאנגזאם אויסגעדרייט און זיך אויפגעהויבן. ער איז געבליבן שטיין לעם טיש. ער האָט אָבער גאָרניט גיט געזאָגט. עס איז קענטיק געווען, אז ער קלערט גוט איבער, וואָס ער וויל זאָגן, איידער ער הייבט אָן רעדן. און אָט האָט ער, אריינקוקנדיק אין א בייגעלע פּאפּיר, וואָס איז פארשריבן מיט גרויסע אויסיעס, אָנגעהויבן מאָלן די פּאָליטישע לאגע אין לאנד; דער קאמף צווישן ניויאָרק און לאָנדאָן — צווישן די צוויי אימפּעריאליסטישע לענדער, וואָס האָט נאָך מער פארשקלאפט די ארבעטער, נעמט אָן אין לאנד א נאָך ניט געזעענעם שארפן כאראקטער.
יעדעס וואָרט קומט בא באהיען ארויס, פּונקט ווי ער וואָלט מיט א האק עס אויסגעהאקט.
— בא אונדז פירט דער דאָזיקער קריג צו בלוטיקע קאָנפליקטן צווישן איין מיליטערישער קליקע מיט דער צווייטער, צווישן איין שטאט מיטן אנדערן.
— די אלע „רעוואָלוציעס“ אין גאנץ לאטיין־אמעריקע, — זעצט פאָר באהיא, — זיינען פון איין שניט, ווי איינ האנט זאָל צייכענען זייערע פּלענער. אין גרונט גענומען פירן די איבערקערענישן צו א מיליטעריש־פאשיסטישער דיקטאטור, וואָס פאר־

שקלאַפּט נאָך מער די אַרבעטנדיקע און פאַרוואַנדלט דאָס לאַנד־
אין אַ לאַנד פון אומבאַגרענעצטער עקספּלואַטאַציע. דער טיפער
עקאָנאָמישער קריזיס האָט אופגעבראָזן די אַרבעטער און די
אָרעמע פּויערים און האָט רייף געמאַכט דעם באָדן פאַר דער
סאָציאַלער ענדערונג פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג.

— אין איצטיקן מאָמענט, ווען די געשעענישן רוקן זיך אַלץ־
נעענטער, מוזן מיר נאָך טיפער אַריינדרינגען אין אַלע מאַ־
סעווע אָרגאַניזאַציעס, אָנפירן מיטן קאַמף פאַר דער סאָציאַלער
און נאַציאָנאַלער באַפרייונג.

ראָסי האָט צום שלוס געמאָלדן:

דער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט רעקאָמענדירט דעם כאַווער
זשעקען אַלס דעם פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר פון ראַיאָנעם
פּאַרטיי־קאָמיטעט !...

— דער כאַווער זשעקאַ איז אַן אַרבעטער־שניידער. זשעקאַ
איז אַ יונגער פּאַרטייער, געקומען איז ער צו אונדז פון די
אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, אָבער פאַר אַ קורצער צייט האָט ער מיט
אַקטיווער אַרבעט זיך באַרעכטיקט אַלס איבערגעגעבענער און
פאַראַנטוואָרטלעכער קאָמוניסט. ער האָט געגרינדעט אין עטלעכע
פאַבריקן פּאַרטיי־קעמערלעך און אַריינגעצויגן אַסאַך נייע מיטגלידער.

— ווייל נאָך ווער זיך אַרויסזאָגן ?

— קיינער ניט.

— אַ קליינע מעלדונג ! — האָט באַהיאַ זיך אָנגערופן, — מיר
דאַרפן דאָ אויסוויילן פון אייער ראַיאָן אַ פאָרשטייער אין דער
ערשטמייקער קאָמיסיע.

— זשעקען ! — האָבן עטלעכע שטימען זיך איבערגעפלאָכטן.

---

# קאפּיטל פינף

## I

אין פרימאָרגנ האָבנ פונ דעמ גרויענ קלויסטער די רוגועדי־קע ווילדע טענער אָפּגעהילכט ווײַט, ווײַט, צעשטערט די שטילע רו, גלײַכ ווי זיי וואָלטנ מוירע האָבנ, עמעצער זאָל בא זיי אויסכאפּנ די דאווגער. מאַרקוס האָט זיכ פונ טיפנ שלאָף אופגעכאַפּט. ער האָט די אויגנ געעפנט, געגעבנ א קוק אפ דעמ קאַלענדאַר, וואָס איז געהאנגענ קעגניבער זײַנ בעטל. אפ דעמ קאַלענדאַר איז ניטאָ קיינ רויט בלעטל, אויכ ניט קיינ רויט צייכעמל, א וואָכעדיקע שווארצע איינס: ערשטער מײַ. ער ליגט אינ בעט אונ פארוונדערט טראַכט ער: „צו וואָס האָבנ זיכ אזוי פרי די קירכע־גלעקער צעקלונגענ? וועמענ רופנ זיי? וועמענ שרעקנ זיי?

לעאָנ, וואָס איז געוווינט יעדנ טאָג אינ דער צײַט אופשטיינ צו דער ארבעט, האָט מער ניט געקענט שלאָפנ. ער האָט זיכ אומגעדרייט, האָט באמערקט, ווי מארקוס ליגט דעמ קאָפּ אָנגע־לענט אפ דער האנט אונ קוקט אפ דעמ קאַלענדאַר. ער האָט אימ געפרעגט:

— מארקוס, ביסט ערשט געקומענ?

— ניט לאנג, מיט א שאָ אנדערהאלבנ צוריק.

— פארוואָס זשע שלאָפסטו ניט?

— איכ בינ געשלאָפנ, האָבנ די גלעקער מיכ אופגעוועקט. דו ווייסט ניט, וואָס פארא יאָנטעוו איז דאָס הײַנט בא זיי, בא די קאַטאָליקנ?

— דו האָסט נעכטן ניט געלייענט די אָוונט־צײַטונג?

— נעכטן האָב איך ניט געזען קיין צײַטונג פאַר די אויגן, קיין פרײַע מינוט ניט געהאַט. וואָס איז אַזוינס?

— די רעגירונג האָט אונדז באַגליקט מיט אַ נײַעם יאָנטעוו, — האָט געענטפערט לעאָן, און אויף דעם יונגן, פּוכיקן, נאָך ניט געגאָלטן פּאָנעם האָט אַ שמייכל זיך צעשפּרייט, — דער ערשטער מײַ איז דערקלערט פאַר אַן „אַרבעטער־נאַציאָנאַל־רעליגיעזן־יאָנטעוו", און דו זאָגסט נאָך, אַז די רעגירונג זאָרגט ניט פאַר די אַרבעטנדיקע.

אַזוי איז די מײַסע! דערפאַר בילן אַזוי די גלעקער. דו האָסט עפּשער די אָוונט־צײַטונג?

אויפן טיש ליגט די „אַגלאָבו".

מאַרקוס האָט פון בעט אַ שפּרונג געטאָן, אַ כאַפּ געטאָן די צײַטונג.

— געפונען? זע אויף דער ערשטער זײַט די מעלדונג.

מאַרקוס האָט אָפּגעזוכט דעם באַשלוס פון דער רעגירונג, דערנאָך האָט ער איינדערהייך איבערגעלייענט די מעלדונג: „דער שעף פון דער צענטראַלער פּאָליציי וועט אין ערשטן מײַ רעפּע־רירן בײַ די טראַנספּאָרט־אַרבעטער אויף דער טעמע — דער ערשטער מײַ אַלס נאַציאָנאַלער אַרבעטער־יאָנטעוו".

מאַרקוס האָט הילכיק פונעם גאַנצן האַרצן זיך פאַנאַנדער־געלאַכט.

— אויסגעצייכנט!

— נו, איך וועל זיך אונטערײַלן, ס'איז מיר נאָך געבליבן גענוג אַרבעט.

מאַרקוס גייט גיך אויף דער בירגערלעכער גאַס „קאַטעטע". פּוסטפּאַסניקעס אין יאָנטעוודיקן אָנטאָן שטראָמען אין דער ריכטונג פון דער גרויער קירכע אין קאָלאָניאַלן סטיל. אויף אַ ווײַלע האָט מאַרקוס זיך אָפּגעשטעלט און בייז אַ קוק געטאָן אויף דער גאַס, גלײַך ווי פאַר אים וואָלט געשטאַנען

א פאַרביסענער פּײַנט, וואָס האָט באַליידיקט זײַנע געפילן. טיף אין זײַנע אויגן האָט געברענט א פאַרבאָרגן פּײַערל, און א געדאַנק האָט אים דעם מויעכ ניט געלאָזט רוען: „איז דאָס די גאַס, וואָס האָט פאַראיאָרן אין ערשטן מײַ פאַרהאַקט טיר און פענצטער? זע נאָר, ווי אופגעלעבט די גאַס איז!" א ראַש פון אַן אָנלויפנדיקן טראַמוויי האָט זײַן געדאַנק איבערגעריסן.

דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט. צוויי וואַגאָנעס זײַנען פול מיט קינדער, וואָס גייען אָנגעטאָן אין כאַקי־קליידער פון באַנאַנע־קאָליר, הוטן מיט ברייטע ראַנדן. יעדערער האַלט א לאַנגן שטעקן און טראָגט א סקאַוטישן צייכן. זיי פרייען זיך מיטן נײַעם „נאַציאָנאַלן יאָנטעוו". די סקאַוטן האָבן פון די וואַגאָנעס אַרויסגעשטעקט גרינע נאַציאָנאַלע פענדלעך און פאַרצויגן א פּאַטריאָטישע ליד. אין רײַכע הײַזער האָבן זיך פענצטער פאַנאַנדערגעעפנט, קעפּ האָבן צופרידן אַרויסגעקוקט. אָנגערויגעוזט און אומצופרידן איז מאַרקוס אוועק פון דער גאַס.

... א פרימאָרגן, ווי אַלע פרימאָרגנס אין גאוויע — אין ראַיאָן פון די טעקסטיל־פאַבריקן; אָבער אין דעם פרימאָרגן האָבן די פאַבריק־סירענעס צו אַרבעט ניט גערופן, זייער גרילצנדיקער אויסגעצויגענער פּײַפּ האָט ניט דורכגעשניטן די לופט.

אַרבעטער מיט בלאַסע פּענעמער פאַרלאָזן זייערע ענגע, דושנע היימען. אין די ליקן, ניט ווײַט פון די לעכער, וואָס זיי רופן אָן היים, דרייען זיי זיך אַרום. זיי לייענען די אופרופן, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַרשפּרייט וועגן ערשטן מײַ. זיי הערן זיך אײַן אין רייד, און האָפענונג טוט אין אויגן א שטראַל, נאָך ניט אַלץ איז אויסגעלאָשן. פויסטן צונויפגעדריקטע צעווויגן זיך דראָענדיק אין דער ריכטונג פון די רײַכע גאַסן.

— אַפ דרײַ טעג אַרבעט אין דער וואָך גייען מיר אַריבער, — זאָגט פאַרומערט אַן אַרבעטער, און זײַנע ביינערדיקע באַקן ווערן

נאָכ בלאָסער, — ווײַזט אויס, אז מיר הונגערן ווייניק בא א פּור־לער וואָכ ארבעט.

און פון די דרײַ טעג וועלן זיי נאָכ אויכ שנײַדן דעם לוינ, — האָט אנ אנדער ארבעטער צוגעגעבנ.

דאָס רעדל איז אלע מאָל געוואקסנ און פארוואנדלט געוואָרנ אינ א מיטינג. עס רעדט דער וועבער ראָדריגעס. אלע קענענ דעם אלטנ ארבעטער־טוער, דעם קאָמוניסט.

— נאָר דעם קאָפּ ניט פארלירנ, — זאָגט ער לאנגזאַם, נישט הויכ, נישט אופגערעגט, ווי ער וואָלט געציילט יעדעס וואָרט. — דאָס טײַנען מיר, די קאָמוניסטנ. מיר זאָגנ אָבער, אז ס'איז דאָ אנ אויסוועג פונ דעם שלעכטנ לעבנ פּאָטער צו ווערנ: די פאבריקנ איבערנעמענ אינ אייגענע הענט — אויסקעמפנ אנ ארבעטער־דיקטאטור. דערווײַל פארגעסט ניט, אז עס איז הײַנט בא אונדז דער ערשטער מײַ, א שלאכט־טאָג, א טאָג פונ מעסטנ קויכעס. איכ גלייב, אז איר וועט אלע זײַנ אפ דער דעמאָנסטראַ־ציע, וואָס די קאָמוניסטישע פּארטיי אָרדנט אײַנ.

— אפ געוויס וועלנ מיר זײַנ! — האָבנ שטימענ זיכ צונויפ־געפלאָכטנ אינ איינ ענטפער.

גאוויע האָט ניט איינ העראָיִש בלעטל ארײַנגעשריבנ אינ דער געשיכטע פונ קלאסנ־קאמפּ און ניט קיינ איינמאָל געוויזנ, אז גאוויע איז א קאָמוניסטישע פעסטונג אינ ריאָ־דע־זשאנייראָ, ניט אומזיסט הייסט זי:

— די רויטע גאוויע!

באם ראנד פונ די הינטערשטע געסלעכ, פונ ד[illegible]

שטיבלעכ, וואָס געהערנ צו דער קאָמפּאני פונ די פּ[illegible]ט

זיכ אָנ ציִענ גאוויעס סטעפּ מיט גרינע בערג און [illegible]לאנגנ

טאָל. דער טאָל איז געדיכט באוואקסנ מיי[illegible]ביימלעכ.

אינ טאָל האָבנ ארבעטער אוועקגעוויב[illegible] ערד בא די

ביימלעכ און צונויפגעקלאפּט פונ ברע[illegible], נידעריקע בא־

ראקלעכ.

אין איינעם פון די באראקלעך קומט פאָר א געהיימע באראַטונג פון די סעקרעטארן פון די פארטיי־קאָמערלעך. איין פראגע האלט די מויכעס געשפאנט: די רעגירונג האָט דערקלערט דעם ערשטן מײַ פאר א נאציאָנאל־רעליגיעזן יאָנטעוו און האָט פארבאָטן די גאסן־דעמאָנסטראציעס.

מארקוס האָט רויק דערציילט וועגן די אופגעלעבטע רײַכע גאסן, וואָס האָבן דעם אויסזען פון אן עמעסן יאָנטעוו, און האָט אָנגעהויבן לייענען דעם צירקוליאר, וואָס ער האָט באקומען פון שטאָטישן פארטיי־קאָמיטעט: „ניט געקוקט אף דעם פארבאָט פון דער פאָליציי, וועלן מיר הײַנט ניט לאָזן אונדזער אינטערנאציאָנאלן שלאכט־טאָג פארוואנדלען אין א כויזעק, א פאשיסטיש פארזעניש, און מיר וועלן דעמאָנסטרירן"... מארקוס איז ארײַן אין עקסטאז, ער האָט מיט היץ פארענדיקט: „מיר וועלן הײַנט, אין ערשטן מײַ, אָן קאמף דעם סוינע די גאסן ניט אָפּגעבן! יעדער קאָמוניסט מוז זײַן אף זײַן פאָסטן, מוז די ארבעטער פון זײַן פאבריק אופקלערן די באדײַטונג פון דער דעמאָנסטראציע".

— א כיטרע שפיצל! — האָט זיך א שטים דערהערט.

— ווי קאָן מען די ארבעטער אין גאס ארײַנפירן, ווען די פאָליציי האָט די דעמאָנסטראציע פארבאָטן, צי האָט עס א זין, צי דארף מען אין אלגעמיין...

— גענוג! — האָט מען אים בייז איבערגעשלאָגן.

מארקוס האָט געהויבן די אקסלען און האָט געוואָרפן פײַנטלעכע בליקן אין דעם ווינקל, פונוואנען די שטים האָט זיך דערהערט:

— איך האלט, אז אין דער קאָמוניסטישער פארטיי איז ניטאָ קיין אָרט פאר צווייפלער, פאר פאכדאָנים. דער צענטראל־קאָמיטעט האָט באשלאָסן דעם ערשטן מײַ דעמאָנסטרירן, און מיר וועלן אויספילן די באשטימונג! כאָווער, א שאָד, וואָס מע האָט דיר געטרויט די אָנפירונג מיט א קעמערל... האלב איינס

דעם זייגער שפּאַנט אָפּ די קאָלאָנע פון גאַוויע, און אַפּן וועג וועלן זיך אַלע אַרבעטער פון ראַיאָן אין איר אָנשליסן. צוויי אַזייגער באַטאָג מוזן מיר זײַן אַפּן צענטראַלן פּונקט, אָפּ דער פּראַסע „מאַוא"!

די טיר האָט לאַנגזאַם מיט אַ סקריפּ זיך געעפנט, און עס האָט זיך אַרײַנגעשלעפּט זשיראַלדאָ. ער איז געבליבן שטיין, דעם אײַנגעבויגענעם גוף אָנגעשפּאַרט אָפּ אַ שטעקן.

אַלע בליקן האָבן זיך אַ קער געטאָן אָפּ זשיראַלדאָן. ווען זיי האָבן דערזען, ווי ער איז שוואַרץ געוואָרן און האַלט זיך קוים אָפּ די פיס, האָבן אַלע אויפגעציטערט. עמעצער האָט צערודערט אַ געשריי געטאָן:

— וואָס זיצט איר דאָרט ווי געליימטע, מאַכט אים אַן אָרט.

— קוים זיך אַהער פאַרשלעפּט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שוואַך קאָל.

— זשיראַלדאָ, ווען האָט מען דיך באַפרײַט? — האָט אַ פרעג געטאָן דער סעקרעטאַר פון פאַבריק־קאָמיטעט, וווּ ער אַרבעט.

— הײַנט, — האָט זשיראַלדאָ קוים געענטפערט.

— וויפל ביסטו געזעסן? — פרעגט מאַרקוס.

— פינף גרויזאַמע טעג...

— אַ וווּנדער, אין ערשטן מײַ זאָל די פּאָליציי אָפּלאָזן, באַפרײַען.

זשיראַלדאָ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש, אײַנגעביסן די בלוטלאָזע, אונטערשטע ליפּ, אַ בליק געטאָן איבערן שטיבל, און איז געוואָרן פאַרטראַכט. לאַנגזאַם האָט ער זיך אויפגעהויבן און קרעכצנדיק אַראָפּגעצויגן דאָס העמד.

אַ שווער פּײַנלעך שווײַגן. אַלע זײַנען געבליבן זיצן פאַרשטאַרט. דער האַלב־נאַקעטער קערפּער איז געווען געשוואָלן, ערטערווײַז מיט אויפגעלאָפענע רויטע פּאַסן־פּוכירן.. ס'איז אַ שרעק אָפּ אים אַ קוק צו טון...

זשיראַלדאָ האָט פּאַמעלעך, פאָרזיכטיק צוריק אַרויפגעצויגן דאָס

העמד, זיך אראָפּגעזעצט אפן בענקל, אָנגעשפּארט זיך אפן שטעקן און אָנגעהויבן דערציילן, וואָס ער האָט געהאט אויסצושטיין אין פּערטן אשיליאר [1]). דער קאָמיסאר פון דער פּאָליטישער פּאָליציי האָט געפאָדערט, אז ער זאָל דערציילן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן אונטערגענומען צום ערשטן מײַ, ער זאָל אים ארויסגעבן נעמען און אדרעסן פון אקטיווע קאָמוניסטן.

— אפ דיר, זשעקא, האָט ער אויך געפרעגט, — האָט ער זיך צו מארקוסן געווענדעט, — אז איך האָב געפּרוווט זיך ארויסדרייען אָן אן ענטפער, האָט אופגעלעבט די אינקוויזיציע... איך האָב אקשאָנעסדיק געשוויגן, קיין וואָרט ניט געזאָגט. היינט באגינען האָט מען מיך ארײַנגעפירט אין „פּערטן אשיליאר" און געמאָלדן, אז איך קען גיין אהיים, און דער פּאָליציי־שעף האָט שעלמיש א ווונק געטאָן צו זײַנע קאָלעגן און דערנאָך מיט א כיטרען שמייכל זיך צו מיר געווענדעט: „דערצייל דײַנע כאווײרים פון דײַן וויזיט בא אונדז, וועט זיך זיי איבערגלוסטן די היינטיקע דעמאָנסטראציע..."

ווידער א טויבע שטילקײַט. איינער מיטן אנדערן קוקן זיך איבער און מע רעדט ניט קיין וואָרט, ווי אלע רייד וואָלטן זיך אויסגעשעפּט.

איך בין אפ דער בעראטונג געקומען, — האָט נאָך מינוטן שווײַגן זשיראלדאָ פאָרגעזעצט, — אײַך פאָרלייגן מײַן הילף. אויב איך בין נייטיק, וועל איך אויך אן אָנטייל נעמען אין דער דעמאָנסטראציע, איך בין פולקאָם אײַנשטימיק מיטן באשלוס פון פּארטיי־קאָמיטעט.

א צופרידענער אויסדרוק שוועבט איבער אלעמענס געזיכטער. באגײַסטערט האָבן אלע אופגענומען זשיראלדאָס ווערטער. אין זייערע בליקן, וואָס זיי האָבן געוואָרפן אפ אים, איז צאר און פרייד געווען צוזאַמענגעמישט.

---

1) אָכראנקע.

— גיי לייג זיך אין בעט, — האָט זיך אָנגערופן דער פאַר־שטייער פון דער פאַבריק, ווו זשיראַלדאָ אַרבעט, — מיר זאָגן דיר צו, מיר וועלן זען, אַז די אַרבעטער זאָלן ענטפערן אַף דײַנע ליידן מיט אַ מעכטיקער דעמאָנסטראַציע!

איינציקוויַיז האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן פון באַראַקל, צעשיטן זיך איבער די געשלענגלטע וועגעלעך פון סטעפּ.

## II

נעבן דעם האַפן, באַם ברעג יאַם, ווו כוואַליעס שלאָגן זיך אָן אין דער שטיינערנער וואַנט, שפּרייט זיך די אַספאַלטירטע פּראַסע „מאַוא". אירע דופּטיקע בלומען־בערגלעך און נידעריקע פּאַלמען־ביימלעך ליגן אומבאַשיצט פון יעדן אָנגריף פון די צע־בּוּיטעטע כוואַליעס. די פּראַסע איז פאַרגאָסן מיט ברענענדיקע שטראַלן. אַ העל־בלויער הימל, וואָס איז פאַרוועבט מיט מאַטע וואָלקנדלעך, קוקט אַף איר אַראָפּ.

די פּראַסע „מאַוא" ווייסט פון ניט איין קאָמוניסטישער דע־מאָנסטראַציע, פון ניט איין שטורעמדיקן פּראָטעסט. ניט איין לעבן איז אַף איר אויסגעלאָשן געוואָרן. איר טונקעלער אַספאַלט איז ניט איינמאָל באַשפּריצט געוואָרן מיט בלוט פון אַרבעטער. יעדן ערשטן מײַ, ווי אַ טראַדיציע, אָרדנט איַין די קאָמוניסטי־שע פּאַרטיי איר מיטינג אַף דער פּראַסע „מאַוא", באַם רעפּובלי־קאַנישן דענקמאָל, ווו עס וויַיעט הויך די גרינע רעגירונג־פאָן.

עפּעס זעט הײַנט אויס די פּראַסע אַנדערש, די פּראַסע דראָט הײַנט מיט אַ בלײַענעם רעגן, מיט טויט יעדן ווידערשפּעניקן. עס טראָגן זיך די עלטסטע פּאָליציי־לײַט איבער דער פּראַסע מיט אָנגעצויגענע, בייזע פּענעמער און שווײַגן. באַר אין זייער שווײַגן פילט זיך די אַקשאָנעסדיקײַט פון אַ כיַיע, וועלכע איז זיכער מיט איר פאַנג, ווי זי וואָלט אים שוין האַלטן אין אירע לאַפּעס. די פּאָליציי, באַוואָפנט מיט גומענע שטעקנס

און רעוואָלווערן, פּילם אויס באַפעלן פון די עלטסטע, פאַרצוימט די גאַסן, וואָס פירן צו דער פּראַסע „מאַוא".

דער פּאָליציי־שעף פון דעם פּערטן אַשילאַר פירט אַליין אָן מיט זיין אַפּאַראַט. קלינגען די טעלעפאַפּאַראַטן אָן אופהער און גיבן איבער ידיעס:

— אַף דער פּראַסע אַנדזוע, ווו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער מיטינג, זיינען זיך צוזאַמענגעקו־מען אַ הונדערט מענטשן, און ווען זיי האָבן דערזען אונדזער פאַרשטאַרקטע וואַך, זיינען זיי זיך רויק צעגאַנגען. עס וועט שוין דאָרט גאָרניט ניט פאָרקומען.

סאַבינע, אַ הויכער, אַ סטרונעדיק־גלייכער, אָנגעטאָן אין אַן אַלטן אָפּגעטראָגענעם אָנצוג, ער זאָל האָבן דעם אויסזען פון אַן אַרבעטער, איז ווי אַ דונער אַריין צום קאָמיסאַר אין קאַבינעט. ער האָט זיך צערעמאָניש אַ נויג געטאָן און באַלד אויס־געשאָסן:

— די קאָמוניסטן האָבן ניט קאַפּיטולירט, עס הערשט בא זיי אַ שטילקייט, ווי פאַר אַ שטורעם, — און ווי אַ געניטער פאַכמאַן האָט ער אָנגעהויבן איבערגעבן, וואָס ער האָט אויסגעשפּירט.

דער קאַלטבלוטיקער פּאָליציי־שעף, האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען, אומצופרידן אָנגעכמורעט זיינע ברעמען און זיך אָנגעצונדן ווי אַ שוועבעלע. ער איז אופגעשפּרונגען פון אָרט, דעם ניט דערויכערטן ציגאַר אַ שליידער געטאָן אַפן גע־פּוצטן, בלישטשענדיקן דיל און אָנגעהויבן זידלען זיינע מענטשן, פאַרוואָס זיי האָבן פריער ניט אויסגעשפּירט.

דער טעלעפאָן צערייסט די שטילקייט:

— אַ פינף טויזנט אַרבעטער, מענער און פרויען, זיינען גע־גאַנגען פון גאַוויע, האָבן אונדזערע פאַרצוימונגען דורכגעריסן און זיינען אַוועק ווייטער מיט געזאַנג צו דער פּראַסע מאַוא.

---

1) גוט.

— אלע גאסנ ארומ דער פראסע מאוא זײַנענ פארפולט מיט ארבעטער, אונ עס האלט אינ אײנ שטראָמענ, אינ אײנ אָנקומענ נײַע מענגעס, מיר האָבנ שוינ געהאט מיט זײ א קלײנעמ צוזא־ מענשטויס, די וויוווע־אלעגרע איז שוינ פול, אָנגעשטאָפּט. גיט שנעל איבער, וויאזוי מע זאָל ווײַטער האנדלענ.

דער שעפ פארויכערט א ציגאר, לאָזט לאנגזאמ ארויס א בלוי וואָלקנדל רויכ, קוקט מיט א קאלטנ גלײַכגילטיקנ בליק, ווי דער רויכ קײַקלט זיכ, אונ זײַנ מויעכ ארבעט אויסערגעוויינלעכ גיכ: „עס לוינט איצט ניט אופרײַסנ די געזעלשאפטלעכע מיינונג, ניט איצט איז די צײַט פאר שטרענגע מיטלענ. מע דארפ אביסל נאָכ־ לאָזנ דעמ שטריק, קעדיי אימ קאָנענ שטארקער פארציִענ באמ האלדז“. ער נעמט געלאסנ דאָס טעלעפאָנ־טרײַבל, לייגט עס צו צומ אויער אונ גיט איבער מיט געציילטע ווערטער א באפעל:

— פארקלענערט די וואכ, די רײַטער שיקט אינגאנצנ אוועק, מיר וועלנ זיי הײַנט לאָזנ א הוליע טונ. איכ קומ באלד אלײנ אפ דער פראסע.

* * *

שטייענ ארבעטער בא פארצוימטע גאסנ, הארט בא דער גרע־ נעצ פונ דער פראסע „מאוא“ אינ פארצעמענטירטע קאָלאָנעס, ווי שטארקע פעלדזנ, אפ וועלכע דער יאמ שלײַדערט בייזע אופגע־ ברויזטע וואסער־וועלנ, וויל צערײַסנ אונ קענ ניט. אינ יעדנס באוועגונג—אנ אופגעפלאמטער ברענענדיקער האס, א פארהארטע־ וועטע גרייטקײַט צומ קאמפ. פלוצעמ איז געשענ עפּעס אומגלויב־ לעכס, אומפארשטענדלעכס. זיי קוקנ מיט ברייט־פאנאנדערגעעפנטע אויגנ, ווי די פּאָליציי־לײַט, וואָס האָבנ די וועגנ פארצוימט, רוקנ זיכ אפ צוריק, מאכנ פרײַ די פראסע, גיבנ אָפּ אָנ געראנגל די פּאָזי־ ציע. ווי א בליצ האָבנ זיכ געטראָגנ פונ מויל צו מויל די ווערטער: „די פּאָליציי ווארפט אונדז צו די פראסע“. מאכנעס האָבנ מיט

פעסטע גיכע טריט געטומענע שפּאנגע פּאָרויס, און א גרויסע רויטע פאָן מיט א סערפּ און האַמער האָט אָנגעהויבן פלאַטערן.

ארום דעם דענקמאָל איז געוואָרן פול מיט רויטע פאָנען. די פּראַסע האָט צוריק באַקומען איר רויִקן אויסזען, געוואָרן ווי איין שטיק כּאַטעריע מיט די, וואָס האָבן זי פאַרפולט.

אידע שטייט אפן טרעפּל פון דענקמאָל, נעבן דעם רעדנער, און צווישן די טויזנטער קעפּ זוכט זי מאַרקוסן. זי האָט זיך דערפילט ווי א טראָפּן פון דעם אַרבעטער־יאַם. זי האָט זיך אַ קער געטאָן אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס האָט זיך דערהערט געזאַנג.

— גאָוויע גייט! — האָט איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן.

ענדלעך האָט אידע אין דער אָנקומענדיקער קאָלאָנע געפונען מאַרקוסן. זיי האָבן באַגײַסטערט מיט די אויגן און מיט א פאָכע פון דער האַנט זיך באַגריסט. אידע איז אַראָפּ פון דענקמאָל און צווישן דעם עולם זיך אָנגעהויבן דורכשטופּן צו מאַרקוסן.

רעדנער נאָך רעדנער האָבן די מענטשן געשמידט און גע־האַלטן געשפּאַנט. איינע רעדנער האָט געשילדערט די גרויסע דער־גרייכונגען אין סאָציִאַליסטישן לאַנד.

א קאָל האָט די לופט דורכגעשניטן:

— וויוואַ אוניאָן סאָוועטיקאַ 1)!

פינף און צוואַנציק טויזנט הערצער האָבן מיט פרייד אויפגע־פלאַמט:

— וויוואַ!

אַן אויטאָמאָביל איז אַרויפגעפאָרן אף דער פּראַסע מאַוא און אין דער זײַט פונעם יאַם זיך אָפּגעשטעלט. פון אויטאָמאָביל זײַ־נען לאַנגזאַם אַרויסגעקראָכן די אַגענטן. באַלד האָבן די אַגענטן, וואָס זײַנען געווען צווישן אויפן עולם, זיי אַרומגערינגלט, סוידעס־דיק איבערגעגעבן איינצלהײַטן וועגן מיטינג.

1) זאָל לעבן דער ראַטנפאַרבאַנד.

— איך האָב, אז דאָ וועט זײַן בא צוואנציק טויזנט, — האָט אן אגענט זיך אָנגערופן.

— מעגלעך — האָט דער שעף אײַנגעשטימט.

— ריאָ־דע־זשאנייראָ האָט שוין צײַט צען יאָר ניט געזען אזא גרויסן ארבעטער־מיטינג.

— ווי איז אײַער מיינונג? — פרעגט דער שעף, — איך טראכט אוועקנעמען די גאנצע וואך, — עס לוינט הײַנט ניט מיט זיי זיך אײַנצורײַסן. מירן פרווון, עפשער וועט זיך אונדז אײַנגעבן דורך מײַנע הײַנטיקע רעפעראט געווינען די ארבעטער.

— נידער מיט אונטערדריקונג און פּאָליציייִשן טעראָר!...

— אבאשא[1]! — האָט א דונער געטאָן.

ראָסי האָט מיט שוועריקײַט זיך דורכגעשטופּט דורך דער געפרעסטער מאסע און איז צוגעקומען צו מארקוסן. ער האָט אים בעסאָד איבערגעגעבן, אז באהיא און די איבעריקע זײַנען ארעסטירט. פון דער ערשטמײַיקער קאָמיסיע איז ער איינער פרײַ און ער, מארקוס, מוז דורכפירן די באשטימונג פון דער קאָמיסיע: „נאָכן מיטינג זאָלן די ארבעטער אין געשלאָסענע רייען איבער די הויפּט־גאסן דעמאָנסטרירן, לאָזן פילן זייער קראפט“. מארקוס האָט פּאָזיטיוו געגעבן א שאָקל מיטן קאָפּ, געענטפערט, אז ער וועט דעם באשלוס אויספילן. מארקוס האָט באלד געשאפן א וואך פון פעסטע, דרייסטע ארבעטער און איבערגעגעבן די פּאַריינען די פּאראָרדענונג.

פּארנאכט, ווען די זון האָט זיך געזעצט, און טונקלקײַט האָט אָנגעהויבן אראָפּנידערן אף דער ערד, האָט די דעמאָנסטראציע אין איין מעכטיקער קאָלאָנע, צו פיר אין א ריי, פון דער פּראסע אָפּגעשפּאנט. מארקוס איז געגאנגען אין דער פּאָדערשטער ריי און אלע מאָל איבערגעגעבן באפעלן. אף פיל שפּראכן האָט זיך צעקלונגען דער אינטערנאציאָנאל, האָט זיך צונויפגעגאָסן

[1] נידער.

אין איין הימן; איין כאָר פון פינף און צוואַנציק טויזנט שטי־מען האָט געזונגען:

ניין, קיינער וועט אונדז ניט באפרייען,
ניט גאָט אליין און ניט קיין העלד;
מיט אונדזער אייגענעם קלייזייען
א רעטונג ברענגען מיר דער וועלט.

ווידער האָבן די גלעקער מיט זייער יאָמערדיקן ברומען זיך צעלאָזט, זיך געריסן, ווי די הינט פון די קייטן. שטאַרקער, ווילדער ווערט זייער מאַגאַטאָנער קלאַנג, ווי זיי וואָלטן וועלן פאַר־טויבן דעם געזאַנג, מע זאָל ניט הערן די ליד, וואָס האָט א נייעם גלויבן באשאפן. אָבער ווייט, ווייט הערט זיך העלער, קלאָרער, דייטלעכער דאָס געזאַנג.

אידע גייט נאָענט נעבן מאַרקוסן, ווי זי וואָלט וועלן מיט איר קליינעם צאַרטן פרויען־קערפער דעם קרעפטיקן באָכער פון בייז באשיצן. זי הערט אופמערקזאם זיך איין אין זיינע מונטערע ווערטער, שפירט נאָך יעדן ריר זיינעם, אלע מאָל כאפט זי פון דער זייט א קוק אפ זיין ערנסט־רויִקן געזיכט, אפ דעם פאַרקאַרבטן שטערן, און איר האַרץ הייבט זיך פון פרייד, פון שטאָלץ. אידע האָט זיך אויסגעדרייט אפ צוריק, איר בליק האָט געמאָסטן די צוזאַמענגעשמאָלצענע קאָלאָנע: די מאסע — איין ריזיקער גוף, איין צוזאַמענגעפלאָכטענער צוג איבער דער רויט־צעשטראַלטער ווייט.

שפעט אינאָוונט האָט זיך די דעמאָנסטראַציע פאַרענדיקט. דער מעכטיקער שטראָם אַרבעטנדיקע האָט זיך צעגאָסן אין פאַר־שיידענע זייטן פון דער שטאָט. אין פאָרשטאָט זיינען זיי זיך צעגאַנגען פעסטע, מונטערע, אופגעוואַכטע, ווי די טאָג־ליכט אין גרויען באַגינען; די קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציע האָט א פריי־לינג אופגעוועקט אין אַרבעטער־הערצער.

מאַרקוס האָט אפ זיך אַרופגעכאפט א מאַנטל און אן אַנדער הוט, געביטן זיין אויסזען. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער נעץ, וואָס די פאָליצײ־אַגענטן האָבן אַרום אים אויסגעשפרייט.

מארקוס גייט מיט אידען, פירט זי אונטער דער האנט.ביידע אי־
בערפולט מיט אײַנדרוקן, ריידן קיין וואָרט ניט. אין א פינצטער
געסל האָט זיך מארקוס צו אידען געווענדעט:

— כ'מוז אוועקגיין.

אידע איז געבליבן שטיין איבערראשט. אירע אויגן זײַנען גע־
וואָרן גרויס און פארוווּנדערט.

— וווּהין? — האָט זי מארקוסן אינדערפינצטער אָנגעקוקט.

— מע דארף שוין, דרינגענד, זיך זען צוגויפריידן מיט אן
אדוואָקאט, די ארעסטירטע באפרײַען. מאָרגן איז דאָך זונטיק,
וועלן מיר שוין קאָנען איניינעם פארברענגען.

— גוט, דו קענסט גיין, נאָר זײַ פאָרזיכטיק, — האָט זי אים
שטיל געענטפערט.

צוויי קערפערס האָבן זיך צוזאמענגעדריקט, און א הייסער
קוש האָט זיי צעשיידט.

## III

מארקוס און אידע האָבן זיך אופגעזעצט אפן טראמוויַי,
וואָס פאָרט איבער דעם הויכן, מעשופעדיקן בארג „סאנטא
טערעזא" ביז דער לעצטער בארגסטאנציע „סילוועסטרע".
וואָס העכער אפ דעם שמאָלן זיגזאג־וועג, וועלכער איז אויס־
געהאקט געוואָרן אין דעם אייביק גרינעם בארג, אלץ מער דרייט
זיך דער טראמוויַי, ווי א שלאנג, אלץ שיטערער, קילער ווערט די
לופט, און ס'ראכט זיך, אז די שטאָט מיט אירע גרויסע,ברייטע,
ראשנדיקע אווענידעס, ליגט אין א שטילער, טיפער, גרינער גרוב.
די הויכע מויערן זעען אויס ווי קליינע קארטאָנענע שטיבלעך,
און די וואגאָנעס, אווטאָמאָבילן — ווי באוועגלעכע פינטלעך.

אין בארג האָבן זיך אײַנגעגאָסן און פאראקשנט צעלייגט
גרויסע, לופטיקע פאלאצן — ווילעס. יעדע ווילע האָט איר אייגנאר־
טיקײַט פון סטיל, פון ארכיטעקטור, פון פארב. די ווילעס זײַנען פאר־
צוימט מיט הויכע, דיקע שטיינערנע ווענט אין פעאָדאלישן סטיל.

מאַרקוס און אידע זײַנען אויסגעפּוצט אין יאָנטעוודיקן. זיי זעען אויס פּונקט, ווי זיי וואָלטן פון זיך אראָפּגעוואָרפן אַלע דײַגעס און קלעמענישן. זיי זיצן שווײַגנדיק, זייערע אויגן בלאָנדזשען איבער די פּראַכטפולע בילדער פון דעם שיינעם אַרום. ביידע זײַנען זיי פאַרגאַפט, מיטגעריסן מיט דעם, וואָס דאָס אויג כאַפּט אויף אין דער שיינקייט פון דער באַרג־פּאַנאָראַמע.

מאַרקוס באַטראַכט אַ ריזיקן פּאַלאַץ, פון וועלכן עס שרײַען אַראָפּ די לאַטײַנישע אויסיעס: „ווילאַ־אינגלעס" [1]). אַ ביסל אין דער זײַט פון דער ווילע ליגט אַ גרויסער שיינער סאָד. מאַרקוס טראָגט זיך איבער מיט די געדאַנקען אין דער אַרבעטער־געגנט. ער וואַנדערט איבער די דושנע, שטויביקע גאַסן, קריכט אַרײַן אין טונקלע כורוועס — אין הײַזקעס און אין באַראַקלעך, וואָס שטייען האַלב אין דער ערד, ווו די לופט איז געדיכט, שטיקנדיק, ווו קראַנקייט, הונגער און ביטערע לײַדן האָבן זיך באַזעצט. מאַרקוס טוט אומרויִק אַ הייב מיט דער פּלייצע און ווענדעט זיך צו אידען:

— ווי געפעלט דיר יענע ווילע? — ווײַזט מאַרקוס מיט אַ פינגער אין דער נידער, — אַך, וואָלט דאָ געווען אַ גוט אָפּרו־הוויז פאַר אַרבעטער!

אידע האָט זיך אײַנגעבויגן, געוואָרפן אַ קוק אַף דעם פּאַלאַץ און געענטפערט:

— ריכטיק.

— און איך, — זאָגט אידע פאַרטרוימט, — וואָלט דאָרט, אָ, דו זעסט יענע ווילע? געמאַכט אַ סאַנאַטאָריע פאַר אַרבעטער־קינדער...

— געציילטע מענטשן האָבן אַלץ גיריק אײַנגעשלונגען... מאַרקוס האָט באַמערקט ווי אײנער, וואָס איז געזעסן נעבן זיי,

---

[1]) אַ ענגלישע ווילע.

האָט זיך אויסגעדרייט און דעם אויער אָנגעשטעלט אף איינהערן, און ער האָט ניט פארענדיקט זיין געדאנק.

זיי זיינען אנשוויגן געוואָרן. זייערע אויגן שווימען ווידער איבער דעם וווּנדער־שיינעם פארקישעפטן ארום.

דער טראמוויי איז געבליבן שטיין אפן שפיץ בארג, בא דער לעצטער סטאנציע „סילוועסטרע". מארקוס און אידע זיינען אראָפּ פון טראמוויי. זיי זיינען געגאנגען באטראכטן דעם ארום. ער גיט איבער אידען, וועמען פון די ארעסטירטע מע האָט שוין באפרייט, אז דער נעכטיקער אָוונט זיינער איז ניט געגאנגען פארלוירן.

אידע און מארקוס שטייען אריבערגעבויגן איבער א נידעריקן, געמויערטן פארקאן, קוקן אין א מוירעדיק טיפן אָפּגרונט, וואָס איז אין עטלעכע שפאן פונעם פארקאן. דער אָפּגרונט איז אזוי טיף, אז עס פאלט אזש אָן א ציטער, ווען מע קוקט אהין אראָפּ. מארקוס דערציילט אידען, אז דער טיפער אָפּגרונט האָט זיך זיין געשיכטע פון קאָרבאָנעס; גייסטיק־אָרעמע, מיט כאראקטערן שוואַכע, סענטימענטאלע מענטשן, וועמען ניט געלונגענע ליבעס ברעכן איין, קומען אָט אהער, פירן אונטער די רעכענונג מיטן לעבן און מיט די זיסע ווערטער אף די ליפּן: „גלאָריע־דא־אמאָר" 1), שלייַדערן זיי זיך אראָפּ אין טיפן אָפּגרונט און פון זיי בלייבט מער ניט, ווי א שאָטן, א סענסאציאָנעלע כראָניק אין דער צייטונג.

ביידע פירן איבער די בליקן אף דער שטאָט. די שטאָט, וואָס איז פריער בייס זיי זיינען געפאָרן אין טראמוויי, געלעגן אויפגעדעקט פריי, אין אן אומבאגרענעצטער ווייטקייט פאר דעם אויג, ליגט איצט פארבאָרגן אין א געדיכטן, טונקעלן נעפּל, און דורך א מאטן, דורכזיכטיקן וואָלקן אנטפּלעקט זיך דער יאם.

מארקוס פילט איצט ניט קיין מידקייט פון דעם, וואָס ער האָט די לעצטע עטלעכע מעסלעס געארבעט און איז ניט געשלאָפן. פון יעדן גליד זיינעם שפּארט ארויס די צעבויטעטע פרייד פון

1) רום פון ליבע.

דעם זיג, וואָס די פּאַרטיי האָט נעכטן אָפּגעהאַלטן. קומט מאַרקוס אין די בערג, הייבט ער נאָר אָן שפּרייזן איבער דער ווילדער נאַטור, ווערט ער ווי נײַ־געבוירן, ווערט אים אַזוי גוט. פון יעדן אייוועך זײַנעם שטראַלט די ליבע צו דער נאַטור. ער האָט זיך צוגערוקט נאָענט צו אידען, איר אַרײַנגעקוקט אין די אופגעלעבטע, שטראַלנדיקע אויגן, זי געגעבן א דריק צו זיך און א קוש געטאָן אין פריידיקן פּאָנעם.

— יאָ, פּראַכטפול! — האָט ער לאַכנדיק אַרויסגערעדט.

אידע האָט דערפילט א מאָדנע אינערלעכע אופרעגונג. ביידע קוקן זיך פּאַרטראַכט אָן, נעמען מינוטן ניט אַראָפּ די אויגן איינע פון די אַנדערע, דורך די ליידנשאַפטלעכע בליקן גיבן זיי איבער איינע די אַנדערע די געצוימטע פּאַרלאַנגען, די אומבאַגרענעצטע צוגעבינדנקייט איינע צו די אַנדערע. ביידע פירן איבער די בליקן אויפן וואַסער און שווייגן. זייערע פּענעמער האָבן זיך צעפלאַמט פון אייגענער פרייד.

אידע האָט א האַנט אַרײַנגעשטעקט אין זײַן געקרײַזלטן קאָפּ האָר און פּאַרטראַכט אַרויסגערעדט:

— מאַרקוס, וואָס נאָך קאָן אונדז אָפּהאַלטן?

א געדאַנק האָט מאַרקוסן א שײַן געטאָן אין די אויגן:

— אפילע מאָרגן, — האָט ער א צעפלאַמטער געענטפערט, — איך וואָלט געוואָלט, אַז מיר זאָלן די טעג אײַנלאַדן אונדזערע נאָענטסטע כאַווערים. מירן זיי מעלדן, אַז פון דעם אָוונט הייבט זיך אָן אונדזער צוזאַמענלעבן.

— איך בין ניט קעגן.

ער נעמט אידען אונטער דער האַנט און גייט מיט איר אַוועק אין אַן אַנדער זײַט. זיי קריכן באַרג־אַרויף, צווישן נידעריקע געדיכטע ביימלעך. באַלד האָט אידע דערהערט א רויש, א זשום. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, מאַרקוסן אָנגעכאַפּט בא דער האַנט.

— ווהין קריכסטו, ווהין פירסטו מיך?

מארקוס האָט הילכיק זיך צעלאַכט. דער געלעכטער האָט מיט א ווידערקאָל זיך פאנאנדערגעטראָגן איבערן בארג.

— דו האָסט מוירע?

— ניין, אָבער וווהין?

— וועסט שוין זען.

בא א שטיינערנעם צעשפּאָלטענעם פעלדז, פונוואנען ס'האָט געדרוישט א וואסערפאל, זײַנען זיי געבליבן זיצן. פונעם בארגס צעכראסטעטע הארץ האָט האסטיק דאָס וואסער געשטראָמט און געשוימט זיך, ארויסגעגעבן אייגנארטיקע קלאנגען און געפאלן אין טאָל אראָפּ. ביידע האָבן זיך אײַנגעהערט און אופגעכאפּט די קלאנגען פון וואסערפאל.

מארקוס האָט מיט פארליבטע אויגן א קוק געטאָן אף אידען:

— נו, דיך פארפירט?

אידע האָט איר בליק ניט אָפּגעריסן פון וואסערפאל און אים באגײַסטערט געענטפערט:

— זייער שיין! פונוואנען ווייסטו פון אזוינע ווונדערבארע ערטער?

— צוריק מיט יאָרן האָב איך דאָ ניט קיין איין פרײַען זונטיק געלאָזן... איך האָב שטארק ליב וואנדערן אין די בערג.

א קאלטער ווינט האָט אָנגעהויבן יאָגן. אידען איז קאלט געוואָרן. מארקוס האָט זי אײַנגעדעקט מיט זײַן מאנטל.

— דו גייסט לײַכט אָנגעטאָן, — האָט ער זי זאָרגעוודיק צו זיך געטוליעט.

— לאָמיר פאָרן אהיים.

— קום, לאָמיר גיין, — האָט מארקוס, אופהייבנדיק זיך, געענטפערט.

ווען מארקוס און אידע זײַנען פון אָרט אופגעשטאנען, האָבן זיי ערשט באמערקט, ווי די פארנאכטיקע שײַן האָט זיך שוין פון לאנג באהאלטן צווישן די געדיכטע ביימער, און דער ארום איז

דערטרונקענע אין פינצטערניש, אין דער סווידעסדיקער שטילקייט הערט זיך בלויז דער געריש פונעם וואסערפאל.

בא דער טראמוויי־סטאנציע איז די לופט א פייכטע, נאר ניט אזוי קאלט, ווי אויבן, אפן שפיץ בארג, באם וואסערפאל.

זיי זיינען אריינגעגאנגען אין גארטן, וואס ליגט אין דער זייט פון דעם טיי־הויז. אין א טונקעלער אלייע האבן זיי זיך צו־געזעצט אף א באנק קעגניבער א בערגל פאנאנדערגעבליטע נאכט־בלומען.

דער גארטן איז שיטער באוואקסן מיטביימער, האט נאר פיל בלומען־בערגלעך. די נאכט־בלומען זיינען א גאנצן טאג געווען פארשלאסן, פארשמאכט זיינען זיי געשטאנען מיט אראפגעבויגענע קעפלעך, פארזונקען אין שלאף, און ווי נאר די נאכט איז צוגע־פאלן, האבן די בלומען פון שלאף אופגעוואכט; די צארטע בלעטלעך האבן זיך פאנאנדערגעעפנט און אנגעהויבן פארשיקערן מיט דופטיקע רייכעס.

— ווי עס שמעקט, א כיעס! — האט אידע זיך אנגערופן.

ביידע האבן געקוקט אף דעם בערגל בליענדיקע בלומען און איינגעאטעמט דעם פרישן, אנגענעמענעם רייעך. עס האבן זיי א בלענד געטאן אין די אויגן די בלישטשענדיקע גליי־זשוקלעך, וואס האבן ארויסגעשיינט פון געדיכטן טויקן גראז.

אידע האט א שפרונג געטאן, געכאפט א גליי־זשוקל, דאס ארופגעלייגט אף דעם היטעלע, מיט א פייכטע האנט א פיר גע־טאן מארקוסן איבערן פאנעם און שטיפעריש זיך געווענדט:

— געפעלט דיר מיין בריליאנט?

מארקוס האט געכאפט א קוק אף דעם היטעלע, ווי עס האט געלויכטן דאס גליי־זשוקל און מיט א שמייכל געענטפערט:

— זייער!

ער האט זיך אופגעהויבן, ארומגעקוקט, ווי ער וואלט זיך געקליבן טון דאס גרעסטע פארברעכן, און מיט גרינגע טריט זיך צוגעשארט צום בערגל נאכט־בלומען, פליינק א בלום אפגעריסן.

מיט איין שפרונג איז ער שוין ווידער געווען נעבן אידען. מאר־קוס נעמט די בלום, שפיליעט זי צו צו דעם ראָזן קלייד...

דער קלונג פון טראַמוויי האָט זיי פון באַנק אָפּגעריסן. זיי זיינען אַיילִיק אַוועק.

פון טראַמוויי האָבן זיי ריאָ־דע־זשאַנייראָ דערזען איינגעהילט אין נאַכט־שאָטן. אַ שלאַל עלעקטרישע לאָמפּן האָבן פון דער שטאָט אַרויסגעפינקלט מיט פאַרשיידענע קאָלירן: מיט בלויער, רויטער, גרינער שיין. דאָס באַנאַכטיקע בילד האָט זייערע בליקן ווי פאַרקישעפט, און געדאַכט האָט זיך זיי, אַז זיי זעען ניט־די שטאָט, נאָר אַ טונקעלן הימל, אָנגעזייעט מיט מיליאָנען, מיליאַרדן שטערן. זיי האָבן ניט באַמערקט, ווי דער ווייטער וועג האָט זיך אויסגעשעפּט.

---

# קאפיטל זעקס

## I

אפדערנאכט.

דער לאָקאל פון סטאָליער־פאריינ איז מיט אלע עלעקטרישע לאָמפּנ באלויכטנ, די העלע שײַנ רײַסט זיך דורך די גרויסע פענצטער אונ פלעקט דעם טונקעלנ דרויסנ. דורכגייער פארײַסנ די קעפּ צום ווינקלדיקנ, צווײשטאָקיקנ באלויכטענעם מויער אונ קוועטשנ פארוואונדערט מיט די אקסלענ:

— נא דיר אינ א מיטנ דער וואָך!

נאָר די ארבעטער, וואָס האָבנ אָנגעפילט דעם לאָקאל, האָבנ אלע בענקלעך באזעצט, ווייסנ, אז ניט אפּ א יאָנטעוו זײַנענ זיי געקומענ: זיי זײַנענ געקומענ מישפּעטנ דעם פירער פונ טראנס־פּאָרט־פאריינ זשאָזע־פּערעיראָ.

דער פּאָרהאנג פונ דער טריבונע איז נאָך פארמאכט. אפּ דעם פּאָרהאנג איז אויסגעמאָלט אנ ארבעטער מיט א האמער אינ אנ אָנגעצויגענער, אָדערדיקער האנט. לעבנ דעם ארבע־טער — א גלאָבוס; דער גלאָבוס איז איינ זעקסטל רויט, דאָס איבעריקע — שווארצ. דער ארבעטער האָט ארויפגעלאָזט דעם האמער אפּ א שווארצנ טייל־וועלט — ער ברעכט די אלטע וועלט.

זיצנ די ארבעטער אונ רוישנ, ריידנ וועגנ דער מוירעדיקער נויט, וועגנ דעם געזעצ „סעלעראדאָ" אונ וועגנ דעם מישפּעט...

מארקוס זיצט מיט אידענ, לעבנ אידענ — מיגועל, דער מיט־גליד פונ באטאָפּאָגער ראיאָנעם פארטיי־קאָמיטעט.

דורך דער טיר האָלט אין איין שפּאַרן אַן אוילעם. דער זאַל איז איבערפולט, קאָן שוין קיינעם ניט ארייַנעמען. אַלע דורכגענג זייַנען פארשטעלט.

מיגועל האָט מיט אַ קאַלטן בליק אַ מעסט געטאָן אַ גרופּע, וואָס האָט זיך געהאַלטן זאַלבעפערט איינעם, געשטאַנען אין דורכגאַנג, ניט ווייַט פון זייער רייִ. ער האָט באַמערקט, אַז זיי האָבן זיך אַ סוידע געטאָן און האָבן זיך צעשאָטן איבערן זאַל, זייַן אומרויִקייַט איז געוואָרן נאָך גרעסער.

אידע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיגועלן, זי האָט באַמערקט זייַן צעטראָגנקייַט, זי פרעגט:

— וואָסי?

— פּאָליציי־אַגענטן האָבן זיך איבערן זאַל צעשאָטן, — האָט ער שטיל געענטפערט.

— פונוואַנען ווייסטו?

— איך האָב זיי דערקענט.

— מע דאַרף אַ בריוול שיקן הינטער די קוליסן, — האָט מארקוס געזאָגט, — געבן די כאַווײרים צו וויסן.

דער פאָרהאַנג האָט לאַנגזאַם זיך אָנגעהויבן וויקלען אַרויף און פאַרוויקלט דעם אַרבעטער, דעם גלאָבוס. אויף דער טריבונע, בײַ אַ לאַנגן, רויטגעדעקטן טיש זיצן די מיטגלידער פון דער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע און דער לינקער דע־פּוטאַט אַזעוועדע־לימאַ.

דער פאָרזיצער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג. אין זאַל איז געוואָרן שטיל. עס האָט גערעדט דער אַלטער אַרבעטער־פירער, דער דרוקער פּימענטי. זייַן קאָל איז געווען הילכיק און קלינ־גענדיק.

דער דעפּוטאַט אַזעוועדע־לימאַ האָט רויִק, געלאַסן אָנגע־הויבן זייַן פאָרטראַג. יעדער פאַקט וועגן זשאָזע־פערעיראָ קומט בײַ אים אַרויס שאַרף און קרייסלט אויף די שטילקייַט, יעדער פאַקט קריכט, פאַלט אויף אַרבעטער־קעפּ, ווי אַ שווערע דובינע.

אלץ מער און מער וויקלט אוף אזעווערע דעם שלייער פון זשאַ־זע פּערעירעס געהיימניש. אָט דערציילט ער, ווי אַזוי זשאָזע פּע־רעיראָ האָט אין איין צײַט געדינט אַף צוויי שטעלעס: אַלס פירער פון רעפּאָרמיסטישן טראַנספּאָרט־פאַריין, און — אין פּערדטן אַשיליאַר.

— טויט דעם פּראָוואָקאַטער!

— אָט דער נעפּעש — האָט אזעווערע, באַקוקנדיק דעם זאַל, פאַרגעזוצט, — איז געווען און איז געבליבן נידערטרעכטיק; אָט דער צווייפּנעמדיקער פּאַרשוין האָט געפּויזעט ווי א מאַלפּע און האָט די הענט, וועלכע ער האָט געלעקט, געביסן, ווי א שלאַנג, ער האָט ניט געוווסט, וואָס הייסט ערלעכקייט און אופריכטיקייט; אָט דאָס דאָזיקע באַשעפעניש האָט געגעסן דעם אַרבעטערס ברויט און אים אָפּגעדינט... דער בוימל איז אַרופגעשוווּמען אַפן וואַסער, און זשאָזע פּערעיראָ ווײַזט זיך אין זײַן גאַנצער אָפּנקײַט אַלס א געהיים־אַגענט אין דער פּאָליטישער פּאָליציי...

די רייד רופן אַרויס א שטראָם פּראָטעסטן.

זשאָזע פּערעירעס גוטע פרײַנט האָבן אָנגעהויבן טומלען, וואַרפן צווישנרופן:

— אויסטראַכטענישן! — האָט אײנער א געשריי געטאָן. באַלד האָבן אַנדערע אים אונטערגעכאַפּט, און די צווישנרופן זײַנען געוואָרן שטאַרקער, אַנגרײַפערישער.

די צווישנרופן האָבן שטאַרק אויפגערעגט די אַרבעטער, זייערע אויגן האָבן בייז זיך אײַנגעשטאָכן אין די ערטער, וווּ די טומלער זײַנען געשטאַנען.

— פירט זיי אַרויס!

— טרײַבט זיי דורך!...

אין זאַל איז די לופט געוואָרן קאָכעדיק. זשאָזע פּערעירעס גוטע־ברידער האָבן זיך א שושקע געטאָן און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן. ניט ווײַט פון דער טיר האָט א האַנט זיך אויפ־געהויבן, א בלישטשענדיקע זאַך האָט אין אויגן א שווינדל געטאָן און געגעבן א קנאַל...

אַ אַרבעטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום דיל און האָט אַרויס־בעקרעכצט:

— מערדער...

אַ הָעגע האָט געהערשט אַ טיפע שוויַיגעניש, אַ טויטע שטילקייַט.

עטלעכע אַרבעטער האָבן אונטערגעכאַפּט דעם פאַרוווּנדעטן. דער גאַנצער זאַל האָט מיט דערציטערטע בליקן זיי נאָכגעשפּירט. עס האָט זיך געשאַפן אַ וועג, און דעם פאַרוווּנדעטן האָט מען דורכגעטראָגן דורכן גאַנצן זאַל צו דער טריבונע.

— דורכגעשאָסן דאָס האַרץ... — האָט דער דאָקטער געמאָלדן. די ווערטער זיַינען איבערן שטילן זאַל געפאַלן, ווי שווערע שטיי־נער.

— פּאָליציייִשע העפקיירעס! — האָבן שטימען געדונערט.

אַן אַרבעטער האָט אופגעבראַכט אָנגעכאַפּט באַם האַלדז פּע־רעירעס אַ „גוטן ברודער”, אים אָנגעהויבן שטאַרק וואַרגן, און ברומען ווי ניט מיט זיַין קאָל:

— הונט!.. כ׳וועל דיך דערשטיקן!...

איין זאַל איז געוואָרן אַ שטורעם...

אַ געהיימע האַנט פון דער פּאָליציי האָט די עלעקטרע פאַר־לאָשן. ווען אַ שוואַרצע פינצטערניש האָט אָנגעפילט דעם זאַל, האָט ווידער אַ רעוואָלווער אַ קנאַל געטאָן.

די פּאָליציי־אַגענטן האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן, ווי מיַיז אין דער פינצטער, בענקלעך זיַינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין באַרי־קאַדעס. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ פאַרביטערטער שלאַכט...

די מאַסע האָט זיך געריסן צום אַרויסגאַנג. דער קאָרידאָר איז פאַרשטאָפּט מיט פּאָליציי און געהיים־אַגענטן. עס איז פריַי אַ שמאָלער דורכגאַנג, פונקט פאַר איין מענטשן.

מאַרקוס און אידע האָבן זיך אַרויסגעריסן. זיי האָבן שנעל דורך אַ שמאָל, פינצטער געסל אָפּגעטראָטן. ביידע גייען צעקאָכט, אופגערעגט.

— אזא דורכפאל... — האָט מארקוס אין דער שטיל געזאָגט, — גיט אזוי דארף מען מישפּעטן א פּראָוואָקאַטער. צו וואָס אזא טאַראַראַם, מע וואָלט אים געקענט אין דער שטיל דעם פּסאַק געבן...

— דו האָסט כאָטש ניט געכאַפּט קיין קלאַפּ? — פרעגט מאַר־קוס אידעס צעטראָגן.

— ניין, מע האָט מיך נאָר שיר ניט צעטראָטן.

ביידע גייען שווייגנדיק.

## II

גליענדיקע טעג אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין בּרען פון אַרבעט ווערן מעסלעסן איינגעשרומפּן און פאַרשווינדן אומבּאַמערקט.

מאַרקוס איז די לעצטע מעסלעסן געשלאָפן ווייניק. יעדע נאַכט געכאַפּט נאָר א דרימל, און ווי נאָר זיין קערפּער האָט דער־פילט עפּעס רו, האָט ער ווידער אופגעוואַכט, און די אַרבעט האָט אים איינגעשלונגען. מאַרקוס יאָגט זיך און זיינע כאַווייַרים:

— גיכער, יעדע רגע איז טייער! קיין טריט פון אונדזער פּאָזיציע דעם סוינע ניט אָפּגעבן!..

שפּעט, נאָך א האַלבער נאַכט, באַהיא איז געקומען געוויר ווערן, וואָס הערט זיך אין ראַיאָן.

— מע האָט אונדז שוין צוריק פאַרטריבן אין אונטערערד, — האָט באַהיא שטיל אַרויסגערעדט.

אַלע האָבן זיך איבּערגעקוקט:

— וואָס?

— שוין?

— דער פּאַרלאַמענט האָט דעם געזעץ אָנגענומען!

באַהיא האָט פון א קעשענע אַרויסגענומען די צייטונג און האָט זיי געוויזן.

מאַרקוס איז געבליבן שטיין אומבּאַוועגלעך.

— מיר האָבן אזוינס דערוואַרט, — האָט מארקוס זיך אָנגע־רופן.

— וואָס הערט זיך בא אײַך? — האָט באהיא א פרעג געטאָן.

— גיב איבער אין שטאָטישן פּארטיי-קאָמיטעט, אז מיר האָבן אונדזער אופגאַבע אויסגעפּילט.

— מעגן מיר רויִק זײַן?

— באַשטימט.

באהיא און מארקוס האָבן זיך פארוקט אין א ווינקל און אין דער שטיל געשמועסט. איין פראגע האָט באַוועגט ביידנס אָנגע־שטרענגטע מויכעס: די ווײַטערדיקע עקזיסטענץ פון דער קאָמור־ניסטישער פּארטיי. באהיא האָט מארקוסן אײַנגערוימט, ווו עס וועט זײַן דער טרעף־פּונקט פון שטאָטישן פּארטיי־קאָמיטעט מיט די פאָרשטייער פון די ראיאָנען:

— קיין שום אדרעס זאָלסטו איצט מיט זיך ניט טראָגן. אן אד־רעס איז א שליסל פאר דער פּאָליציי.

ווען ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט מארקוס א מידער, אן אויסגעשעפּטער זיך געשלעפּט אהיים. א קיל ווינטל האָט א בלאָז געטאָן אף זײַן פארפלאמט פּאָנעם. דאָס ווינטל איז געשפּרונגען פון בוים צו בוים, זיך פארפלאָנטערט צווישן די צווײַגן און גע־שעפּטשעט מיט א לײַכטן סוידעסדיקן גערויש פון די בלעטער.

מארקוס האָט פרײַ געאָטעמט. ערגעץ זײַנען צעשווומען די שווערע געדאנקען און מידקײַט. ער פילט, ווי די לופט האָט אים אינגאנצן געענדערט. גייט ער זיך מיט לאנגזאמע טריט און הערט זיך אײַן אין גערויש פון די בלעטער.

...אידע איז געלעגן אליינע אין בעט און האָט פון מאָל צו מאָל געקוקט אפן וועק-זייגער.

— שוין דרײַ דער זייגער, — ער איז נאָך ניטאָ.

ווידער האָט זי דעם קאָפּ אײַנגעגראָבן אין קישן, זי איז גע־לעגן צערודערט מיט פארשלאָסענע אויגן און ניט געקענט אײַנ־שלאָפן. נאָכאמאָל האָט דער קאָפּ פון קישן זיך אופגעהויבן.

— שוין פיר דער זייגער... וואָס זאָל דאָס באַדײַטן?

זי האָט דאָס עלעקטרישע לעמפּל פּאַרדרייט און ענדלעך אײַנ־געדרימלט מיטן געדאַנק: אז ס'וועט ליכטיק ווערן, גיין זען, ווו מאַרקוס איז.

מאַרקוס האָט שטיל מיטן שליסל א דריי געטאָן אין טיר־שלאָס, גרינג זי געעפנט. דער צימער איז נאָך געווען צוגעדעקט מיט נאַכטישער פינצטערניש, א פּאַס קאַיאָר־שײַן איז געפאַלן אין פינצטערן צימער. ער האָט די ליכט ניט אופגעדרייט און אין דער פינצטער זיך אָנגעהויבן אויסטון.

אידע האָט די אויגן געעפנט. אפן ווײַסן פּאָרהאַנגל האָט גע־שווינדלט א שווארצער שאָטן.

— דו, מאַרקוס? — האָט זי פאַרשלאָפן א פרעג געטאָן.

— יאָ, איך.

— וואָס עפּעס אין דער פינצטער?

— כ'האָב דיך ניט געוואָלט אופוועקן.

— וואָס אזוי שפּעט? כ'האָב שוין אזוי־פיל איבערגע־קלערט.

— כ'האָב דיר פאַרגעסן זאָגן, אז איך וועל הײַנטיקע נאַכט זײַן פאַרנומען.

— נו, דריי אופ די עלעקטרע.

— אָט שוין.

— וואָס ביסטו אזוי בלייך? עס האָט זיך עפּעס געטראָפן?

— גאָרניט. ניט קיין אנגענעמענע נײַס...

— די פּאָליציי האָט שוין די פולע מאַכט? — האָט אידע זיך א כאַפּ געטאָן.

— יאָ.

— דער „ליי־אינפּאַמאַ" איז שוין אַרײַן אין דער קראַפט...

אידע האָט זיך אזש א הייב געטאָן פון בעט.

— און די פּאַרטיי ווי האַלט?

— די פּאָליציי וועט שוין איצט געפינען דעם נעכטיקן טאָג.

מארקוס האָט זיך אוועקגעזעצט אפֿן בעט נעבן אידען. ער האָט איר א ציַיטונג דערלאַנגט.

— אָט האָסטו שוין, — זאָגט ער, — דעם לעצטן לעגאַלן נומער פֿון אונדזער ציַיטונג „אנאסאנ״.

— מירן איצטער בלײַבן אָן א ציַיטונג ? — האָט אידע געפֿרעגט.

— מיר האָבן באַשטימט, — ענטפֿערט מארקוס, — אז עס זאָל אָנהייבן דערשיַינען די ארבעטער־ציַיטונג „אָ קלאַסע־אָפּעראַריע״, אין נאָמען פֿון לעגאַלן „ארבעטער־און פּויערים־בלאָק״.

— זע נאָר, ווי די ליכט שפּארט שוין אריַין דורכן פֿענצטער. אפֿן טיש שטייט עסן, עס אָפּ און שפּאר זיך צו.

— און איך, אידע, וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט פֿון בעט אראָפּ־קריכן, מיר זאָלן א „לופֿטער״ טון דאָס צימער, אויסרייניקן די פּאַפּירן, וואָס קענען אונדז אומאנגענעמלעכקייטן פֿאַרשאַפֿן. מיר זיַינען ניט זיכער, אז די פּאָליציי וועט צו אונדז ניט פֿאַרבלאָנדזשען מיט א „וויזיט״.

— דו האָסט רעכט, פֿאָרזיכטיקייט שאַדט קיינמאָל ניט.

אידע און מארקוס קוקן איבער יעדעס פּאַפּירל, יעדער ציַי־טונג און יעדן בוך. ביידע ארבעטן זיי ערנסט מיט אָנגעשטרענג־טע באַוועגונגען.

עס זיַינען אויסגעוואָקסן אינדערהייך דריַי בערגלעך, יעדער בערגל מיט זיַין גורל : דאָס ערשטע בערגל בלײַבט אפֿ דער פֿריַי, וועט איצט באַצירן דעם צימער, דאָס צווייטע — וועט ערגעץ פֿארוקט ווערן אין א געהיימער לאָך, און דאָס דריטע ..

מיט ווייטעק האָבן זיי געקוקט, ווי פֿלאַמען עסן די טיַיערע פּאַפּירן, ציַיטונגען און ביכער...

## III

די נאכט איז מארקוס קימאַט ניט געשלאָפֿן. ער זיצט נאָך אלץ געבויגן איבער דעם שריַיב־טיש. זיַינע ניט אויסגעשלאָפֿענע אויגן זיַינען איַינגעגעסן אין וויַיסן פּאַפּיר, דער קאָפּ קוטשע־

ראווע האָר איז צעפּאטלט, דאָס מאטע פּאָנעם האָט זיך לאנגלעכ אויסגעצויגן, ער שרײַבט אן ארטיקל פאר דער האלב־לעגאלער ארבעטער־צײַטונג „אָקלאסע־אָפּעראריע״; זײַנע אויגן גליטשן זיך דורך איבער אָנגעשריבענע שורעס, און ער פיבערט פון נערוועזער אופרעגונג.

„אין כוידעש יונ האָט די פּאָליציי דורכגעפירט דרײַ און דרײַ־סיק פּאָגראָמען אפ די פאריינען... פארמאכט זיבעצן רעוואָליוציאָנערע ארבעטער־אָרגאניזאציעס... אכט הונדערט ארבעטער זײַנען ארעס־טירט געוואָרן״...

ווען א פּאסמע ליכט פונעם געבוירענעם טאָג האָט דורכן פענצטער אין צימער זיך ארײַנגעגאָסן, האָט מארקוס די עלעקטרע פארדרייט און זיך געלייגט שלאָפן.

א רויטע זון, ווי א גרויסע קײַלעכדיקע ראָד, איז פון אונ־טער דעם בארג ארויסגעקראָכן, אפ דעם ראנד הימל זיך אוועק־געשטעלט און אָנגעצונדן די שויבן.

אידע איז אופגעשטאנען, זיך אָנגעטאָן און אײַלנדיק זיך ארומ־געוואשן, זי איז אוועק צו דער ארבעט. אפ דער גאס קאטעטע, נעבן דעם סטודענטישן קאפע־הויז, האָט זי דערהערט, ווי דער איטאליענער, דער צײַטונג־פארקויפער זינגט אויס מיט א הויכ־באסאָווער שטימע:

— אנטדעקט א געפערלעכע באנדע באָלשעוויסטישע אגענטן!..

אידע קויפט א צײַטונג און שפאנט אהיים. אנטקעגן קומט אָן פרעדריקע, דער מיטגליד פונעם ראיאָנעם פארטיי־קאָמיטעט.

— זשעקא איז אינדערהיים? — האָט ער שטילערהייט גע־פרעגט.

— יאָ.

— גיב אים איבער, ער זאָל צוגיין אין קאפע־הויז.

אידע ווײַזט פרעדריקן אפ דעם גרויסן שרײַענדיקן קאָפּ פון דער צײַטונג.

— דאָס האָסטו געזען?

— געזען, — האָט פרעדריקע געענטפערט און האָט איר דערציילט: — פון באַגינען אָן איז דער לאָקאַל פון עם „ארבעטער־און פויערים־בלאָק" באַלאַגערט פון דער פּאָליציי... זיי האָבן דעם אַרכיוו פון די וויילער פארכאַפּט, דאָס מעבל צעבראָכן און דעם לאָקאַל אונטערגעצונדן... אַ ענלעכן פּאָגראָם האָבן זיי אויך געמאַכט אַף דער אַרבעטער־צײַטונג „אַקלאַסע־אָפּעראַריע". די צײַטונג האָבן זיי קאָנפיסקירט און צענדליקער כאַווײרים אַרעסטירט... אָט דאָס איז די קאָמוניסטישע פאַרשווערונג, וואָס דער פּאָליציי איז געלונגען אויפצודעקן.

אידע איז אײַליק אַרײַן אין צימער. זי איז צו צום בעט און האָט לײַכט מאַרקוסן אָנגעהויבן וועקן.

— וואָסי? — האָט מאַרקוס מיט פאַרשלאָפענע אויגן אָנגעקוקט אידען.

— פרעדריקע האָט מיר געהייסן דיך צושיקן אין קאַפע־הויז — זי דערציילט אים, וואָס פרעדריקע האָט איר איבערגעגעבן, און ווײַזט אים די צײַטונג.

— נײַעס? — האָט מאַרקוס זיך געגעבן אַ כאַפּ און איז מיטאַמאָל געוואָרן וואַכעדיק. האַסטיק האָט ער זיך געגעבן אַ הייב אויף, זיך אָנגעטאָן.

— מ'טאָר קיין צײַט ניט פאַרלירן, איך גיי שוין אַהין.

אידע איז מיט שווערע דריבנע טריט צוגעגאַנגען צו מאַרקוסן.

— איך גיי אויך.

— וווהין?

— איך גיי אין פרויען־קאָמיטעט.

— איך וואָלט דיר ראַטן, ניט גיין. אַ שוואַנגערע פרוי דאַרף זיך היטן..

— כ'האָב באַשלאָסן גיין.

— גוט! האָט מאַרקוס אומצופרידן אַרויסגערעדט.

בּאַ אַן אָנקומענדיקן טראַמוויי האָבן זיי זיך צעשיידט.

— זײַ פאָרזיכטיק! — האָט מאַרקוס איר נאָכאַמאָל דערמאַנט.

## IV.

ווי נאָר דער דינער פונ קאפע־הויז האָט באמערקט מארקוסנ, איז ער מיט א גיכער באוועגונג צו אימ צוגעגאנגענ אונ אָנגע־הויבנ פאמעלעכ גיסנ די קאווע אינ טעפעלע ארײַנ. ער קוקט צומ טעפעלע, אונ סוידעסדיק שטיל דערציילט ער אימ:

— דער אָנפאל אינ די צוויי לעגאלע ארבעטער־אָרגאניזא־ציעס האָט ארויסגערופנ אנ עקסטרע זיצונג פונעמ שטאָטישנ סעק־רעטאריאט. די זיצונג קומט פאָר באמ כאווער ראָסי אינ שטוב. מ'האָט מיר געהייסנ דיכ באלד שיקנ. פאָר מיט דער אײַזנבאנ „לעאָפאָלדינא״.

— באָמ [1]...—האָט ער א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ.

מארקוס האָט פארויכערט א ציגאר, פאָרזיכטיק זיכ ארומגע־קוקט אונ זיכ אופגעהויבנ... ער איז ארויס פונ דעמ קאפע־הויז אונ איז אוועק צומ טראמווײַ.

ס'איז שוינ נאָכ האלבנ טאָג. די ארבעטער האָבנ זיכ אָנגע־הויבנ קלײַבנ צו דער געבײַדע פונעמ „ארבעטער־אונ פויערימ־בלאָק״. לענגויס דער גאס פראסע־רעפובליק גייענ ארבעטער דער־צאָרנטע אונ אופגערעגטע.

מארקוס איז געבליבנ שטיינ לעבנ א רעדל ארבעטער. ער האָט זיכ אײַנגעהערט. איינער א מיטגליד פונ די געלע [2] סינדיקאטנ האָט היציק דיסקוסירט אונ איז געווענ ארויסער זיכ פונ קאס.

— ווענ ניט דאָס „מאָסקווער גאָלד״, וואָלטנ דענ די דע־מאגאָגנ געקאָנט עקזיסטירנ? יעדער איינער זייערער באקומט פונ מאָסקווע גוט געצאָלטס!

מארקוס האָט א באקענטנ ארבעטער א ווונק געטאָנ אונ אינדערמיט ארײַנגעפאָרנ מיט א געפרעסטער רעפליק:

---

1) גוט.

2) רעפאָרמיסטישע.

— כ'וואָלט געוואָלט וויסן, וויפל באקומט איר פאר דעם גע־צאָלטס? יאָ, דער „פערטער־אשיליאר" באצאָלט גוט!

א פּאָר בייזע אָנגעצונדענע אויגן האָבן זיך אין מארקוסן איינגעגעסן.

— דעמאגאָג! ווילדער פאנטאזיאָר! — האָט יענער בייז געגעבן א ברום.

מארקוס האָט א קרומענ שמייכל געטאָן.

— דו זינגסט, ווי א קאנאריק!

— ער איז געקומען כאפּן פיש אין מוטנער וואסער! — האָט לאכנדיק אן ארבעטער, א מולאט, געזאָגט.

— ניט קיין פיש איז ער געקומען כאפּן, — ער איז געקומען, ווי א באפּטיסט, כאפּן פארבלאָנדזשעטע נעשאָמעס!

אלע נייע מאסן ארבעטער האָבן געפלאָסן פון די פאבריקן און ווארשטאטן. ווי אן אומפהערלעכער שטראָם האָבן ארבעטער זיך געצויגן צו די פאריינען און אָנגעפילט די גאסן. דאָס רעדל איז פארוואנדלט געוואָרן אין א מיטינג. מארקוס האָט רויק אָנ־געהויבן:

— איר האָט געהערט, וואָס דער אייזל האָט געזאָגט? אפילע קינדער ווייסן שוין איצט, אז די לעגענדע וועגן „מאָסקווער גאָלד" איז א געמיינער ליגן, וועלכער ציט זיך נאָך זינט דעם אָנפאל אָפ דעם „ארקאָס" אין לאָנדאָן, פון דעם ווייסן בוך מיט דער באוווסטער געפעלשטער בריוו!.. א ווײַלע בלייבט ער שטיל, טראכט און שניידט מיט זיינע שארפן בליק דעם געלן. — נאָר אין איין לאנד, אין איין זעקסטל וועלט, איז קיין פאר־שארפטער קריזיס ניטאָ! ניטאָ קיין ארבעטלאָזיקייט! אין ראטנ־פארבאנד איז אופבוי, עס פעלן אויס הענט!.. בא אונדז ווערן די זאוואָדן און פאבריקן איינגעהילט אין גליווער... דאָרטן וואקסן זאוואָדן!..די בורזשואזיע האָט אָנגעהויבן א ווילדן אָנגריפ קעגן דער קאָמוניסטישער פארטיי!.. אונדז שרעקט עס גאָרנישט, ווײַל בעסערס דערווארטן מיר ניט פון קאפּיטאליסטישן רעזשים!..

אונדזערע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרײַונג װעלן מיר אױס־קעמפן נאָר אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמפּאַרטיי!..

דער אױלעם האָט זיך א רודער געטאָן. ס'האָט א בליץ גע־געבן א זיכערקײַט אין זײַנע רייד. יעדעס װאָרט זײַנס קריכט אַרײַן אין די מױכעס, אייניקט אַלעמען מיט איין געדאַנק: „ענט־פערן מיט גרייטקײַט צום קאַמף"...

דער גײַװעדיקער ביטל־שמייכל, װאָס האָט זיך געהאַט באַ־װיזן אַפן אופגערעגטן פּאָנעם פונעם געלן, איז פארשװונדן. דער געלער ציט אַרײַן דעם קאָפּ צװישן די אַקסלען און קוקט זיך אַרום מיט בייזע אױגן. ער האָט זיך אָנגעהױבן אַרױסרוקן, אומבאַהאָלפן האָט ער א מאַך געטאָן מיט די הענט און געגעבן א ברום:

— װעלפּ!..

א געזונטער געלעכטער האָט דעם געלן באַגלייט.

## V

אין פּרױען־קאָמיטעט איז אידע צוגעגאַנגען צו לאַװרען, א האַנט אַרױפגעלייגט אַף איר אַקסל.

— נו, מירן גיין? — האָט אידע געפרעגט.

לאַװרע האָט אָפּגעריסן די אױגן פון דעם בוך, אידען אָנגעקוקט.

— כ'װאָלט דיר געראָטן מיט אונדז איצט ניט גיין.

— פאַרװאָס?

— דו ביסט אַף דער צײַט... דו דאַרפסט זײַן פאָרזיכטיק... דערצו װייסטו אױך, אַז אַן אױסלענדערן דראָט איצט װערן פאַר־נעם לאַנד אַרױסגעשיקט.

— איך בײַט ניט דעם באַשלוס פון קאָמיװג.

— טו, װי דו פאַרשטייסט.

לאַװרע טיילט אײַן די צוגעגרייטע פּעקלעך אופרופן.

— מיר גייען! זאָגט זי פעסט און לאָזט זיך די ערשטע צו דער טיר.

...נאָך א האלבן טאָג זײַנען צום „קאָנסעליאָ־מאָניסיפאַל״ [1] גע־קומען ארבעטער. זיי זײַנען געקומען אָרגאניזירט, מיט זייערע קאָמוניסטישע אָנפירער אין שפּיץ. ארום דעם קאָנסעליאָ־מאָני־סיפּאַל זײַנען די גאסן אָנגעגאָסן מיט צאָרן און פּראָטעסט...

אלע גאסן זײַנען באוואכט מיט פּאטרולן, פּאָליציייִשע רײַ־טער פּאָרן ארום, פערדישע טלאָען האָבן אין שטיינער צעצונדן פונקען... אלעמאָל פירט דורכן די פּאָליציי ארעסטירטע ארבעטער... די שטאָט וויקלט זיך אין געראנגל, אין קנוילן אומעט...

דער ראטמאן, דער פּאָרשטייער פונעם „ארבעטער־און פויערים־בלאָק״, אָקטאוויע בראָניאן רעדט אין קאָנסעליאָ־מאָניסיפּאַל, ער דערציילט פון ראָצכישע אָנפאלן אף די ארבעטער־אָרגאניזאציעס, פון הונדערטער אַרעסטירטע ארבעטנדיקע...

די גאַלעריע איז פול מיט ארבעטער. אן אופגעברויזטער מענטשלעכער יאם האָט א הילך געגעבן און זיך צעברומט, צעבייזערט און געדרוישט, ווי א שטורעמווינט וואָלט זיך פון ערגעץ א טראָג געטאָן און צעשטערט דעם אמאָליקן געזעץ, וואָס פאר־ווערט די מענטשן פון גאלעריע דעם רעדנער אפּלאָדירן. אפּלאָדיסמענטן האָבן, ווי א דונער, זיך געטראָגן און פארהילכט דעם קאָנסעליאָ מאָניסיפּאַל.

הויכע שנײַדנדיקע אויסרופן:

— נידער מיט די פּאָליציייִשע מערדער!..

— פרײַהײַט פאר די פּאָליטישע ארעסטירטע!..

— זאָל לעבן די בראזילישע קאָמוניסטישע פּארטיי!..

— זאָל לעבן דער ראטנפארבאנד!..

— וויוואַ!.. [2]

די ראטמענער טוליען זיך אין די ווינקלען, איבערגעשראָקענע דרוקן זיי זיך צו דער טיר, ווי עמעצער וואָלט זיי נאָכגעלאָפן.

---

1) שטאָט־ראט.

2) זאָל לעבן.

דער פּאָרזיצער, ווי אַן אַלטער הונט אָן ציין, ברומט ארויס:
„אזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרן, זינט עס עקזיסטירט דער קאָנסעליאָ־מאָניסיפּאַל". ער שיקט די פּאָליציי באַפרייען די גאַלעריי.

ניט ווײַט פון עם קאָנסעליאָ־מאָניסיפּאַל זײַנען די פרויען גע־שטאנען און געטיילט די אופרופן. צוויי געהיימע פּאָליציי־אַגענטן האָבן זיי אויסגעשפּירט.

— איר זײַנט אַרעסטירט! — די געהיימע אַגענטן האָבן די פרויען באַוויזן דעם פּאָליציייִשן צייכן, וואָס זיי טראָגן אויף דער לינקער זײַט לאַץ פון עם רעקל.

לאַוורע האָט פון דער זײַט אַ קוק געטאָן אויף אידען און זיי אָנגעהויבן בעטן:

— זי איז אַ „שווערע" פרוי, לאָזט זי אָפּ!

אַ סאַרקאַסטישער שמייכל צעקרימט זייערע גלאַט־ראַזירטע פּעגעמער.

— ניטאָ קיין אויסנאַם! — טוט איינער אַ ברום.

שפּעט אין אָוונט איז מיט שווערע געמאָסטענע טריט אַרײַנ־געקומען דער שעף פון דער פּאָליציי. ער איז מיט אַ פאַרשנורע־וועט מויל געבליבן שטיין נעבן אַ טיש און מעווייניש באַטראַכט די געפאַנגענע פרויען. דער שעף האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויפן בענקל, אָנגעצונדן אַ ציגאַר, ער בלאָזט דעם רויך און קוקט, ווי דער רויך שלענגלט זיך און צעגייט, פּונקט ווי קיינער אויסער אים וואָלט ניט געווען אין אויספאָרשונג־צימער.

ענדלעך האָט דער שעף אָנגעהויבן אויספרעגן די פרויען. ער האָט געפּרוווט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער הערט ניט אויפמערק־זאַם, נאָר אינדערעמעסן האָט ער קיין איין וואָרט ניט דורכגעלאָזט.

— ווו האָט איר גענומען די בלעטלעך? — ווענדעט ער זיך צו אידען.

— מע האָט זיי אונדז געגעבן.

באַם שעף פּלאַצט דער געדולד. ער האָט ביין אויסגעשריִען.

— ווער האָט זיי אײַך געגעבן?

— דער פרויען־קאָמיטעט.
— איר זײַנט א קאָמוניסטקע?
אידע האָט א צי געטאָן מיט די אקסלען און האָט אין א זײַט דעם קאָפּ אוועקגעדרייט. אָבער באלד האָט זי אים ניט ווילנ־דיק געענטפערט:
— איך בין אן ארבעטערין און געהער צו דער ארבעטער־פּארטיי!
— וויאזוי איז אײַער פאמיליע?
— מארגאַרידע פערעירא.
— ווער איז אײַער מאן?
— א בראזיליאנער, א שנײַדער.
— ווו וווינט איר?
— אין סעבורביעס. 1)
— דעם שעפס אויגן זײַנען זיך פאנאנדערגעלאָפן איבער די פרויען און ווידער זיך אָפּגעשטעלט אף אידעס הויכן בויך. ער טוט שעלמיש א ווונק און קײַכט זיך פאנאנדער.
— מאָדנע, — האָט געזאָגט דער שעף, — א שוואנגערע פרוי אין די הויכע כאדאָשים פירט פּאָליטישע אגיטאציע!
אידע האָט געשוויגן. זי האָט אים גאָרניט געענטפערט.
דער שעף האָט אופגעעפנט א טישקעסטל, גענומען א בלעטל, ער וויקלט עס פאנאנדער און פארטיפט זיך קלוימערשט אין דעם.
— איך שפיר נאָך זייער אופמערקזאם נאָך דער ארבעטער־באוועגונג, — ווענדעט ער זיך ווי צו אלע. — מיך רירן זייער טיף די אינטערעסן פון אונדזער בראזילישן פאָלק. איך בין אפילע אײַנשטימיק מיט גערעכטע פאָדערונגען פון די ארבעטנדיקע. כ'בין אָבער אין גרונט קעגן די אויסלענדער, וואָס העצן אונדז־זערע ארבעטער! איר ווייסט, מיך האָט ביז גאָר גערירט, זען אײַך, בראזיליאנער סעניאָרעס, פארפירט אף אזא שענדלעכן וועג!

1) אין פאָרשטאָט.

דער שעפ האָט זיך געגעבן א הייב אוף. זײַנע ברעמען האָבן זיך מיטאמאָל אָנגעכמורעט, זײַן קײַלעכדיק גלאט פּאָנעם איז גע־וואָרן בייז.

די ארבעטערנס האָט מען ארײַנגעפירט אין א צווייטן צימער. די ווענט פון צימער זײַנען פול באהאנגען מיט פּאָטאָגראַ־פיעס. די בילדער פון באקאנטע ארבעטער ווארפן זיך אין זייַ־ערע אויגן. א געדאנק טוט בא זיי א בליץ. זיי טראכטן: „דאָ וועלן זיי אויך אונדזערע בילדער אופהענגען. פּאָליציי־אגענטן וועלן זיך אין אונדזערע שטריכן „גריבלען״.

שאָען פון אומרויִקן ווארטן זײַנען פאמעלעך געקראָכן. דער שעפ איז ארײַנגעקומען, ער איז לאנגזאם צוגעגאנגען צו די פרויען.

— איר זײַנט פרײַ, ווייסט, אז דאָס צווייטע מאָל, אויב איר וועט צו מיר ארײַנפאלן, וועט איר פון מײַנע הענט זיך ניט ארויסדרייען... פרויען זאָלן זיך מישן אין פּאָליטיק! א שאנדע פאר דער בראזילישער נאציע!..

אינדרויסן האָבן די פרויען פרײַער אָפּגעאָטעמט.

— ווי מיר האָבן זיך פאר דיר געשראָקן, — האָט לאוורע גע־זאָגט אידען, — דו האָסט זיך קונציק ארויסגעדרייט פון דעם פוקס.

אידע האָט צופרידן געשמייכלט:

— מ׳דארף זיך נאָר ניט פארלירן.

לאוורע דריקט אידען די האנט.

ס׳איז א מילדער קילער אָוונט. א זאפטיקער רייעך פון נאכט־פרישקײַט האָט זיך צעפלאָסן אין אלע אייוורים.

אידע גייט און אָטעמט ארײַן גיריק די פרישע לופט...

## VI

מארקוס פאָרט קיין ניקטעראָי. ער זיצט אף דער פאלובע פון שיפ, ער הערט זיך אײַן אין דעם גערויש פון די מאשינעס, וואָס האָבן אָנגעפולט די פארנאכטיקע שטילקײַט. נאָך דער שטאָ־טישער געדיכטער לופט אָטעמט ער אײַן די קילע פרישקײַט.

א מילד ווינטל, וואָס האָט פּוסטעפּאס ארומגעבלאָנקעט איבערן אָקעאַן, האָט אים געגלעט דאָס צעפּלאַמטע אופגערעגטע פּאָנעם, זיך פּארטשעפּעט אין זײַנע האָר און מיט זיי זיך אָנגעהויבן שפּילן.

מארקוס האָט זיך אויסגעקערעוועט און די אויגן אָנגעשטעלט אפן בארג. דער בארג ליגט אפן ברעג אָקעאַן. זײַן שפּיץ ליגט הויך אונטער א גרויסן פאָרהאַנג פון וואָלקנס.

א גאנצן טאָג ניט געזען אידען — טראכט מארקוס אומרויִק און קוקט אפן בארג.

— געצײַלטע טעג זײַנען שוין פארבליבן...

ווי נאָר מארקוס דערמאנט זיך אָן אידען, טוט אפ אים א ווייע א שטראל שײַן און ווארעמקײַט.

דער אָקעאַן האָט אָנגעהויבן בושעווען, די שיף וויגט זיך, אומרויִקע וואסער־ווענט הייבן זיך אוף, שלאָגן זיך אָן אין א זײַט שיף, ווי זיי וואָלטן וועלן די שיף דורכשפּארן, צערײַסן. בא יעדן אָנפאל, לאָזט די וואסער ארויס א ליארעמדיקן רעווע, און די שיף רײַסט זיך קעגן די צעבושעוועטע כוואליעס, לאָזט הינטער זיך א וועג פון גרויען שוים. ערגעץ פינקלען אוף די לײַכט־טורעמס מיט רויטע און גרינע פײַערלעך.

א טייל שטאָט ניקטעראָי ליגט הארט באַם ברעג אָקעאַן און שמעקט מיטן רייעך פון פיש. די טייל שטאָט רוישט מיט טראַמוויי־קלאנגען, מיט סירענע־פײַפן פון אווטאָמאָבילן און מיט א בייזן ברומען פון שווערע כוואליעס.

אין עק שטאָט ליגט א קרום געסל. אין דעם געסל טוליען זיך צו דער ערד אײַנגעהאָרבעטע ליימשטיבלעך און באראקלעך. אינאָווענט איז אינעם געסל פינצטער.

אין א שטיבל פון דעם געסל קומט פאָר אן אומלעגאלע פּארטיי־קאָנפערענץ.

מארקוס גייט מיט אן אויסגעגלײַכטן רוקן און אופגעהויבענעם קאָפּ. די טריט זײַנע פאלן מיט א טויבן אָפּהילך אין דעם שטילן געסל.

א טירל האָט געטאָן א סקריפּ, זיך געעפנט, מארקוסן אײַנגעשלונגען און צוריק זיך פארמאכט.

אינעווייניק אין שטיבל איז דער קעראָסין־לאָמפּ ארײַנגעדרייט, ברענט טונקל.

דער מולאט פעדראָ רעדט. פון זײַן טונקל־הויטיק געזיכט שײַנען ווײַסלען צוויי, און עס פינקלען שניי־ווײַסע ציין. צעגליטע ווערטער שלענגלען זיך אין דער געפרעסטער שטילקײַט.

מארקוס האָט שווײַגנדיק באַם טיש זיך אנידערגעזעצט. אַף א האנט אָנגעשפּארט דעם מידן קאָפּ.

— דאָס וואָרט באקומט דער פאָרשטייער פון ריאָ־דע־זשאַנײַרער פארטיי־קאָמיטעט, דער כאווער זשעקאָ — האָט דער פאָרזיצער געמאָלדן.

מארקוס רעדט וועגן דעם, וויאַזוי דער ניקטעראָיער פארטיי־קאָמיטעט זאָל אריבערגיין אינגאנצן אין אונטערערד. אלע הערן שווײַגנדיק און אײַנהאלטנדיק דעם אָטעם...

פון דער גאס איז פּלוצעם דער היטער ארײַנגעפאלן.

— כאוויירים!

אלע קעפּ האָבן מיטאמאָל זיך געגעבן א וויג. אן אומרויִקע כוואליע איז איבער לײַבער דורכגעלאָפן.

ס'איז ארײַן דער אנדערער היטער.

— דורכפאל! פּאָליציי האָט זיך איבערן געסל צעשאָטן...

טויט־שטיל אין צימער. ווי אן עלעקטרישער שטראָם האָבן די ווערטער יעדן דורכגענומען.

דער באלעבאָס פון שטיבל האָט געוואָרפן א קוק אפן פענצטער. האסטיק האָט ער א שפרונג געטאָן און עס געגעבן א פראל אוף.

— לויפט שנעל! שפרינגט אריבער דעם פארקאן און דורך דעם שכײנישן געסל אנטלויפט!

פלינק זײַנען צונויפגעקליבן געוואָרן די פאפירן. דורך דעם אופגעפראלטן פענצטער זײַנען די ארבעטער ארײַנגעשפרונגען אין גאָרטן. די נאכט־פינצטערניש האָט זיי אײַנגעשלונגען.

דער באַלעבאָס האָט זיך אין בעט אַרײַנגעלייגט. ער ליגט וואַכזאַם, מיט אָפֿענע אויגן אינדערפֿינצטער, הערט זיך אײַן אין דער שטילקײַט און וואַרט...

אַ שײַן פֿון אַן עלעקטרישן לעמפּל האָט דורכן פֿענצטער אַ ליכט געטאָן. אין טיר האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן, דער אָפּהילך טראָגט זיך אין שכייניש׳ן געסל אַרײַן.

— עפֿנט!

— פּאָליציי!

דאָס שטיבל איז פֿול געוואָרן מיט פּאָליציי און געהיים־אַגענטן. אין איין רגע איז אַלץ געלעגן אויף דער ערד צע־וואָרפֿן.

דער פּאָליציי־שעף פֿרעגט בייז דעם אַגענט:

— וווּ איז דער נעסט?

דער געהיים־אַגענט האָט אויש פֿון צאָרן אַ ציטער געטאָן.

— איך פֿאַרשטיי ניט, וווּהין זיי זײַנען אַהינגעקומען.

— דאָס צווייטע מאָל זאָלט איר בעסער קוקן און זיי פֿון די הענט זיך ניט לאָזן אַרויסדרייען!

די פּאָליציי האָט דאָס שטיבל פֿאַרלאָזט. די שווערע טריט האָבן זיך דערווײַטערט. ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל.

איינער שטייט אין אַ ווינקל פֿאַרוקט, ער לאָקערט, ווי אַ פֿאַרטײַעטער הונט, קוקט זיך צו און הערט זיך אײַן.

פֿאַרבײַ דעם פֿענצטער איז דורכגעלאָפֿן אַ שאָטן.

— אַ געהיים־אַגענט... — האָט דער באַלעבאָס צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן.

---

פּעדראָ האָט פֿאַרגעלייגט מאַרקוסן נעכטיקן בא אים, נאָר מאַרקוס האָט אַפֿילו ניט געוואָלט הערן, ער האָט זיך אַרײַנגע־זעצט אין אַ שיף, אויף אַ שמאָלער באַנק זיך אָנידערגעלייגט. ער האָט דערפֿילט די שווערקײַט פֿונעם גוף...

אַז מאַרקוס איז צוגעקומען צו זײַן שטוב, האָט זײַן האַרץ

געטאָן א ציטער, פונקט ווי ער וואָלט געפילט, אז עפעס איז דאָ ניט גלאטיק. ער איז א סעקונדע געבליבן שטיין בא דער טיר מיטן שליסל אין דער האנט. אין צימער איז פינצטער און שטיל. „קיינער איז ניטאָ, אָדער זי שלאָפט שוין״ — האָט ער א טראכט געטאָן.

איבער זיין קאָפּ האָט זיך געשפרייט א בלויער, אויסגע־שטערנטער הימל, אָן איין וואָלקנדל.

ווי נאָר ער האָט אין צימער אופגעדרייט די עלעקטרע, איז זיין בליק געפאלן אפ דעם פארבעטן בעט: „אידע איז ניטאָ... וואָס זאָל דאָס באדייטן?״ — האָט ער צו זיך אליין געזאָגט. דאָס בלוט, ווי אן אָנגעגליט אייזן, האָט אים א קלאפּ געטאָן אין קאָפּ. גלייכע געדאנקען זיינע געבוירן געוואָרן אין מארך...

— ווו זאָל זי זיין? אזוי שפעט...

— עפשער... ארעסטירט...— ער האָט עפעס געזוכט מיט די אויגן. זיין בליק איז געפאלן אפ א ווייסן קאָנווערט, וואָס איז געלעגן אפן עק טיש.

ער האָט א נעם געטאָן דעם קאָנווערט, האסטיק אופגעריסן און אָנגעהויבן לייענען:

„היינט צווישן טאָג אין נאכט איז באם „קאָנסאָליאָ מאָניסיפאל״ אידע ארעסטירט געוואָרן. אן אדוואָקאט נעמט אָן מיטלען, מ׳זאָל זי באפרייען״.

לאנג איז מארקוס געזעסן אין טיפן שווייגן, מיטן בריוול אין דער האנט און גאָרנישט ניט געקענט צוטראכטן, וואָס ער זאָל טון, וווהין ער זאָל גיין איצט אין דער שפעטער נאכט. ער האָט דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט און געזעסן אומבאוועגלעך.

טריט האָבן זיך דערהערט נעבן טיר. ער שפרינגט אוף פון שטול.

— ווער קען עס זיין?.. עפשער אן אונטערזוכונג?

— עפשער אידע?..

— עפן אוף, מארקוס.

אן איבעראשטער, מיט פעסטע טריט איז ער אוועק צו דער טיר.

— באפרײַט! — האָט ער פריידיק ארויסגערעדט און ארופגע־לייגט זײַן האנט אפ איר פּלייצע. זײַן שטים איז געוואָרן נאָך מילדער און הארציקער. — וויאַזוי?

— כ'האָב דערציילט א מײַסע פון טויזנט און איין נאכט! — האָט אידע צופרידן ארויסגערעדט, און א כיין האָט זיך צעגאָסן איבער איר צארטן געזיכט.

דער צימער האָט געביטן זײַן אויסזען, די כמארע, וואָס האָט אים פארצויגן, איז פארשוווּנדן.

## VII

אידע זיצט אביסל געבויגן, האלט די פיס אונטערגעשפּארט אפ א קליין בענקעלע. אפ דעם שויס ליגט איר צווייכאדאָשעמ־דיק קינד. אידעס אויגן קוקן פארטראכט אפ דעם קינד און עפּעס אן אומרויִקע אופגערעגטקײַט ליגט אפ איר געזיכט.

— וואָס וועט איצט זײַן? — קריכט אידען אין קאָפּ די פראַ־גע, — מארקוס קען זיך ניט ווײַזן אפ דער ליכטיקער שײַן... דאָס קינד האָט מיר די הענט געבונדן... האָבן מיר רעכט געהאט ברענגען א קינד אפ דער וועלט?

דאָס קינד האָט פאנאנדערגעעפנט א פּאָר גרויסע, בלויע אויגן, פארוווּנדערט געקוקט אפ דער מוטער, ווי ס'וואָלט פאר־שטאנען, וואָס די מאמע טראכט.

א טריבער אפדערנאכט.

א טונקעלע כמארע האָט דעם הימל פארצויגן, און א רעגן האָט אָנגעהויבן גיין. פונדרויסן, פון דער נאכט־כאשכעס קריכט די איימע אין צימער ארײַן. אידען ווײַזט זיך אויס, אז דער וועק־זייגער, וואָס שטייט אפן טישל קעגניבער איר, האָט עפּעס נאָך שטארקער, גיכער אָנגעהויבן מיט זײַן אומרו טיקען און פארשווערט איר די שטימונג. עס ווילט זיך איר די אויערן פאר־

שטאָפּן, זי זאָל ניט הערן זײַן מאָנאָטאָנעם טיק־טאַק, אָדער גאָר דעם זייגער א שלײַדער טון, ער זאָל אינגאנצן ווערן פארשטומט. פּלוצעם האָבן זיך פון אירע אויגן ארויסגעקײַקלט ·עטלעכע גרויסע טרערן. עס איז אידען ניט קלאָר, פון וואָס די טרערן זײַנען איר געקומען אין די אויגן.

עמעצער האָט אין דער פאָדערשטער טיר אָנגעקלאפּט.

מיטאמאָל האָבן אידעס פיס זיך געגעבן א וואקל, שיר זיך ניט אראָפּגעגליטשט פון בענקעלע, און איר גאנצער קערפּער האָט אָנגעהויבן ציטערן. באלד האָט זי אופגעהויבן דעם קאָפּ, א קוק געטאָן אף דעם זייגער: „ס'איז צוועלף דער זייגער, פּונקט האלבע נאכט. מארקוס איז אוועקגעגאנגען פון דער היים אף ניט אומ־קערן זיך נעכטיקן". זי האָט נערוועז אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר, די אויגן זײַנען בא איר געוואָרן גרויסע, האָבן זיך געריסן פון די לעכער, געוואָלט שוין זען, ווער עס שטייט אף יענער זײַט טיר אין גאָס־דרען:

— ווער זאָל דאָס דאָרט זײַן? מארקוס? ניין!

טראָפּנס שווייס האָבן באדעקט איר געזיכט, זי האָט זיך פון אָרט ניט גערירט. פּלוצעם האָט זי דערהערט לײַכטע קלעפּ אין שויב פון פענצטער.

— אידע, עפן.

אידע האָט פון איבעראשונג זיך געגעבן א וואָרף, אז דאָס קינד איז שיר פון שויס ניט ארויסגעפאלן.

— מארקוס! — האָט זי א שטאמל געטאָן.

אײַליק האָט זי דאָס קינד אָפּגעריסן פון דער ברוסט, אוועק־געלייגט אין בעטל. דאָס קינד האָט דערשראָקן געקוקט אף דער מוטער, פארצויגן די ליפּעלעך און אָנגעהויבן וויינען.

מארקוס איז א דורכגענעצטער ארײַן אין צימער. ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, גלײַך אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס דורכ־געווייקטע רעקל, געכאפּט א האנטוך און זיך אָנגעהויבן ארומ־ווישן.

אידע איז געבליבן שטיין פארלוירן.

דאָס קינד האָט אָנגעהויבן שטארקער זיך רייסן.

מארקוס האָט אידען א מעסט געטאָן מיט זיין בליק און גע־זאָגט:

— בארויִק דאָס קינד, מיר וועלן באלד ריידן.

אידע איז צום בעטל צוגעגאנגען, דאָס קינד גענומען אפ די הענט און דעם געשטופט די ברוסט אין מויל ארייַן. דאָס קינד איז געוואָרן שטיל. זי האָט מיט א פארענדערט קאָל געפרעגט.

— פארוואָס ביסטו געקומען?

— איך וועל דיר באלד דערציילן.

— נייַס?

מארקוס איז צוגעגאנגען צו אידען, ער האָט זיך אייַנגעקוקט אין איר בלייכן פּאָנעם.

— וואָס איז דיר? עפּשער פילסטו זיך ניט גוט?

— גאָרנישט... האָט אידע אין דער שטיל געענטפערט.

— איז וואָס־זשע ביסטו אזוי אומרויִק?

— ווי קען מען ניט זיין צערודערט? דאָס קינד איז ניט גע־זונט, און דו... די שכיינים גיבן איבער, אז הייַנט זייַנען אהער געקומען געהיים־אגענטן. זיי האָבן די שכיינים אויסגעמאָלט דייַנע אויסזען, געפרעגט, אין וועלכער שטוב דו וווינסט.

מארקוס האָט זיין האנט ווארעם ארופגעלייגט אפ איר אקסל און האָט רויִק געענטפערט:

— דו דארפסט זיך ניט באומרויִקן.

— וואָס קען איך טון מיט א צווייכאדאָשימדיק קינד אפ די הענט?

— זאָרג זיך ניט.

אידע איז געבליבן זיצן דעם קאָפּ געבויגן, פארזשמורעט די אויגן, דורך די שמאָלע שפּעלטעלעך געקוקט אָן א ציל.

— נו, מע דארף זיך ניט אופרעגן, מע טאָר זיך ניט פאר־לירן, — האָט מארקוס מיט אן אופגעלעבטן טאָן זי געמונטערט...

איך בין געקומען דיר איבערגעבן, אז דער צענטראַל־קאָמיטעט שיקט מיך קיין פּאָרטאָ־אַלעגרע אַלס פאַראַנטוואָרטלעכן סעקרע־טאַר פונעם ריאָ־גראַנדע־דאָ־סולער פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אידעס פּאָנעם האָט אופגעלעבט, און די אויגן האָבן אופגע־שייַנט. זי איז צופרידן, וואָס זי וועט וווינען מיטן ברודער סימאָן אין איין שטאָט.

— ווען זשע וועלן מיר אָפּפאָרן? — האָט זי געפרעגט.

— אין דרייַ טעג ארום, מיט א שיף וועלן מיר פאָרן.

מארקוס האָט באטראכט זייַן יינגעלע: דאָס יינגעלע איז דער ערשטער אין בראזיליע, וואָס טראָגט לעגינס נאָמען. ער בויגט זיך אייַן, גיט דאָס קינד א קוש, נעמט עס אף די הענט און ווענדעט זיך צו אידען:

— פארליר ניט קיין צייַט, גיב מיר וועש, וועל איך שוין אוועקגיין.

אידען ווילט זיך אים זאָגן: וווּהין וועסטו איצט גיין אין אזא שלעכטן וועטער. זי זאָגט אים אָבער גאָרניט.

— גיי ניט דורכן געסל, גיי בעסער הינטן ארום.

— זייַ רויק, מע זעט איצט ניט אין גאס קיין לעבעדיקן מענטשן.

— מע דארף זייַן פאָרזיכטיק.

— אידע, רעג זיך וויניקער אוף, ווייַל עס שאדט דעם קינד, מע דארף זיך שטארקן, ניט ארונטערפאלן אונטער שלעכטע שטי־מונגען.

די טיר האָט ווידער זיך אופגעמאכט. אידע האָט מיט ווייטעק מארקוסן ארויסגעלאָזט.

מארקוס האָט זיך אייַנגעוויקלט אין זייַן מאנטל, געבליבן שטיין צוגעטוליעט צו א נאסער יונגער פאלמע. ער האָט אייַנ־געשטאָכן אין פינצטער די אויגן און אָנגעשפיצט די אויערן.

דאָס געסל ליגט פארקלעפּט אין טיפן שלאָף, אויסער דאָס זיפצן פון רעגן הערט מען גאָרניט. ער האָט הינטן ארום אוועק־געשפאנט צו דער געהיימער קווארטיר.

אידע איז צו צום פענצטער, זי האָט געקוקט אין דער פינצ־טערער שויב און מאַרקוסן מער ניט געזען. אידע האָט זיך אײַנגעהערט אין דעם דרויסן, איז צוגעגאַנגען צום קינדס בעטל, זיך אַנידערגעזעצט און מיט אַ פוס גענומען וויגן דאָס בעטל.

דער זייגער האָט ווידער אין שטילן צימער געלאָזט זיך הערן מיט זײַן אייגנטאָניקן טיק־טאַק. נאָר איצט האָט עפּעס דער אומרו פון זייגער, וואָס באַוועגט זיך גיך, אידען ניט אויפגערעגט. זי האָט נאָר אַף אים געכאַפּט אַ קוק:

— שוין צוויי דער זייגער...

אידע האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין בעט, אײַנגעשלאָפן. אין ערשטן שלאָף האָט זי דערהערט שטאַרקע קלעפּ אין טיר. זי האָט די אויגן אויפגעריסן, געקוקט אַף דער סטעליע. אויבן אַף דער סטעליע זײַנען געוואָרן נאַסע פלעקן פון רעגן, און געמיינט האָט זי, אַז דאָס אַלץ האָט זיך איר געכאָלעמט. מיטאַמאָל האָט זי דערהערט אַן איבערשמועס אינדרויסן און ווידער פעסטע קלעפּ אין טיר. אידען האָט איצט געפרייט, וואָס מאַרקוס איז ניט גע־בליבן נעכטיקן.

— גוט, וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען...

אידע ווייסט, אַז באַלד וועט מען בײַ איר מאַכן אַן אונטער־זוכונג, אַלץ צעשלײַדערן, צעוואַרפן, נישטערן יעדער קלייניקייט. זי האָט אָנגעהויבן אַף זיך אַרופכאַפּן דאָס אָנטון און אַף די קלעפּ אין טיר געענטפערט:

— וואַרט אַ מינוט, באַלד עפן איך!

# קאפיטל זיבן

## I

די וועבערן זשוואנע ליגט אין בעט. זי איז וואך. נעבן איר אין זעלבן בעט ליגט די מוטער און די צוויי קינדער, איינע אין דער צווייטער איינגענירעט. זשוואנע נעמט ניט קיין שלאָף, זי ליגט מיט אָפענע אויגן אינדערפינצטער. דער גאנצער טאָג איז אוועק אין ארומלויפן איבער לאנגע גאסן זוכן ארבעט, אירע אויסגעהאָרעוועטע גלידער ליגן מיד, ווי זיי וואָלטן מיט בליי זיין אָנגעגאָסן. די וועב־שטול אין פאבריק האָט איר יוגנט איינגעשלונגען... זי זעט — יעדעס יאָר א צוזאמענגעשלאָסן רינגעלע אין דער לאנגער קייט פון ליידן.

— ניט געהאט קיין איין גוטן טאָג אין לעבן, — טראכט זשוואנע, — פון צען יאָר אָן האָט די פאבריק מיך באגינען איינגעשלונגען, און ווען זון איז שוין לאנג פארגאנגען, מיך א מידע אויסגעשפּיגן...

זי טרייבט אוועק דעם געדאנק, ווי מע טרייבט אוועק א פליג פון א פארוווּנדעטע אָרט. באלד האָט א פּלי געטאָן אן אנדער געדאנק, אז זי זאָל שוין אופשטיין און גיין צו דער טעקסטיל־פאבריק, ס'פאָדערן זיך דאָרט צוואנציק ארבעטער. א פונק האָפענונג האָט א בלישטשע געטאָן און באלד אין עלנט זיך אויסגעלאָשן, זי איז אלץ אומרויִקער געוואָרן, האָט א מורמל געטאָן:
הײַנט זאָל איך כאָטש קריגן ארבעט!...

דער מוטערס פּאָנעם איז געל, ווי וואקס, איר פּאָנעם איז ווי א געלער פלעק אין שווארצן אָנגעגאָסענעם צימער. זי שלאָפט. יעדער שאָרך וועקט זי אוף. זשוואנעס אומרויִקייט האָט צו איר

דערגרייכט. זי האלט די אויגן פארשלאָסן, און פארשלאָפן פרעגט זי:

— מײַן קינד, דו שלאָפסט ניט?

— ניין, איך קען ניט שלאָפן!...

— שלאָף, שלאָף!

ניט ווײַט פון זייער בעט שלאָפט זשוואנעס ברודער לעאָנארדאָ, זשוזעפינעס עלטסטער זון. ער איז א הויכער, מאָגערער, מיט צוויי פעסטע הענט. ער אָטעמט שווער, מיט א שטארקן כראָפען. אף דעם בארג אינדיאנא איז לעאָנארדאָ דער רײַכסטער פון אלע. ער איז פון די, וואָס ארבעטן נאָך צוויי טעג אין וואָך. די רייד פון דער מוטער און שוועסטער האָבן לעאָנארדאָן אופגעוועקט. ער האָט בייז געוואָרטשעט:

— הערט אוף ריידן, לאָזט שלאָפן!

צוריק איז דאָס כמורנעדיקע שטיבל אײַנגעהילט געוואָרן אין א טיפער שווײַגעניש.

קאיאָר. זשוואנע האָט פארענדיקט זיך ארומוואשן. זי האָט אײַלנדיק זיך געלאָזט גיין צו דער פאבריק.

אף דעם בארג אינדיאנא שטייען באראקלעך, קליינינקע, געהאָרבעטע, צונויפגעקלאפטע פון ברעטלעך. אין די באראקלעך האָט דער הונגער זיך אײַנגעבירגערט. נאָך א שלעכט אָפגעשלאָפענער נאכט, ציִען זיך די ארבעטלאָזע אף די שמאָלע אויסגעדרייטע וועגעלעך, זיי שפאנען בארג־אראָפ אין א שרעקעוודיקער אײַלעניש.

זשוואנע גייט מיט א פאראקשנטן שווײַגן, פארזונקען אין אירע מאכשאָוועס, מוירעדיק גיך שטעלט זי שווערע טריט.

— עפשער הײַנט וועט זיך א קוינע אָפזוכן אף די פאָר הענט!..

איבער נאכט איז באם טויער פון טעקסטיל־פאבריק אויסגעוואקסן א ריזיקער מענטשן־וואלד. אף דער שטילער טונקעלער גאס, וואָס ליגט לעבן דער פאבריק, שטייען די ארבעטלאָזע, אָנ־

געגאַסן מיט אומרויִקייט. יעדער איינער איז געקומען מיטן גע־
דאַנק זײַן דער ערשטער, איינער פון די צוואַנציק, וואָס די פאַב־
ריק פאָדערט. אַף יעדן איינעם פון דער געפאָדערטער צאָל זײַנען
געקומען הונדערט; צוויי טויזנט אַרבעטלאָזע רוקן זיך נעענטער
צום טויער.

אַן אימפּעטיקער געדויש פון הונגעריקע מענטשן!..

זשוואַנע שטייט באַם טויער אַ צוגעפּרעסטע, פון הונגער ציִען
די פיס צו דער ערד, פון שטופּעניש איז דאָס ציצענע קליידל
אויבן באַ די ברוסטן פאַנאַנדערגעשפּליִעט, איר טונקל בלאַסער
פּאָנעם איז אַראָפּגעלאָזט.

— ער דערלעבט גאָרניט קומען!

— אָ, ביטערע צײַטן... פון טאָג צו טאָג ווערט ערגער!..

— ס'קען שוין ערגער ניט ווערן, ווי ס'איז! — האָט עמעצער
מיט פאַרביטערונג געענטפערט.

פון דער זײַט פּאַלאַץ, נעבן דער פאַבריק, האָט אַ טיר זיך
געעפנט און אַף דעם באַלקאָן האָט זיך באַוויזן דער דירעקטער.

— ווער האָט געשיקט נאָך אײַך?

— מיר זײַנען געקומען לויט דער מעלדונג אין דער צײַ־
טונג!

— איך האָב שוין צוגענומען אַרבעטער! — די ווערטער האָבן
אַ שניט געטאָן די מויכעס.

אַ װעכטער האָט אַף דעם טויער אויפגעהאַנגען אַ שילדל:
„קיין אַרבעטער ווערן ניט אָנגענומען".

זשוואַנע גייט פאַרזיכטיק אַף אַ זײַטיק געסל באַרג אַראָפּ. זי
האָט זיך קוים אַרײַנגעשלעפּט צו מאַרקוסן אין צימער.

מאַרקוסן און אידען האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די
בלאַסקייט פון זשוואַנעס געזיכט.

זשוואַנע עפנט די אויגן און מיט אַ שוואַך קאָל זאָגט זי:

— איך וויל עסן...

אידע האָט האַסטיק איר דערלאַנגט עסן.

— דו ווייסט, זשוזאנע, — זאָגט מארקוס, — דער פּרוויען־קאָמיטעט האָט באשטימט, אז דו זאָלסט פאָרן קיין פּילאָטעס, קעדיי דאָרטן אָנצופירן מיטן הונגער־מארש.
— ווער נאָך פאָרט?
— איך און מאגועל!
— ווען פאָרט מען?
— מאָרגן באגינען.
מארקוס האָט לעבן איר אוועקגעלייגט א פרישן אופרוף, וואָס דער פּארטיי־קאָמיטעט האָט צוגעגרייט צו דער דעמאָנסטראציע אין פּילאָטעס. זשוזאנע האָט דעם אופרוף דורכגעלייענט מיט די אויגן.
— ס'איז א גוטער אופרוף!
— זשוזאנע, דו ביסט שטארק אָפּגעשוואכט און האָסט אביסל פיבער, — זאָגט אידע, — בא אונדז וועסטו ביז אָוונט איבערליגן, און אפּדערנאכט וועסטו גיין אהיים. איך זע ניט, דו זאָלסט מאָרגן קענען פאָרן.
— איך פאָר!

## II

דער טאָג איז פארקראָכן הינטערן בארג אינדיאנא און אפן זוים פון הימל די לעצטע שטראלן אויסגעהויכט. די נאכט איז צוגעפאלן. די בּאראקלעך זיינען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט פינצטער.
זשוזעפּינע האָט זיך אראָפּגעזעצט אף דער שוועל, בא דער אָפענער טיר.
אף דער ערד ניט וויַיט פון זשוזעפּינען ליגן אין שמאטעס צונויפגעדרייט די דרײַ קינדער. די קינדער האָבן געוויינט, געבעטן עסן און אײַנגעדרימלט.
ס'איז שטיל, קיין מינדסטער רויש, אויסער דעם מאָנאָטאָנעם קלאַפּן פון דעם אלטן זייגער. די נאכט האָט אפן בארג זיך טיף אָנגערוקט, און פון יאם האָט א קאלטער ווינט געבלאָזן. זשוזעפּינע

זיצט אפ דער שוועל און קוקט גלאט אין דער וועלט אריין. דער הונגער האָט איר ווידער דערמאנט, אז זי האָט א גאנצן טאָג ניט געהאט אין מויל... זי ווארט אפ זשוואנען. פון באגינען אָן איז זי אין שטוב ניט געווען.

— עפשער האָט זי שוין עפעס געפונען ארבעט!

זשוזעפינע האָט זיך אופגעהויבן און געלאָזט זיך גיין צו דעם דערבייַיקן, שכייניש באראקל, ווו א קליין פּייַערל לויכט ארויס. פלוצעם האָט זי אינמיטן וועג אָפּגעשטעלט א רוף:

— מאמע!

זשוזעפינע בלייַבט שטיין, זי דערקענט דער טאָכטערס קאָל.

— דו, זשוואנע?

— יאָ.

ביידע גייען צוזאמען און שווייַגן. א פראגע, א געמישטע פון האָפענונג און צווייפל, האָט צעריסן דאָס שווייַגן:

— וואָס אזוי שפּעט, געקריגן ארבעט?

— ניין.

אינעווייניק אין שטיבל ברענט ניט קיין לאָמפּ. זשוזעפינע האָט זיך אוועקגעלאָזט צום פענצטערל זוכן די שוועבעלעך, אירער א קרעכץ האָט זיך אייַנגעשניטן אין דער שטילקייַט.

— אן אומגליק... האָט אונדז געטראָפן...

— וואָס איז געשען? — פרעגט זשוואנע.

זשוזעפינע האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל. די בלאסע שייַן האָט באלויכטן דאָס ליידיקע באראקל.

זשוואנע איז געבליבן שטיין אומבאוועגלעך. זי האָט דער־שטוינט געקוקט.

— ווו איז אונדזער מעבל?!

זשוואנע קוקט אפ דער מאמען, אין די אויגן שטייט די פראגע.

איבער זשוזעפינעס וואקסענעם פּאָנעם גליטשן זיך טרערן.

— פון דער קלייט „ציאָנ״ איז מען געקומען מיט פּאָליציי, און פאר גיט צאָלן די לעצטע דריי ראטעס האָבן זיי דאָס מעבל צוגענומען...

זשוואנען האָט די נייס, ווי א גיפטיקע שלאנג, א ביס געטאָן. שווייגנדיק איז זי פון דער מאמען אָפּגעטראָטן, האָט זיך פארוקט אין א ווינקל און אף דער ערד זיך אראָפּגעזעצט. זי האָט מיט די הענט פארדעקט דאָס פּאָנעם און פון אופרעגונג געביסן די אונטערשטע ליפּ.

— דאָס מעבל האָב איך געקויפט אף אנדערהאלבן יאָר אויסצאָלן. כוידעש נאָך כוידעש האָב איך פון עסן געשפּאָרט און געצאָלט. דריי ראטעס זיינען נאָך געבליבן צום באצאָלן... צוגענומען דאָס מעבל...

א קינד האָט פון שלאָף זיך געטשוכעט, אופגעכאפּט מיט א געוויין.

— עסן...

— עסן...

ביידע קערעווען אויס די אָנגעכמורעטע קעפּ, די אויגן לאָזן זיי אראָפּ צו דער ערד, ווו עס ליגן די הונגעריקע קינדער. דער מאמעס בליקן זיינען געבליבן, ווי פארגליווערט.

— וואָס וועט זיין ווייטער ?..

— ! ?

— שוין אומעטום אָנגעבאָרגט, נישטאָ מער, ווו עפּעס צו קריגן אף דערהאלטן דאָס לעבן...

זי האָט ניט דרייסט געפרעגט :

— קיין געלט האָסטו אינערגעץ ניט געקריגן ?

זשוואנע לאָזט זיך בלויז אף א שיף־בילעט און גיט דער מאמען.

— נא, וועסטו קויפן עסן...

— ווו האָסטו גענומען ? — האָט די מאמע א דערפרייטע געפרעגט. איר פּאָנעם האָט געטאָן א לויכט, אין די אויגן — א נייגער.

— געקריגן! — ענטפערט זשוואנע אָפּגעהאַקט.
— מאָרגן גייסטו אויך זוכן ארבעט? — פרעגט די מוטער.
— באַגינענע פאָר איך קיין פילאַטעס.
— וווּהין וועסטו פאָרן? ווו איז דען בעסער?
— איך פאָר ניט זוכן קיין ארבעט. כ'פאָר נאָר אַפּ א וואָך.
— שוין ווידער, — האָט פארזאָרגט די מאמע געזאָגט.
— זאָג מיר, דו פאָרסט איינע אליין?
— מיר פאָרן אין דרײַען, איך און נאָך צוויי כאַוויירים.
— דו ווייסט מיסטאמע, אז א מאמע קלערט איבער, אז דו וועסט אזוי גיך ניט קומען, וועל איך מעשוגע ווערן טראַכטנדיק...
— דו וועסט זיך ווענדן צו אידען, זי וועט דיר שוין וועגן אלץ זאָגן.
דאָס לעמפל האָט אָנגעהויבן טיקן און איז פּאַמעלעך אויסגעגאַנגען. עס איז געווען פינצטער. אַפּ דער ערד ליגט זשוואנע. דער קאָפּ איז מיט א נאסער שמאטע ארומגעבונדן און דער ביינערדיקער גוף איז מיטן אלטן מאנטל צוגעדעקט.

## III

די שיף „רוי־באַרבאָזע" שווימט אין אטלאַנטישן אָקעאַן. דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט, ער באַוועגט גאַנצע וואסער־בערג, די גאַנצע ווילדע קראַפט און ענערגיע פון די אופגעברויזטע כוואַליעס גייט אין אָנגריפ קעגן דער שיף. די כוואַליעס האָבן זיך אײַנגעקאַרבט אין דער רעכטער זײַט שיף, די זײַט האָט זיך אײַנגעבויגן נידעריק אין וואסער ארײַן. די לינקע זײַט האָט זיך אופגעהויבן העכער. שווימט „רוי־באַרבאָזע" הויקערדיק און לאָזט הינטער זיך א שוימיקן פאַס.
די מעוועס, וואָס יאָגן נאָך די שיף, לאָזן זיך אַראָפּ פון דער הימלשער הייך, גראָבן אײַן די שנאָבלען אין שוים, זוכן עסן.
אַפּן דעק פון דריטן קלאַס, אין דער לינקער זײַט, אָנגעשפּאַרט

אינ פּארענטשע, שטייט מארקוס. דער ווינט שמײַסט אים מיט באסקיַיט איבערנ פּאָנעם. נאָכ שווערער אָנגעשטרענגטער פּארטיי־ארבעט איז דער טאָג רײַזע בא אים אנ אָפּרו. ער אָטעמט ארײַנ די יאמישע לופט אונ קוקט אינ ווײַטקייט. פונ זײַנע אויגנ פאר־שווינדנ די פײַערלעכ פונעמ לײַכט־טורעמ, וואָס טוקנ זיכ אונ גיבנ אלעמאָל א בלישטשע. עס איז פונ די אויגנ פארשוווּנדנ דער ערד־ברעג, די ווײַטקײַט האָט צונויפגעגאָסנ דעמ בלויענ הימל מיט דער טונקעלער וואסער. מארקוס האָט זיכ פארקוקט אפ א כוואליע, וואָס רײַסט זיכ פונ דעמ יאמ אפנ דעק ארופ. פּלוצעמ האָט ער דערפילט, ווי הינטער דער פּלייצע שטעכנ אימ א פּאָר אויגנ. ער האָט פּאָרזיכטיק זיכ אומגעקוקט. ער האָט באַ־מערקט, ווי איינער באטראכט דורכדרינגלעכ יעדנ פּאסאזשיר, אונ א כשאד איז בא אימ געוואקסנ, א פּאָרגעפיל האָט אימ אָנגעהויבנ וואָרענענ:

— ער זעט אויס פּארדעכטיק...

דער פארשוינ, וואָס האָט נאָכגעשפּירט די פּאסאזשירנ, איז ארופגעגאנגענ אינ צווייטנ קלאס. ער האָט אראָפּגעבויגנ דעמ קאָפּ אונ אריבערגעשפּאנט די טיר פונ עס־זאל, געמאכט א פּאָר טריט פּאָרויס אונ איז געבליבנ שטיינ. פונדערווײַטנ האָט ער באמערקט דעמ קאָמיסאר פונ דער שיפ. ער איז צו אימ צוגעגאנ־גענ אונ נעבנ זײַנ טישל זיכ אנידערגעזעצט, ארויסגענומענ דאָס נאָטיצ־ביכל, עפּעס פארצייכנט אונ דערנאָכ זיכ געסוידעט מיטנ קאָמיסאר.

די זונ האָט זיכ ארויסגערוקט פונ אונטער א גרויענ וואָלקנ, זיכ אוועקגעשטעלט אינ דער מיט הימל, האָט הייסע, גליִענ־דיקע שטראלנ אראָפּגעשאָטנ אפ דער שיפ.

מארקוס פילט ניט, ווי די זונ ברענט אימ. א פראגע עגבערט זײַנ מויעכ.

— זאָל ער אונדז נאָכפּאָרנ? נאָכשפּיאָנירנ?..

אינ די קאיוטעס פונ דריטנ קלאס הודעט שטארק, אונ די

לופט איז געדיכט געפּרעסט. זשוואַנע איז אין קאַיוטע געבליבן אָפּהיטן די צוויי רייזע־רענצלעך, וואָס זײַנען פול מיט אומלעגאַלע אוצרות. זי ליגט אויפן בעטל מיט קלעפּיקער מידקייט. דער קאָפּ טוט איר ווײ, זי איז ווי פאַרטשאַדעט, און אונטערן האַרצן נודיעט. זי האָט מיט אַלע קויכעס זיך אויפגעהויבן, און שאָקלענדיק זיך, איז זי אַרויף אויפן דעק. עס איז איר עפּעס שטאַרק ניט גוט, זי ווערט גרינג און הייבט אָן ברעכן. אויפן דעק באַמערקט זי מאַרקוסן. איר דינן פּרוויען־קאָל האָט זיך געטאָן אַ קײַקל:

— זשעקאַ! קום אַהער!

מאַרקוס איז צו זשוואַנען צוגעגאַנגען.

— דו האָסט פאַרגעסן, ווו דו געפינסט זיך, — האָט ער מיט פאַרוואָרף געזאָגט, — מיר האָבן דאָך עפּעס געשמועסט, אַז מײַן נאָמען איז מאַוריסע קעלער.

— דער קאָפּ גייט מיר כאַראָם... האָסט רעכט.

זשוואַנע וויל עפּעס זאָגן, נאָר זי האַלט זיך אָפּ, זי קערעוועט זיך אויס מיטן פּנים צום יאַם און קוקט אין דער זײַט.

— ווילסט עפּעס זאָגן?

— איך פיל זיך ניט גוט, אין קאַיוטע הוידעט שטאַרק, אַזוי דושנע, עס איז אומעגלעך דאָרט צו זיצן. לאָז די רענצלעך ניט אָפּגעהיט — טאָרן מיר ניט.

— ווו איז מאַנועל?

— ער איז ניט מיט דיר?

— ניין.

— ווו זאָל ער זײַן?

— כ'ווייס ניט.

— מיר דאַרפן זײַן פאָרזיכטיק, — וואָרנט מאַרקוס, — אַ פאַרדעכטיקטער מענטש איז ערשט ניט לאַנג דאָ געשטאַנען, ער האָט זײַנע בליקן פאַרוואָרפן אויף מיר...

מיטאַמאָל האָט זשוואַנע אויפגעוואַכט פון דער פאַרגליווערטקייט, די אויגן אײַנגעגראָבן אין מאַרקוסן.

— וואָס, אַנ אַגענט אַפּ דער שיפּ?
— מיר דאַרפנ זיכ האַלטנ פונדערווײַטנס.
— ריכטיק.
— זשוואַנע, בלײַב דאָ, דו פילסט זיכ ניט גוט, איכ גיי אינ קאַיוטע.
— גוט.

פונ אַנדערנ עק דריטנ קלאַס גייט לאַנגזאַמ מאַנועל אונ פײַפט אויס אַ לידל. ווענ ער האָט פונווײַטנ באַמערקט, ווי זשוואַנע זיצט אײַנגעקאָרטשעט, האָט ער געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס צו איר. אַ קליינער שמייכל האָט זיכ פאַרגאַנוועט אַפּ זײַנ פּאָנעמ.

— וואָס איז דיר זשוואַנע, געפּאָרנ קיינ ריגע?

זשוואַנע האָט געקוקט אַפּ מאַנועלנ אונ אומצופרידנ געענטפערט:

— ס'איז דאָ פונ וואָס צו לאַכנ? ווו ביסטו געווענ?
— איכ בינ געזעסנ מיט אַ גרופּע באַקאַנטע אַרבעטער אַפנ אַנדערנ עק.
— מאַנועל, ס'איז אַ סוואָרע, אַז מיר האָבנ דאָ אַ „באַגליי־טער״...
— איכ ווייס, איכ האָב אימ פריִער פונ די אויגנ ניט אַרויס־געלאָזט, כ'האָב באַמערקט ווי ער האָט מיטנ קאָמיסאַר געפירט אַ געהיימניספולנ שמועס. מיר דוכט, אַז ער איז אַ פּאָרטאָ־אַלעגרער.

זשוואַנע האָט זיכ געגעבנ אַ כאַפּ:

— אַ פּאָרטאָ־אַלעגרער!..

אַפנ דעק איז טומלדיק. די פּאַסאַזשירנ ריידנ הויכ איינער מיטנ אַנדערנ. דער געשריי פונ צעקלאַפּטע וואַסער־בערג גיסט זיכ צונויפ מיטנ געפילדער פונ מענטשנ.

מאַנועל האַט זשוואַנענ שטיל אײַנגערוימט:

— דאָ אַרבעט אַ מאַטראָס, אַ פּאַרטייער, וואָס האָט געדינט אינ ריִאָ אַפּ אַ קרייסער, ער וויל זיכ זענ מיט מאַרקוסנ. — מאַנועל כאַפּט אַ קוק אַרומ זיכ אונ גאָר שטיל גיט ער צו:

— אין א האַלבער שאָ ארום וועט ער זײַן בא אונדז אין קאיוטע. ער האָט אונדז זייער וויכטיקס צו דערציילן.

— דו ביסט מעשוגע? איצט, ווען א פאַרדעכטיקטער איז פאַראַן אף דער שיף!

— זײַ רויִק.

אפן דעק פון צווייטן קלאַס האָט זיך באַוויזן דער פאַרדעכטיקטער, ער איז קלוימערשט פאַרטאָן אין רויכערן. זײַנע בליקן האָבן נאָכגעשפּירט די מינדסטע באַוועגונג פון די מענטשן און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף זשוואַנען. מאַנועל האָט דאָס באַמערקט. איבער זײַן פּאָנעם לױפט דורך א טונקעלער וואָלקן און פאַרשווינדט. ער ווענדט זײַן בליק אפן יאַם און רעדט ווי צום וואַסער:

— דער אַגענט איז שוין ווידער דאָ. ער קוקט אף אונדז, דריי זיך ניט אוים.

זשוואַנע האָט דעם בלייכן, צערודערטן פּאָנעם אָנגעשפּאַרט אף די הענט, זיך ניט אומקוקנדיק, געענטפערט:

— גיי שוין אַוועק, זאָל ער אונדז ניט זען אינאיינעם.

— וווּ איז זשעקאַ?

— אין קאַיוטע.

זשוואַנע איז געבליבן זיצן אַליין.

אין קאיוטע זײַנען פיר אײַזערנע בעטלעך צוגעשמידט. די בעטלעך שטייען צו צוויי אין א ריי — איינס אף דעם אַנדערן. אף אַן אונטערשט בעטל ליגט מאַרקוס און ענדיקט דעם ניט דערלייענטן בוך — „צעמענט". דאָס בוך האָט מאַרקוסן אינגאַנצן פאַרכאַפּט. עס שווימען אוּפ בילדער פון דער רוסישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ער זעט די בילדער אַזוי בוילעט, ווי ער וואָלט זיי זען אין דערווירקלעכקייט.

די טיר פון קאַיוטע האָט זיך געעפנט. עס איז אַרײַנגעקומען מאַנועל, נאָך אים זשוואַנע. מאַרקוס האָט זיך געגעבן א כאַפּ.

— נײַעס?

מאנועל דערציילט מארקוסן מיט אלע איינצלהייטן וועגן געהיים־אגענט, דערנאך וועגן מאטראס. בא מארקוסן עפענען זיך ברייט פאנאנדער די ווייס, ער קוקט אפ די רענצלעך.

— דא איז ניט זיכער...

איג קאיוטע ווערט שטיל. זיי באראכן זיך. לאנגזאמע טריט פון קארידאר האבן זיך צו זיי דערטראגן. זיי קוקן זיך איבער און הערן אופ ריידן. די טיר האט זיך געעפנט, און אפן שוועל האט זיך באוויזן א מאטראס.

— קום אריין געשווינד, — האט מאנועל א רוף געטאן.

א נידעריקער מולאט איז אריינגעקומען אין קאיוטע, ער איז געבליבן שטיין צווישן די צוויי רייען בעטלעך. בא דער ברוסט איז דאס העמדל צעשפיליעט. עס קוקט ארויס א געקרייזלטער האר־וואלד, די ארבל זיינע איבער די עלנבויגן פארקאטשעט, צוויי בראנזענע הענט האלטן זיך אן אין אויבערשטן בעטל. אז ער האט געכאפט מיט די אויגן מארקוסן, האט ער מיט א צו־פרידענעם קאל אויסגעשריגן:

— זשעקא!..

מארקוס האט זיך געגעבן א ריס פון בעטל. דער קאל איז אים באקאנט, ער קוקט אפן מאטראס.

— ניט דערקענט?

— א, פעדרא!

צוריק מיט אכט כאדאשים האט פעדרא געארבעט מיט מארקוסן צוזאמען אין ריא־דע־זשאניירער פארטיי־קאמיטעט. זיי האבן אפט זיך געטראפן בא געמיינזאמער ארבעט... שוין זיבן כ'יט א האלבן כוי־דעש, אז זיי האבן זיך ניט געזען, א כוואליע פון פרייד האט פעדראן באַ־הערשט, ער האט מארקוסן ארומגענומען, געדריקט צו זיך. איי־נער האט דעם צווייטן איבער דער פלייצע לייכט געקלאפט.

פעדרא שמייכלט:

— איך בין געגאנגען זיך זען מיט'ן כאווער מאוריסא קעלער, האב איך גאר געטראפן דיך, זשעקא. עך, דו געדענקסט די ניק־

טערויער פארטיי־קאָנפערענצ? די פאָליציי האָט דאָס שטיבל ארומגערינגלט און מיר זײַנען דורך דעם פענצטער אנטלאָפן.

— ווי קאָן מען אזוינס פארגעסן? — האָט מארקוס געענטפערט.

מארקוסן איז קאלט געוואָרן אין אלע גלידער, ער האָט דער־זען, ווי פעדראָס קאָפּ געקרײַזלטע שווארצע האָר איז געפלאָכטן מיט ווײַסע. די אויגן האָבן זיך פארוקט טיף אונטער די ברעמען און דאָס אײַנגעדארטע פּאָנעם דריקט אויס ליידן...

— פעדראָ, וואָס איז מיט דיר?

פעדראָ האָט אופגעצ־יטערט, א שטארקער הוסט האָט אופגע־וועקט דעם ווייטעק זײַנעם...

— זעקס כאדאָשים פּײַניקונגען האָבן מײַנע האָר געמאכט גרוי... דעם קערפּער צעבראָכן...

— דו ביסט געווען ארעסטירט! — האָט מארקוס זיך א כאפּ געטאָן.

פעדראָ וויל איצט ניט ריידן וועגן די אייגענע איבערלעבונ־גען. ער האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט און איז אריבער אפּ א צווייטן שמועס.

— ווי קומסטו אהער, זשעקא?

— אין ריאָ־דע־זשאנייראָ, — האָט מארקוס געענטפערט, — האָב איך שוין ווײַטער ניט געקענט ארבעטן. האָט מען מיך געשיקט אלס סעקרעטאר פון פארטיי־קאָמיטעט אין ריאָ־גראנדע־דאָ־סול.

פעדראָ איז צו מארקוסן צוגעגאנגען און אפּן בעטל זיך אראָפּגעזעצט.

מארקוס האָט פּאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט מוירע האָבן עמעצן פון דער שכײנישער קאיוטע אופצוועקן, געזאָגט:

— אן אגענט... וואָס טוט מען מיט אָט די צוויי רענצלעך?

— איר זײַט זיכער?

— איך האָב אים דערקענט, — זאָגט מאנועל.

באלד זײַנען פאר פּעדראָן ארויסגעוואקסן די צוויי רענצלעך. ער בלײַבט זיצן שווײַגנדיק, ווי ער וואָלט זיך פארטיפט אין אן ארבעט.

— די צווײ רענצלעך נעם איך אפ מײַן פאראנטוואָרטלעכקײַט. אונדזערער א יאמ־מענטש וועט זײ שוין ווי ס'ניט איז פון דער שיף אראָפּנעמען, זײַט איר נאָר פּאָרזיכטיק, באַם אראָפּשטײַגן זאָלט איר זיך האלטן באַזונדער.

א פרײדיקער ציטער איז איבער דרײַ קערפּערס דורכגעלאָפן. באַ זשוואנען איז מיטאמאָל פארשוווּנדן דער קאָפּ־ווײטעק און אונטערן הארצן איז איר עפּעס גרינג געוואָרן.

מאַנועל קען ניט אײַנזיצן אפ אײן אָרט, עס אינטערעסירט אים שטארק צו וויסן פון פּעדראָס איבערלעבונגען, ער בעט אים:

— דערצײל, וואָס הערט זיך באַ אונדזערע יאמ-כאווײרים!

— איך קען אײַך דערצײלן פון אונדזער לעבן אפ די קרײסערס.

— ביטע, דערצײל!

פּעדראָ פארטראכט זיך. ער שווײַגט און פון אומרו בײַסט ער דעם פּאפּיראָס.

עס דערמאָנט זיך מיר:

— מיר האָבן זיך געהאט דערוווּסט, אז דורך די וואסערן פון ריאָ־דע־זשאנײראָ פאָרט מאָרגן דורך די סאָוועטישע שיף „Товарищ“. זי פאָרט קײן ארגענטינע. די נײַס האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די קרײסערס, ווי א שטורעם.

אין דער שפּעטער נאכט האָבן די טעלעגראפ־אפּאראטן אָן אופהער געקלאפּט. קלײנינקע צײכנס, פון דעם הויפּט־שטאב פון ארסענאל, האָבן זיך אויסגעצויגן אין שורעס אפ ווײַסן פּאפּיר. אין די קאנצעליאריעס האָט מען זיך געסוידעט און באַשלאָסן: „ווען אין די היגע וואסערן וועט זיך באַווײַזן די סאָוועטישע שיף, זאָל מען אפן דעק קײן מאטראָס ניט ארופלאָזן.

ווען אפן ווײַטן האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן די קאָנטורן פון דער שיף „Товарищ“ זײַנען אלע מאטראָסן ארופ אפן דעק. אז מיר האָבן נאָענט דערזען די סאָוועטישע פאָן, האָבן מיר פאר פרײד געציטערט... און אײן מאטראָס האָט פארזיכטיק פון קעשענע ארויסגעצויגן א רויט טיכל, מיט דעם אין

דער לופטן געפּאַכעט, זיי, די סאָוועטישע מאַטראָסן, באַגריסט...
די אָפיצערן האָבן געזאָדן פון צאָרן.
פּעדראָ איז אַנשוויגן געוואָרן. אויף זיין פּנים איז אויסגע־וואַקסן אַן אויפרעגונג, און קליינינקע געדיכטע פּעלדעלעך האָבן זיין פּנים צעאַקערט. נערוועז צינדט ער אָן אַ שוועבעלע און טראָגט עס אונטער צום פאַרלאָשענעם פּאַפּיראָס.
פון יענער זייט וואַנט האָט דער בעהאַלטיקער ווידערקלאַנג פון כוואַליעס זיך אַריינגעריסן אין דער שטילקייט, וואָס האָט זיך צעשפּרייט אין קאַיוטע. פּעדראָ האָט זיין בליק אויפגעהויבן צום קליינעם פּענצטערל, ער האָט זיך צוגעהערט צום רודער פון ברויזנדיקער וואַסער.
מאַרקוסעס אויפגעהויבענע אַקסלען האָבן זיך אַ שאָקל געטאָן. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן אומרויִק, ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מאַנועלן און געזאָגט שטילערהייט:
— גיי אַרויף אויפן דעק, זע צי מע פאַרלייגט ניט קיין נעץ...
בײַ מאַנועלן האָט ניט ווילנדיק זיך אַרויסגעכאַפּט:
— וואָס עפּעס איך?
מאַרקוסעס ברעמען האָבן זיך צונויפגעצויגן. שאַרף מעסט ער אים אָפּ, און וואָגיקע ווערטער וואַרפט ער אים צו:
— אַ שיינער אונטערערדישער טויער!
— זשוואַנע האָט ביייז באַמערקט:
— דו ביסט ווייניקער פון אונדז פאַרדעכטיק:
— איך גיי, — ענטפערט אומצופרידן מאַנועל.
איבערן דעק פון ווינקל צו ווינקל גייט מאַנועל און זינגט זיך צו אַ לידל, קעדיי ניט אַרויסרופן קיין כשאַד. מיט געניטע אויגן נישטערט ער, און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן הערט ער זיך צו צו די רייד. אַז אַלץ האָט אים אויסגעזען רויִק, האָט ער זיך אומגעקערט אין קאַיוטע.
— דער דרויסן איז רויִק, אונדזער „באַגלייטער“ זיצט אין

ערשטנ קלאס. די שיפ האָט פּארשפּעקטיק אפ צוויי שאָ. ערשט אכט דעמ זייגער אינאָוונט וועלנ מיר זייַנ אינ פּילאָטעס.

— נאָכ גוט, וואָס נאָר אפ צוויי שאָ, אזא אומרויִק וואסער פארהאלט אמאָל אפ מער, — ענטפערט פעדראָ.

— נו, פעדראָ, איצט זעצ פאָר, — בעט מאנועל.

— מיכ מיט נאָכ דרייַסיק מאטראָסנ האָבנ זיי ארעסטירט.

— איצט יעדנ מאָל, ווענ די שיפ אנקערט אינ ריִאָ־דע־זשאַ־ניירא, טרעפ איכ זיכ מיט די מאטראָסנ פונ דעמ קרייסער. אונד־זערע קעמערלעכ האָבנ זיכ אפ די קרייסערס צעוואקסנ.

פעדראָ האָט זיכ אופגעהויבנ, — נישטאָ קיינ צייַט, איכ גיי.

ער איז אוועק באזאָרגנ די רענצלעכ.

נאָכ אלצ קוקנ זיי אינ דער ריכטונג פונ דער טיר, ווו פעד־ראָ איז פארשוווּנדנ.

מארקוס איז פונ בעטל אופגעשטאנענ, ער איז ארופ אפנ דעק. דער אָוונט איז אָנגעקומענ, זיכ אוועקגעשטעלט אפ דער גרע־נעצ — צווישנ טאָג אונ נאכט. ניט ווייַט פונ דער שיפ האָט זיכ דער האָריזאָנט אראָפּגעזעצט אפנ וואסער. בא דעמ הימלשנ ראנד האָט דער רויט־צעגליטער מייַרעוו פארברענט א שטיק יאמ. פונ דאָרעמ־זייַט האָבנ זיכ אָנגעהויבנ באוועגנ שטיקער וואָלקנס, זיי האָבנ זיכ אפנ האָריזאָנט געצייכנט אינ בערג, אינ פארשיידענע פאָרמענ, ארומגענומענ מיט א גאָלדענעמ זוימ. די בערג האָבנ דעמ גליִענדיקנ זוימ מיט א טונקעלנ הייטל איבערגעצויגנ. די נאכט האָט אָנגעהויבנ פאמעלעכ צו פאלנ.

מארקוס קוקט, אונ אינ זייַנ זיקאָרנ שווימענ אופ געשע־ענישנ, באזונדערע איבערלעבונגענ אונ געשטאלטנ פונ כאוויי־רימ. פלוצעמ האָט אימ אינ די אויגנ געגעבנ א בלישטשע א יאמ מיט קליינע עלעקטרישע פייַערלעכ. פונוויַיטנ האָט זיכ באוויזנ א ליכטיקע שטאָט אונ עס האָט זיכ דערטראָגנ צו זייַנ אויער:

— פּילאָטעס.

# IV

אינדערפרי, ווי נאָר זשאָזע אַליוועירע האָט געעפֿנט די טיר פון צימער, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַ פּאָר זוכנדי־קע אויגן פון אַ טעלעגראַמען־טרעגער.

— ווּעמען זוכט איר? — טוט ער אים אַ פרעג.

אַ באַוועגלעכ שוואַרצ יאַטל איז צו אים נעענטער צוגעגאַנ־גען. זיינע שוואַרצאַפּלען זיינען איינגעבויערט אין אַן אַדרעס פון אַ טעלעגראַמע.

— אַליוועירע.

— ביטע.

אף דעם ברוינעם אָפּגעברענטן פּאָנעם האָט זיך דורכגעקייקלט אַ צופרידנקייט, און אַ געדאַנק איז דורכגעלאָפן: פון „זשעקען". ער נעמט די טעלעגראַמע, גייט געשווינד אריין אין צימער און הייבט אָן לייענען.

„די באַשטעלטע סכוירע ארויסגעשיקט מיט דער שיף „רוי־באַרבאָזע". לעאָן."

— הייסט עס, זיי זיינען ארויסגעפאָרן, זיי קומען!

באַלד האָט ער די טיר פון זיין צימער צוגעשלאָסן און זיך געלאָזט גיין פרעגן, ווען די שיף וועט אין פּאָרט אָנקומען. גיי־ענדיק האָט ער די כאַווירים געגעבן צו וויסן פון דער טעלע־גראַמע.

...עס איז שוין צוויי שאָ זינט אַליוועירע און די נייטערב מאַריקאַטע זיינען געקומען צום האַפן זיי באַגעגענען. זיי דרייען זיך אַרום וואַרטנדיק — דאָס געדולד פאַרלוירן. זיי זעצן זיך צו אף אַ בענקל, קוקן אָנגעשטרענגט אין דער יאַמישער ווייטקייט.

עס האָבן אַ בלישטשע געטאָן קליינינקע שטערנדלעך.

— די שיף — האָט מיט פרייד מאַריקאַטע אויסגעשריען.

די שיף איז לאַנגזאַם געקראָכן, צוגעשווומען צום פּאָרט און זיך אָפּגעשטעלט. אַ הייב־קראַן האָט אָנגעהויבן זשומען,

ער האָט א הייב געטאָן א ברייטן לייטער. דער לייטער האָט פאר־ייניקט דעם ערד־ברעג מיט דער שיף.

באם אראָפּגאנג פון דער שיף שטייט דער געהיים־אגענט, כּוֹנוויִיטן האָט מארקוס אים באמערקט, אן אומרויִקער ציטער איז איבער אים דורכגעלאָפן. ער האָט צונויפגעלייגט זיין מאנטל, אים פארוואָרפן אפן אקסל, ווי א דערפארענער מענטש, רויִק צוגעגאנגען און געוויזן דעם פאס. אז ער האָט דערהערט „ביטע! איר קענט גיין", איז מיט אמאָל זיין טראָט געוואָרן שנעלער, ווי ער וואָלט מוירע געהאט, יענער זאָל ניט כאראָטעווען.

מאנועלן האָט דער אגענט מיט פארדאכט אָפּגעמאָסטן.

— אייערע פאפירן ?

— ביטע.

— איר קענט גיין.

צו זשוואנען האָט ער מיט א סארקאסטישן שמייכל זיך געווענדעט:

— הא, איר זיינט אויך דאָ, וווּהין פאָרט איר ?

זשוואנע האָט א צי געטאָן מיט די אקסלען און אָפּגעהאקט געענטפערט :

— צו פריינט.

— איך פארהאלט אייך אפּ אן אויספאָרשונג...

— מיט וואָס פארא רעכט ? — האָט זשוואנע געפרעגט.

— איר וועט זיך שוין דערוויסן !

נעבן דער שיף, אפן ברעג, שטייען איינינעם מארקוס, מאנועל, פעדראָ מיט די רענצלעך, און די, וואָס האָבן זיי אָפּגעווארט. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אז זשוואנען האָט מען פארהאלטן, האָבן זיי זיך איילִיק אָפּגעטראָגן.

די סירענע האָט דורכגעשניטן די נאכטישע שטילקייט. פעדראָ איז געלאָפן פון ארבעטער־געגנט. ער איז צופרידן, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן דורכשמוגלען די רענצלעך.

# V

אין א לאנגן פינצטערן קאָרידאָר האָבן פיר פּאָר פיס גע־שפאנט מיט אײַליקע, שטילע טריט און נעבן א טיר זיך אָפּגע־שטעלט. זשאָזע אַלוועירא האָט אופגעשלאָסן די טיר און אָן א מינדסטן רויש געעפנט. ער האָט אפגיך ארײַנגערוימט: גייט ארײַן. זיי האָבן מיט א ניט זיכערקײַט אין דער פינצטער ארײַנ־געשפאנט און זײַנען ניט ווײַט פון דער טיר געבליבן שטיין. זשאָזע האָט האסטיק א כאפּ געטאָן די צוויי רענצלעך, איבער דעם שוועל זיי אריבערגעשטעלט, די טיר צוגעמאכט. א ווײַלע איז ער געבליבן שטיין, שווער געאָטעמט און מיט א האנט אָפּגע־ווישט דעם שווייס פון פארשוויצטן פּאָנעם.

ווי נאָר ער האָט אופגעדרייט די עלעקטרע, האָט דורך דעם פענצטער, וואָס איז געווען פארהאנגען מיט א צײַטונג, די ליכט אין דרויסן אָנגעהויבן שימערירן. דער ליכטיקער אָפּשײַן, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן, האָט געוווּנקען צו א גרופּע אר־בעטער, וואָס זײַנען געזעסן אף א באנק, ניט ווײַט פון פענצטער. צונויפגעצויגענע אויגן האָבן מיטאמאָל זיך ברייט פאנאנדער־געעפנט.

— זיי זײַנען שוין געקומען.

— געקומען.

די ארבעטער האָבן זיך אופגעהויבן, ארומגעקוקט, צוגעהערט צו דער טיף־אײַנגעשלאָפענער גאס און פאָרזיכטיק זיך צוגערוקט צום פענצטער. א הויכער און דארער ארבעטער האָט זיך אף די שפּיץ פינגער אופגעשטעלט, אויסגעשטרעקט א האנט, אין שויב געגעבן א קראַץ.

זשאָזע האָט זײַנע אויגן א קער געטאָן צום פענצטער. די געדיכטע ברעמען האָבן זיך פארשנורעוועט, די אויערן זיך אָנ־געשפּיצט.

— א קאַץ? א ווינט?

א צווייטער קראַץ האָט זיך דערהערט.

— עמעצער איז אונטערן פענצטער! — האָט מאַרקוס געזאָגט.

זשאָזע איז צום פענצטער צוגעגאַנגען. א פּאַסמע שוואַרצע האָר האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אף אַן אויג, מיט א שנעלער באַוועגונג האָט ער די האָר פון אויג אַוועקגעשאַרט. ער האָט פּאָרזיכטיק אופגעהויבן פון פענצטער א האַלבע צייטונג, זיין פּאָנעם קוקט אַרויס דורך א שויב, די געדיכטע פינצטערניש האָט מיט א נעפּל זיינע בליקן פאַרצויגן.

— זשאָזע, עפן אוף.

ער האָט זיך אומגעקוקט אין צימער אַריין.

— כאַוויירים זיינען געקומען...

די אַרבעטער האָבן באַלד באַמערקט אַן אָנגעשטרענגטע שטימונג.

— וואָסי ?

— די כאַווערטע זשוואַנען האָט מען באַם אַראָפּגיין פון שיף אַרעסטירט.

די נייַס האָט זיי געגעבן א שניט איבערן לייַב.

מאַרקוס האָט באַטראַכט די גרופּע אַרבעטער, ער האָט איבערגעריסן די אָנגעצויגנקייט :

— גוט, וואָס איר זיינט געקומען. מירן א שפּאַציר טון איבערן שטאָט, די גאַסן באַקלעפּן מיט די אופרופן.

— ווי שפּעט איז איצט ?

האַלב צוויי.

— מיר דאַרפן זיך צוטיילן, די נאַכט אַנטלויפט.

מאַרקוס האָט אופגעשלאָסן א רענצל און געזאָגט :

— דאָס דאַרף מען צעקלעפּן...

אין איין אויגנבליק זיינען זייערע הענט געוואָרן פול מיט אופרופן.

## VI

די טיפע נאכט האָט מיט א געדיכטער פינצטערניש די גאסן פארצויגן. אפ דעם הימל האָבן זיך אָנגעזאמלט שטיקער כמארעס, זיי שווימען לאנגזאם פון יאם. אן אויסשפירער האָט זיך אומגעקערט און איינגערוימט:

— מע זעט ניט קיין לעבעדיקן נעפעש.

אין די גאסן, הארט בא די ווענט האָבן זיך אָנגעהויבן רוקן סילועטן! שטייפע, מאָזאָליסטע הענט טונקען געשיקט בערשטלעך אין קליי, שמירן אפ ווענט און אפ סלופעס. איינדערפינצטער טיילן זיך אויס פון ווענט ווייסע פלעקן.

די יאטן זיינען ארייננעצויגן אין דער ארבעט. די ניט זייבערקייט איז פארשוונדן. די ארבעט ברענט אונטער די הענט. אלץ מער און מער ווערן סלופעס מיט אופרופן באקלעפט. א פלייסיקע ארבעטער־האנט האָט אפ א טוכלער וואנט אויסגעמאָלט רויטע אויסיעס. די אויסיעס קוקן אין דער בלינדער נאכט ארייַן מיט אזא ריזן־קראפט, מיט אזא בייסיקער שארפקייט... זיי האָבן זיך אויסגעצויגן אין א לאָזונג: „זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פארטיי".

אן אָפקלאנג פון ווייטע, טויבע טריט האָט זיך צו זיי דערטראָגן.

— מע גייט אהער...

עמעצנס אן אימפעטיקער אָטעם האָט פון ניט ווייט מיט דראָונג אין נאכט־כוישעך אריינגעשריגן:

— וו־ע־ר...

— ווער איז דאָרט?..

א שטיל שעפטשען:

— א פאָליציי־מאן...

— שש... ש...

די ארבעטער שטייען געפרעסט, האלטן איין דעם אָטעם.

דער פּאָליציי־מאַנ האָט זיכ אָנגענומענ מיט האַרצ און אָנגעהויבנ שפּאַנענ.

אַז ער האָט קיינעמ ניט געטראָפנ, האָט ער פריִער אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיכ געלאָזט גיינ צוריק, זײַנע שווערע טריט זײַנענ געפאַלנ אינ דער שטומער גאַס — זיכ דערווײַטערט. אינ דער פינקלדיקער שײַנ פונ א לעמפּל, וואָס האָט שוואַכ באַלויכטנ דעמ ראָג, איז זײַנ בליק געפאַלנ אפ א וואַנט, ער האָט דערזענ אָנגעשריבענע פרישע רויטע אויסיעס. דער פּאָליציי־מאַנ האָט בייז אויסגעשפּיגנ און אומצופרידנ געבורטשעט: „שיידימ, אויס וואָרפנ — אפילע באַנאַכט גיבנ זיי ניט קיינ רו...“

## VII

דער קאַיאָר האָט זיכ אויסגעשיילט פונ דער נאַכט־פינצטערניש. א גרויער הימל האָט אָפּגעטרייסלט פונ זיכ די לעצטע שטיקער כמאַרעס, און א בלויקײַט האָט זיכ אָנגעהויבנ וויקלענ.

אינ שטאָט־גאָרטנ אפ האַרטע בענק ליגנ צונויפגעדרייט מענטשנ. זיי ליגנ מידע, שלעפעריקע אינ א האַלב־דרימלענדיקנ צושטאַנד. דער פרימאָרגנ־טוי האָט אָנגעזאַפּט מיט פײַכטקײַט די שמאַטעס זייערע. אינ אויסגעדאַרטע קערפּערס, אינ מאַרכ פונ די ביינער האָט דער טוי אַרײַנגעדרונגענ, ציטערנ זיי פונ קעלט און הונגער, אינ דער פרימאָרגנ־פרישקײַט האָבנ אפ צעבליטע פּאַלמעס פייגל זיכ צעזונגענ. אייניקע אַרבעטלאָזע וואַרפנ זיכ אומרויִק אפ די שמאָלע בענק פונ זײַט אפ זײַט און עס רײַסנ זיכ אַרויס בא זיי קרעכצנ... דער מענטשלעכער ווייטיקלעכער קרעכצ גיסט זיכ צונויפ מיטנ זאָרגלאָזנ פויגלשנ געזאַנג.

דעמ אַרבעטלאָזנ ראַולנ איז באַפאַלנ א גענעצ, יעדעס מאָל, ווענ זײַנ מויל עפנט זיכ ברייט פאַנאַנדער און שליסט זיכ צוריק צו, קנאַקנ זײַנע ציינ.

פונ דער אַנטקעגנדיקער באַנק האָט אײנער זיכ אופגעהויבנ

און אָנגעהויבן ארומשפּאנען אהין און צוריק. נעבן א שפּײַ־קעסטל האָט ער באמערקט א ניט־דערויכערטן פּאַפּיראָס, ער האָט גיריק א כאַפּ געטאָן און פאַרויכערט — געררויכערט און געשפּיגן, מיט שווערע וואקלדיקע טריט איז ער צוגעגאנגען צום האלב־וואכעדיקן ראולן און זיך אראָפּגעזעצט אפן שפּיץ באנק. אין די ווינקלען פון זײַן מויל האָט זיך באזעצט א ביטערער שמייכל. אן אויסדרוק פון האָפענונגלאָזיקייט האָט פון זײַן פּאָנעם אראָפּגעקוקט.

— עס שלאָפט זיך ניט, וואָס?

— שווער, ברודער.

— א שלעכטער געלעגער, הא? דער פּרעזידענט, ווערטולי ווארגאס, וואָלט זיך קיין בעסערס ניט געווונטשן... אונטערן פרײַען הימל, פרישע לופט, פייגל זינגען צו... נו, וואָס נאָך קענען מיר פארלאנגען!?

דער ביטערער שמייכל איז מיטאמאָל פארשווונדן, און א שווערער זיפץ האָט זיך פון ברוסט ארויסגעריסן.

דער ארבעטלאָזער איז פארלוירן געבליבן זיצן, דעם קאָפּ געבויגן.

ווען הינטערן בארג האָט אופגעפלאקערט דער האָריזאָנט, האָבן מידע פיס געשלעפּט ביינערדיקע קערפּערס, ווען איין אייך שטאָט און וועמען אין אנדערן.

ראול גייט אין שטאָט ארײַן, פּלוצעם האָט א שעמעריר געטאָן אין זײַנע אויגן א דרויטער אופשריפט, ער איז שנעל צוגעגאנגען צו דער וואנט און אָנגעהויבן לייענען. זײַן בלאס פּאָנעם האָט אופגעשײַנט, דאָס הארץ האָט א שפּרונג געטאָן פאר פרייד: „הײַנט א דעמאָנסטראציע"... מיט פעסטע טריט האָט ער אָנגעהויבן שפּאנען ווײַטער.

א לינד ווינטל האָט זיך פון יאם ארויסגעאנוועט, זיך אָנגעהויבן טראָגן איבערן שטאָט, ווייעט דאָס ווינטל, און די רויטע פּאָן פלאטערט...

* *
*

א שיינער טאָג האָט זיך געשטעלט.

איבערן שטאָט, פון פארשיידענע זײַטן, האָבן אָנגעהויבן פליִען טויבן, און פון יעדער טויב האָט א גרויסע, ברייטע, רויטע לענטע געפלאטערט. פון די רויטע לענטעס האָבן ווײַסע ווערטער מיט פראָטעסט אראָפּגעשריגן.

שטייען ארבעטער מיט פאריסענע קעפּ אינדערהייך. זייערע בליקן זײַנען צו די טויבן געווענדעט, די טויבן האָבן א שמייכל צעשפרייט אף די בלאסע געזיכטער. זיי באוווּנדערן:

— דאָס הייסט צוגעטראַכט!

— א דעמאָנסטראציע אפן הימל!..

— אויך די טויבן זײַנען ארײַנגעצויגן אין קאמף...

די פּאָליציי לויפט אום צעטראָגן.

— צעגייט זיך!...

לאכן יאטן און מיט כויזעק זאָגן זיי:

— נו, כאפּט זיי! זעצט זיי אײַן אין טפיסע!

— א ביסעלע זאלצ האָט איר? שיט זיי אָן אפן עק!..

אף די הויפּט־גאסן האָט מען אָנגעהויבן פארמאכן טירן און טויערן. אין געציילטע מינוטן זײַנען די באלעבאטע גאסן געוואָרן אויסגעשטאָרבן.

פון אלע זײַטן שטאָט: פון מיזרעך און פון מײַרעוו, פון דאָרעם און פון צאָפן, פון געדרייטע הינטערגעסלעך, פון בארג און פון טאָל, פון אומעטום, ווו הונגער האָט זיך אײַנגעבירגערט, האָבן אָנגעהויבן פליסן די ארבעטלאָזע, זיי האָבן צונויפגעגאָסן אן אופגעברויזטן מענטשן־יאם; רוישיקע מענטשן־כוואליעס טראָגן זיך, שלאָגן זיך אָן אין דער פארצוימונג פון סוינע...

לענגויס א גאס ציט זיך א געדיכטער צונויפגעשלאָסענער צוג פון פרויען און קינדער; פארכוישעכטע פרויען מיט אײַנגעדארטע

פּיצלעך קינדער אַף די הענט האָט די שווערע נויט אין גאַס אַרויס־געטריבן...

די פּאָליציי האָט אומגעריכט דערזען, ווי עס ציט זיך דער פּרויען־צוג. זיי זײַנען צעטומלט געוואָרן, האָבן צאָרנדיק זיך גע־געבן אַ רודער.

אַז די פרויען זײַנען אַרופגעקומען אַף אַ ברייטער גאַס, וווּ טיר און פענצטער זײַנען פאַרהאַקט, איז דער וועג אַף ווײַטער געווען פאַרשטעלט פון דער פּאָליציי.

— צעגייט זיך! שטערט ניט די רו! — האָט אַן אָפיצער באַפוילן.

די פרויען האָבן זיך פון אָרט ניט גערירט. שטום און פאַר־אַקשנט האָבן זיי געפּרוּווט שפּאַנען ווײַטער. די פּאָליציי האָט אָנגעהויבן מיט גומענע שטעקלעך אַרבעטן — שלאָגן פרויען און קינדער...

מאַריקאָטען איז פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן דאָס היטעלע. ערגעץ ליגט עס צעטראָטן אונטער פּאָליציייִשע פיס. אירע אַנטבלויזטע האָר זײַנען צעוואָרפן... אין אירע אײַנגעפאַלענע באַקן האָבן זיך מער אויסגעטיילט די לעכער, און די גוטמוטיקע אויגן האָבן זיך צעפלאַמט, עס האָט אין די אויגן אַ פלאַקער געטאָן האָפענונג... זי גייט אַלץ פאָרויס.

אַ גרויסער פּאָליציייִשער אָטריאַד איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן. ווידער איז דער וועג געוואָרן פאַרצוימט. אַן אָפיצער איז גע־בליבן שטיין עטלעכע טריט פון מאַריקאָטען. ער האָט אַ בייזן, גאַליקן קוק געוואָרפן אַף איר. זײַן פּאָנעם האָט אַ שעלמישער שמייכל צעקרימט, און עס האָט זיך פון זײַן מויל אַ שאָס געטאָן אַ האָגל זידל־ווערטער.

מאַריקאָטע האָט זיך ניט אומגעקוקט, ווי זי וואָלט דעם אָפי־צערס דראָונגען ניט געהערט. פּלוצעם האָט זיך אַ טראַג געטאָן אַ געזאַנג. די פרויען האָבן דערזען, ווי ניט ווײַט פון זיי שנײַדן מיט זיכערקייט די אַרבעטער אַ גאַס און דערנעענטערן זיך צו זיי. עס האָט די פרויען געגעבן אַ טראָג פון אָרט.

מאַריקאָטע האָט דערפילט א פעסטקייט אין טראָט, א לײַכט־קײַט אין די איוורים. זי האָט אָנגעהויבן שפּאַנען פּאַרויס.

דער אָפּיצער האָט מיט א ליידנשאפטלעכן פאַרגעניגן דאָס הענטל פון רעוואָלווער אראָפּגעלאָזט אף מאַריקאָטעס קאָפּ... מאַריקאָטעס פּאָנעם איז געוואָרן אַשיק־גרוי, און פון קאָפּ האָט א פּליס געטאָן א שטראָם בלוט. דער קאָפּ האָט זיך איר פאַרדרייט, אין די אויגן האָט אָנגעהויבן שווינדלען, און די פיס — ציטערן. זי איז אומגעפאלן, זי האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט. ספּאַזמעדיק האָט זי מיט די לעצטע קויכעס אָנגעהויבן שרײַען:

— מיר האָבן ניט וואָס צו פאַרלירן!...

— גייט פּאָרויס!..

— שנעלער!... דרייסטער!...

א רעגע זײַנען די פרויען געשטאַנען פאַרשטיינערט. גלײַך האָבן די פּאָדערשטע רייען געגעבן א הייב אוף מאַריקאָטעס פאַרכאַלעשטן קערפּער, און ווי א צעבויטעטע כוואַליע זיך א טראָג געגעבן פּאָרויס... טראָפּנווײַז האָט פון מאַריקאָטעס קאָפּ דאָס בלוט געטריפט... די פרויען האָבן געטראָגן מאַריקאָטעס קערפער, ווי א טריומפירנדיקע רויט־פאַרבלוטיקטע פּאָן...

אין דער אײַזערנער קייט פון די דעמאָנסטרירנדיקע זײַנען שוין אויך די פרויען, ווי א רינג, אײַנגעשלאָסן.

א הייסער שטראָם באַגײַסטערטע שטימען פּאָדערן דראָענדיק:

— גיט אונדז ארבעט! גיט אונדז ברויט!

— פרײַהײַט פאַר די פּאָליטישע ארעסטירטע!

— זאָל לעבן די קאָמוניסטישע פאַרטיי!

— זאָל לעבן די סאָוועטן־בראַזיליע!

— זאָל לעבן אונדזער פּאָטערלאַנד — דער ראַטנפאַרבאַנד...

פונפאָרנט שפּאַנט מארקוס. זײַן באַפעל טראָגט זיך פון ריי צו ריי:

— זײַט אף דער וואַך! לאָזט זיך ניט פּראָוואָצירן!

די דעמאָנסטראַנטן שרעקט ניט דער טויט... א ריזיקער וואַלד פון צונויפגעדריקטע פויסטן האָט זיך דראָענדיק צעהוידעט.

די ארבעטער־פירער האָבן זיך געשווינד צעוואָרפן איבער דער לענג און ברייט פון פראָנט. זיי גיבן איבער באפעלן. די ווערטער טראָגן זיך, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם:

— כאווירים, פעסטער די רייען!...

— לאָזט ניט די מערדער זיך אריינרייַסן!..

מארקוסעס אויגן — צוויי ברענענדיקע קוילן. די דעמאָנסטראנטן האָבן געשוימט און געברויזט.

די מאסע האָט אופגעכאפט דער באפעל פון די פירערס: „גיט א ווידערשטאנד".

א ווילדער געשריי פון א מענטשלעכער לאווע האָט די לופט געטרייסלט, און א געדיכטער וואָלקן־שטויב האָט זיך געהויבן פון דער ערד צום הימל. עס האָט זיך צעוויקלט א קאמף אף לעבן און טויט... די מאסע האָט אָנגעהויבן אריינדרינגען אין די סוי־נישע פארצוימונגען. פון צעפליקטע מאלבושים קוקן ארויס צע־שלאָגענע קערפערס, און אף דער ערד ליגן פארוווּנדעטע...

אין זשאָזעס הענט ליגט עמיליאנעס קאָפּ. פּאָרזיכטיק האָט ער אים פארבאנדאזשירט די ווונד. ער כאפט א קוק אף דעם צעשויבערטן גרויען קאָפּ, אף דער ווייַסער שמאטע, ווו עס וואקסט א רויטער פלעק.

— די ווונד טוט ווי? — פרעגט ער אים.

— ס'איז גאָרניט, ס'האָט די ווערט, — האָט ער געענט־פערט.

מאנועל איז צוגעלאָפן צו זשאָזען.

— מיר האָבן באשטימט גיין ווייַטער, איידער די פּאָליציי וועט באווייַזן אונדז דעם וועג פארצוימען!

— גוט, מיר גייען! — האָט זשאָזע געענטפערט.

די ארבעטער האָבן אָנגעהויבן שנייַדן א גאס. אונטער פיס פון איינגעשפּארטע רייען ציטערט די ערד. פארבאנדאזשירטע קעפּ און הענט קוקן ארויס פון די רייען, ווי צעלעכערטע פעלדזן.

אין דער פאָדערשטער ריי גייט מארקוס. זיין לינקע האנט איז מיט אַן ארבל פון א העמד פארבונדן. דאָס ווייסע שטאָף איז מיט בלוט געפלעקט... טיף פון זיין ברוסט רייסט זיך א ליד. באלד האָט זיך א געזאנג געטאָן א כוואליע איבער קעפ:

„עס ציען זיך פעלדער, עס ציען זיך וועלדער ווייט און ברייט.

„עס ברענט דער מיזרעך, עס ברענט דער מייַרעוו בלוטיק־רויט...”

מיט א פארכאפטן אָטעם און אָנגעשפיצטע אויערן הערן זיך די ארבעטער צו צום געזאנג, זיי כאפן באלד אויף די ווערטער און הייבן אָן מיטהעלפן:

„א ירויטער שטערן אונדז באלייכט דעם וועג,
מיר ווייסן ניט קיין וועג, וואָס פירט צוריק”...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

# קאפיטל אכט

## I

מארקוס איז אריינגעקומען אין זיין צימער. איליטש, זיין צענכאדאָשימדיק קינד, האָט פון דער מוטערס הענט זיך געגעבן א צי צו אים:

— פאפא!

מיט פרייד איז דאָס קינד ארופ אפ זיינע הענט.

מארקוס האָט מיטן קינד זיך אָנגעהויבן שפּילן. אין דער רעגע איז ער אליין פארוואנדלט געוואָרן אין א קינד, און אפן הארצן איז אים אזוי פריילעך געוואָרן. ער גלעט דאָס קליינע געקריילטע קעפל.

— זיי גרייט!

דאָס קינד הייבט אופ א הענטל. דער פאָטער פאלט צו צום הענטל און באשיט עס מיט קושן.

— דו קליינער באָלשעוויק מיינער!

— דער מיטיק איז שוין פארטיק? — פרעגט מארקוס אידען.

— אָט שוין.

— מאך דאָס גיכער, איך האָב נאָך פיל ארבעט.

מארקוס האלט דאָס קינד אפ די הענט, ער גייט מיט דעם צו צום פענצטער, קוקט ארויס אינדרויסן. דער דרויסן איז א כמורנער, אן אומעטיקער, א דין רעגנדל טריפט.

סימאָן, אידעס ברודער, האָט ארויסגענומען פון קעשענע א פארקלעפטן קאָנווערט און אים דערלאנגט מארקוסן.

— דעם בריוו האָט מען מיך געבעטן דיר איבערגעבן.

— וואָס איז דאָס פאַרא בריוו?

— ס'איז אַן אַרטיקל פאַר דער צײַטונג.

— לייג עס אוועק אויפֿן טיש, כ'וועל דאָס באַלד באַהאַלטן.

סימאָן איז צוויי־און־צוואַנציק יאָר אַלט. ער איז אַ מיטלוווּקסיקער שאַטען, אַ פֿעסטער יאַט, ער דינט אין דער קאָמפּאַניע „זינגער״. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט מען אים אָנגענומען אין דער קאָמפּאַרטיי. ער שטייט מיט מאַרקוסן נעבן פֿענצטער, זיי קוקן אינדרויסן און שמועסן. פּלוצעם האָבן זיי באַמערקט, ווי פֿון דער גאַס קאָנדאַ־באָמפּים איז אין געסל הענריקאַ דיאַס אַרײַנגעפֿאָרן אַן אוטאָמאָביל און ניט ווײַט פֿון זייער שטוב געבליבן שטיין. פֿון אוטאָמאָביל זײַנען אַרויסגעשפּרונגען: דער ערשטער — אַ ציווילער, דער צווייטער אַן אָפֿיצער און דער דריטער — אַן אַגענט.

מאַרקוסעס האַרץ האָט געגעבן אַ שפּרונג. די געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן פֿײַערדיק פֿליִען, און די אויגן האָבן זיך אין זיי אײַנגעשטאָכן.

— וואָס קען דאָס זײַן?!

סימאָן האָט זיך געגעבן אַ וואָרף.

— זיי גייען אַהער!

די בלוטן האָבן מאַרקוסן געגעבן אין קאָפּ אַ זעץ, ווי מיט אַ שווערן האַמער.

— אַ דורכפֿאַל!..

מאַרקוס האָט אַן איבעראַשטער אַ כאַפּ געטאָן די אומלעגאַלע פּאַפּירן, אַרײַנגעלאָפֿן אין קיך.

באַגראָבט דאָס, גיכער...

צוויי פּרוּיען־בוזעמס זײַנען פֿון אומלעגאַלע פּאַפּירן געוואָרן העכער, זייערע אויגן פֿליִען פֿון ווינקל צו ווינקל.

— וווּ טוט מען אַהין?

אין טיר האָט מען אָנגעהויבן קלאַפּן.

— עפֿנט!

אז די טיר האָט זיך ניט געעפנט, האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן, און אַ שטרענגע שטים באַפעלט:

— עפנט!

מאַרקוס לויפט צו דער הינטערשטער טיר. די שטוב איז אַרומגערינגלט מיט מיליטער און פּאָליציי־אַגענטן. נאָך שטאַרקער האָט אַ שטים דראָענדיק באַפוילן:

— מיר וואָרענען אײַך צו לעצטן מאָל — עפנט, אַז ניט שיסן מיר!..

אידע האָט די טיר געעפנט.

דער אָפיצער, דער קאָמיסאַר פון פּערטן אשיליאַר, און אַן אַגענט זײַנען אַרײַן אין צימער. רעוואָלווערן האָבן געטאָן אַ בלאַנק. זיי קוקן זיך אַרום און שטעלן אָן די רעוואָלווערן אויף מאַרקוסן און סימאָנען.

די הענט אַרויף! זיך ניט רירן פון די ערטער!

מאַרקוס און סימאָן ווערן אונטערזוכט.

— דאָ וווינט זשעקאַ?

— דאָ וווינט ניט קיין זשעקאַ, — האָט מאַרקוס קאַלטבלוטיק געענטפערט.

— וויאַזוי הייסטו?

— מאָוריסע קעלער.

— מיר וועלן שוין אין פּערטן אשיליאַר געוווּיר ווערן, וויאַזוי דו הייסט! — האָט מיט גיפט דער קאָמיסאַר אַ זאָג געטאָן.

דאָס קינד איז אַפן דיל געבליבן זיצן אַ פאַרוואָרלאָזטער, ס'האָט זיך איבערגעשראָקן און שטאַרק אָנגעהויבן וויינען. סימאָן האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט און אים באַרויִקט.

— און ווער ביסטו? — האָט דער אָפיצער זיך געווענדעט צו סימאָנען.

— איך בין אַן אָנגעשטעלטער אין דער קאָמפּאַניע „זינגער" — האָט סימאָן רויִק געענטפערט.

— וואָס זשע טוט איר דאָ?

— איך בין געקומען פאַריכטן די מאַשין.

— אײַערע פּאַפּירן!

— ביטע.

דער אָפיצער רוימט אײַן דעם קאָמיסאַר אין אויער:

— מירן אים איצט ניט נעמען.

דער קאָמיסאַר ענטפערט:

— מיר זעט ער אויס פאַרדעכטיק.

דער אָפיצער ווענדעט זיך צו סימאָנען:

— איר ווערט זײַן אַזוי גוט און הײַנט אַכט דעם זייגער אין אָוונט צו מיר אַרײַנקומען, איך האָב אײַך נאָר עטלעכע פראַגן צו פרעגן.

נאָך צוויי פּאָליציי־אַגענטן האָבן אין צימער אַרײַנגעשפּאַנט. פינף אָנגעצונדענע פּאָר אויגן האָבן זיך אין מאַרקוסן אײַנגע־געסן.

— אײַך האָט דער קאָמינטערן אַהער געשיקט? — פרעגט גאַ־ליק דער קאָמיסאַר.

מאַרקוס שווײַגט. שאַרפע ווערטער רײַסן זיך אַן ענטפער געבן. ער שטרענגט אָן זײַן גאַנצן קויעך און צווינגט זיך זײַן אויסערלעך רויק.

אַלץ ווערט איבערגעוואָרפן און איבערגענישטערט. אַ היס־טערישער פרויען־קוויטש האָט צו וויסן געגעבן, אַז זיי האָבן די פּאַפּירן געפונען. אַ גרויליקער ציטער איז איבער לײַבער דורכגע־לאָפן. בײַ מאַרקוסן האָבן זיך פון די אויגן אַ שיט געטאָן פונקען.

דער אויטאָ האָט זיך דערנעענטערט צו דער טיר. אין אויטאָ האָט מען אַרײַנגעוואָרפן אַלץ, וואָס האָט עפּעס אַ חשד.

— קום!

— מיט וואָס פאַרא רעכט?!

דער קאָמיסאַר האָט אַ ווונק געגעבן צו די פּאָליציי־אַגענטן, זיי זאָלן אים נעמען.

אידע איז צו מארקוסן צוגעגאנגען. ער האָט דאָס קינד א נעם געטאָן און ליידנשאפטלעך צו זיך געדריקט.

א פּאָר פּאָליציייִשע הענט האָבן אידען מיטן קינד פון אים אָפּגעשטויסן. מארקוס האָט זיך געגעבן א ריס.

— באנדיט! מײַן קינד ניט ריר אָן!..

א סעקונדע איז מארקוס געשטאנען ארומגערינגלט מיט פּאָליציי־אגענטן, ווי אין אן אײַזערנעם רינג. באלד האָט מען אים ארויסגעפירט אפ דער גאס. מארקוס האָט א קערעווע געטאָן דעם קאָפּ, געלאָזט א לעצטן געזעגענונגס־קוק אפ אידען.

* * *

אין דער פאָדערשטער ברייט־געעפנטער טיר איז אידע פאר־שטיינערט געבליבן שטיין. זי קוקט נאָך, ווי מע פירט מארקוסן. אין דער באגלייטונג פון סאָלדאטן און פּאָליציי־אגענטן גייט ער דרייסט, מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ. באם ראָג פון געסל איז פון אירע אויגן מארקוס פארשוואונדן. אידע שטייט נאָך אלץ. א פּאָר קינדערשע פרעגנדיקע אויגן האָבן זיך אָנגעשטעלט אפ דער מאמען. דאָס קינד איז געוואָרן אומרויִק, האָט זיך פארקרומט און אָנגעהויבן וויינען.

אין צימער איז אלץ צעשליידערט און איבערגעקערט, ווי נאָך א פּאָגראָם. די קישנס — אופגעריסן, פון בעט אלץ ארויסגעוואָרפן, פון דער שאפע יעדער קלייניקייט איבערגעטרייסלט און אפן דיל צעוואָרפן.

סימאָן ברענגט אין אָרדענונג די צעוואָרפענע זאכן. ער האָט פון דער זייט געכאפּט א קוק, ווי אידע זיצט דערשלאָגן.

אידע האָט זיך אויסגעדרייט, געגעבן א קוק אפ דער אומאָר־דענונג און צוגעגעבן.

— מיר מוזן באלד געבן צו וויסן די כאווירים וועגן דורכ־פאל. איך גיי דאָס קינד לאָזן בא דער שכיינע. איך גיי אין די פראָפּאריינען. דו גיי צו מאנועלן, גיב אים צו וויסן. דאָס צימער

ברענגען אין אָרדענונג וועט שפּעטער אויך ניט אַנטלויפן. יעדער רעגע איז טייער.

— גוט.

איבער גאסן איז אידע קימאט ווי געלאָפן. פאר דעם הויז פון די פּראָפּאריינע האָט זי איינגעהאַלטן איר האסטיקן גאנג, פאָרזיכטיק זיך ארומגעקוקט און געעפנט די טיר. אז זי האָט נאָר אריבערגעשפּאנט די שוועל, האָט זי זיך דערפילט אין א פּאסטקע. א פּאָליציי־אגענט האָט פאר איר די טיר צוגעמאכט און מיט א צינישער העפלעכקייט זיך פארנויגט:

— ביטע, גייט ווייטער.

זי האָט זיך ניט פארלוירן. זי האָט זיך אומגעקערט צוריק, געוואָלט די טיר עפענען. דער פּאָליציי־אגענט האָט זי פארהאלטן און זיך געווענדעט צו זיינע מיטהעלפער:

— פירט זי אריין צו די ארעסטירטע!

אין גרויסן זאל, וווּ די פארזאמלונגען און די פארוויילונגען קומען פאָר, ליגט די פּיאנע צעהאקט, די טישן, בענקלעך — צעבראָכן און איבערגעקערט, דער פאָרהאנג — צעשניטן. אידען האָט מען אין זאל אריינגעפירט. זי איז א ווײַלע געבליבן שטיין אפן אָרט און אופגערעגט געקוקט אפן דעם כורבן. באלד איז זי צוגעגאנגען צו די ארעסטירטע ארבעטער, וואָס זיינען אין א ווינקל געשטאנען.

— דיך אויך! — האָט א כאוועד א זאָג געטאָן.

אידע האָט ביטער א שמייכל געטאָן.

— פון איין צאָרע בין איך ארויס און אין דער צווייטער אריינגעפאלן...

ניקאָלײַ ארציבענקאָ איז מיט אידען אָפּגעגאנגען אין א זייט. ער האָט זי א פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען?...

אידע האָט אים איינגערוימט אין אויער וועגן דורכפאל. ניקאָלײַ איז געוואָרן בלייך, ער האָט איינגעביסן די אונטערשטע ליפּ.

— איצט איז מיר אלץ קלאָר...

א שוואַרצער, פאַרמאַכטער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם הויז פון די פאַריינען.

דער טריבער טאָג האָט פאַרפרי אונטערגערוקט דעם אפּדער־נאַכט. ס'איז געוואָרן פינצטער. אידען האָט מען אַריַינגעפירט צום קאָמיסאַר פון פערטן אשיליאַר, דער קאָמיסאַר האָט זי דערקענט. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיַינע מיטהעלפער.

— אומגעריכט. א גאַסט, — האָט ער אָפּגעהאַקט געזאָגט. — איַיער אדרעס איז אונדז באַוווּסט. דערוויַיל זיַינט איר פריַי, איר קענט גיין...

## II

אין וואַרט־צימער פון דער צענטראַלער פּאָליציי איז סימאָנען געוואָרן פאַרשטענדלעך, אז ער איז אַרעסטירט. פון דעם וואַרט־צימער האָט מען אים אַריַינגעפירט אין א קאַמער, ווו מע האַלט די ניַיע אַרעסטירטע. סימאָן האָט נערוועז אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען, אַרומקוקן דעם קליינעם צימער: גרויע, פיַיכטע ווענט זיַינען באַשריבן מיט אונטערשריפטן. עטלעכע טריט פון דער טיר שטייט א נאַרע, א בענקל און א טישל. אינדערהייך, ווו מע קען אפילע מיט קיין אויסגעצויגענער האַנט ניט דערגרייכן, העלט א שמאָל פענצ־טערל מיט איַיזערנע גראַטעס. סימאָן איז פּלוצעם געבליבן שטיין, ער האָט צוזאַמענגעצויגן די ליפּן, מיט האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן געוואָרפן א בליק צום פענצטערל.

— איצט אַנטלויפן? — אומעגלעך...

„די כאַווערים האָבן געמיינט, — טראַכט סימאָן, — אז דאָס, וואָס איך בין ניט לאַנג אין דער פאַרטיי, בין איך ניט פאַרדעכ־טיק, מע וועט אָפּלאָזן, און איך וועל קאָנען פאָרזעצן די אַרבעט, אויסגעלאָזט האָט זיך פאַרקערט... אליין זיך איבערגעגעבן די שיידים אין די הענט...”

וואָלקנס האָבן די נאַכט פינצטערער געמאַכט. די שטאָט ליגט פאַרוויקלט אין שלאָף. ערגעץ אין דער ווײַט איז א טויבער ראַש. לענגויס א גאַס גאַלאָפּירט קאַוואַליעריע. בא דעם צענטראַלן פּאָליציי־באַצירק בײַט זיך די וואַכ. די נײַע וואַכ איז אף צוויי מאָל פאַרשטאַרקט.

— זײַט וויער פּאָרזיכטיק מיט די פאַרברעכער, די קאָמוניסטן. באַם אריבערפירן אין דער אנדערער טפיסע, זאָלט איר גוט אכ־טונג געבן! אז איינער פון זיי וועט אָנהייבן אנטלויפן, זאָלט איר זיך מיט אים ניט צערעמאָניען.

איינס אזייגער באַנאַכט.

די וועכטער פון טפיסע און צוויי סאָלדאַטן האָבן סימאָנען אַרויסגעפירט פון קאַמער. ער גייט מיט נערוועזע טריט, און זײַנע אויגן בלאָנקען אומרויִק ארום. פון דער אנדערער זײַט טפיסע, פון א קעלער־קאַמער, האָט מען אַרויסגעפירט נאָך ארעסטירטע, צווישן זיי פלאָרעסן. פלאָרעס גייט, ווי א שיקערער, פאַלט פון די פיס, ער איז גרייט יעדער רעגע זיך א וואַלגער טון אף דער ערד. די סאָלדאַטן שטורכען מיט די פריקלאַדן און טרײַבן אונטער.

באַם שווארצן פאַרמאַכטן אווטאָמאָביל האָט א גרויסער באַוואָפנטער אָטריאַד די ארעסטירטע אָפּגעוואַרט. ווי נאָר די געפאַנ־גענע האָבן זיך דערנעענטערט צום אווטאָמאָביל, האָט דער אווטאָ, אָנגעפּאַקט מיט ארעסטירטע, זיך גערירט פון אָרט, אָנגעהויבן פאָרן שטיל איבער פינצטערע גאַסן. אין דער געדריקטער שטיל־קײַט, וואָס האָט געהערשט אין פאַרשלאָסענעם קאַסטן, האָט זיך דערהערט א טרוקענער הוסט און א קרעכץ.

— ווייסט עמעצער, ווּהין מע פירט אונדז?

זיבן פּאָר אויגן האָבן זיך האַסטיק געגעבן א קערעווע צום אָרט, פונוואַנען די פראַגע איז געקומען, ווי זיי וואָלטן דאָרט אַן ענטפער געזוכט.

— זיי פאָרן דורך זיג־זאַג גאַסן, קעדיי מיר זאָלן פאַרלירן דעם שפּור, ווּהין מע פירט אונדז...

שטיל פארצווייפלט זאָגט פלאָרעס:

— ווער ווייסט, וואָס אונדז שטייט נאָך פאָר?

סימאָנ האָט פלאָרעסנ אָפּגעהאקט:

— כאוועך, באהערש זיך, זײַ רויק.

איך האָב שוינ ניט קיינ קויעך קיינ די ווייטעקנ איבערטראָגנ...— האָט פלאָרעס געענטפערט.

אונ ווידער האָט א פּײַנלעכע שטילקײַט אָנגעפילט דעמ קאסטנ. יעדער איז געבליבנ זיצנ פארקלערט, באטראכטנדיק פלאָרעסעס ווערטער.

איינער ווענדעט זיך צו סימאָנענ:

— האָסט עפּשער ערגעץ באגעגנט זשעקענ?

— ניינ, זינט מע האָט אימ ארעסטירט, האָב איך אימ שוינ מער ניט געזענ.

— מע זאָל זיך שוינ האָבנ מיט אימ צערעכנט?!

— ווער ווייסט?

פלאָרעס איז געוואָרנ בלייך, האָט עפּעס געוואָלט זאָגנ אונ ניט געקענט, עס האָבנ זיך בלויז די ליפּנ זײַנע שטיל באוועגט. דער קאָפּ האָט זיך אימ פארדרייט, ער האָט זיך א וואקל געטאָנ אונ מיט די ציטערנדיקע הענט זיך אָנגעכאפּט אינ עמעצנ. עס האָט אימ געפּײַניקט דער געפיל...

לאנגזאמ האָט די „וויזווע־אלעגרע" אָנגעהויבנ פאָרנ אונ נעבנ א טונקל־באלויכטענעמ טויער זיך אָפּגעשטעלט. עס עפנט זיך ברייט די טיר פונ אווטאָמאָביל.

— קריכט ארויס!

די ארעסטירטע זײַנע ארויסגעקראָכנ פונ פארשטיקטנ קאסטנ, האָבנ פרײַער אָפּגעאָטעמט. זיי האָבנ אָנגעהויבנ בויערנ די פינצ־טערניש, זיך דערוויסנ, ווו זיי געפינענ זיך. אנ ארבעטער האָט די געגנט דערקאָנט. ער רוימט אײַנ:

— מיר געפינענ זיך אפ דער אווענידא־דע־מייא, בא דער טפּיסע.

דרײַסיק סאָלדאטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן האָבן די ארעס־טירטע ארומגערינגלט, פון אלע זײַטן האָט דער טויט אפּ זיי געלויערט... דער טויער האָט זיך אָפּ צוויי העלפטן צעפּראלט. מע האָט די ארעסטירטע אינ הויף פון טפיסע ארײַנגעפירט. דער הויף איז שוואך באלויכטן.

א קאלט ווינטל האָט מיט פרישקײַט געבלאָזן. איבער קעפּ ליגט דער הימל אנ אויסגעלײַטערטער, אנ אָנגעפיקעוועטער מיט מיליאָנען שעמערירנדיקע שטערנדלעך.

דער שעף פון טפיסע איז צו אדעלארדע צוגעגאנגען.

— שטרענג באוואכט די באנדיטן, פירט זיי ניט ארײַן אינ רעגיסטריר־בוך, האלט זיי געהיים! — האָט אדעלארדאָ באפוילן.

דער שעף ווייסט, וואָס עס באטײַט האלטן „געהיים": פּײַניקן, טויטן, אונ קיינ שפּור זאָל דערפון ניט בלײַבן. ער האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. דאָס האָט געהייסן: „גוט, איר קענט זיך שוינ אפּ מיר פארלאָזן"...

די ארעסטירטע האָט מען ארײַנגעפירט אינ קאמער נומער 30, בלינדע ווענט, א צעמענטענער דיל. א פּארדומפּענער רייעך האָט אָנגעהויבן בײַסן די נאָזלעכער. פלאָרעס האָט באלד זיך געגעבנ א וואלגער אפּ א הארטער, שמוציקער נארע. זײַנ פּאָנעם האָט באדעקט א טויטע בלאסקײַט. די איבעריקע ארעסטירטע האָבנ זיך צערוקט אינ די ווינקלען...

דער סאנ־פּאולער [1]) דרוקער האָט דעם קאָפּ אָנגעשפּארט אפּ די ביינערדיקע הענט. ער האָט זיך דערמאנט אינ דער אומלעגאַ־לער דרוקערײַ, ווו אימ איז אויסגעקומענ צו ארבעטן. די ארטיק־לען, וואָס ער האָט אויסגעזעצט, זײַנען נאָך פריש אינ זײַנ זיקאָרן.

„וואָס פארא פּײַניקונגען ס'זאָל ניט זײַן, וועלן זיי זיך גאָר־נישט דערוויסן".

---

1) א נאָמען פון א שטאָט.

די פּײַכטקײַט האָט סימאָנען דורכגענומען, ער ציטערט פון קעלט.

— אן עמעסער קיווער...

אין א שאָ ארום איז צו דער טפּיסע צוגעפאָרן אן אווטאָמאָ־ביל, פול מיט אָפיצערן.

איבער דער לענג פון הויף, פון דעם שטיבל, ווו עס געפינען זיך די אָפיצערן, ביז צו דער טיר פון דער טפיסע, זײַנען אויס־געוואקסן צוויי געדיכטע ווענט פון סאָלדאטן, עס איז נאָר גע־בליבן פרײַ א שמאָלער קאָרידאָר. דורך דעם קאָרידאָר וועלן די ארעסטירטע געפירט ווערן צום פארהער.

שליסלען האָבן זיך באַם שלאָס פון טיר צעקלונגען. דער גרילצ האָט מיט שוידער זיך אײַנגעשניטן אין אָנגעשטרענגטע מוילעס. די טיר האָט זיך געעפנט. אן עלטסטער מיט סאָלדאטן זײַנען ארײַן אין קאמער און לעבן דער טיר געבליבן שטיין. דער עלטסטער רופט אויס:

— סימאָן ב.!

— איך!

— קום!

סימאָן גייט. הינטער אים — סאָלדאטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן. אָט שפּאנט ער צווישן די צוויי געדיכטע ווענט פון סאָלדאטן. ווי נאָר סימאָן איז ארײַנגעקומען אין פארהער־צימער, האָט זײַן בליק אופגעכאפּט דער אָפיצער פאשאָ. סימאָנס טונקל־לענגלעכ פּאָנעם איז אויסגעצויגענער געוואָרן. צוויי פּאָר אויגן האָבן זיך אײַנע אין די צווייטע טיף אײַנגעשטאָכן. דער אָפיצער פאשאָ האָט זיך אופגעהויבן, מיט לאנגזאמע טריט צוגעגאנגען צו סימאָנען, אים אונטערגעטראָגן פּאפּיראָסן.

— איר רויכערט?

— איך רויכער ניט, — האָט סימאָן קאלט אָפּגעהאקט.

די אָפיצערן האָבן שטיל זיך איבערגעקוקט: „ס׳וועט זײַן מיט אים א שווער שטיקל ארבעט... אן אקשן ווײַזט ער אויס צו זײַן“.

פאשאָנ פארויכערט א פאפּיראָס, לאָזט פאמעלעכ ארויס וואָלקנס רויכ אונ הייבט אָנ וויַיטער שפּילנ זיַינ ראָל.

— וואָס האָט איר געטאָנ דאָרט, ווו איכ האָב איַיכ געטראָפנ?

— כ׳האָב צורעכט געמאכט א מאשינ.

— אזוי? !

— וויאזוי הייסט ער, דער רוס?

— מאוריסע קעלער.

— אונ מיר וויסנ, אז ער הייסט זשעקא!

— אז איר ווייסט, איז וואָס־זשע דארפט איר מיכ פרעגנ? — האָט פארביסנ סימאָנ געענטפערט.

סימאָנס הארטער ענטפער האָט מיט א ווילדער רעציכע די אָפיצערנ אָנגעצונדנ, אומרויִק דרייענ זיי זיכ אפ די בענקלעכ אונ קענענ זיכ ניט באהערשנ פונ קאס.

פאשאָנ זעצט פאָר:

— דער זשעקא איז איַיער שוואָגער?

— איכ האָב ניט קיינ שוואָגער.

פלוצעמ האָט אנ אָפיצער זיכ האסטיק אופגעשטעלט, ארויסגעשלעפט דעמ רעוואָלווער אונ, איבערלייגנדיק אימ פונ איינ האַנט אינ דער אנדערער, דראָענדיק געזאָגט:

— אלזאָ. מיר לייגנ איַיכ פאָר צומ לעצטנ מאָל, איר זאָלט זיַינ אופריכטיק, דעמ עמעס דערציילנ, אניט זעט איר...

סימאָנ האָט א וויַילע געשוויגנ.

„— יעדער ניט ריכטיקער שריט, ניט באטראכט וואָרט, — קלערט סימאָנ, — קענ ברענגענ נאָכ א גרעסערנ דורכפאל דער פארטיי. מע מוז האלטנ קלאָר דעמ פארשטאנד“... ער האָט אָנגעשטרענגט אלע זיַינע קויכעס, זיכ צו האלטנ רויִק, אונ געענטפערט:

— איכ בינ בא איַיכ אינ די הענט...

אינ צימער איז ארייַנ אדעלארדאָ, עטלעכע אָפיצערנ האָבנ

זיך פון די ערטער אופגעהויבן, שוויַגנדיקע, פארטיַיעטע, זיך געדרוקט נעענטער צו סימאָנען. דער אָפיצער פאשאָן האָט ביַיז א זאָג געטאָן:

— מיר קאָנען שוין אזויגע העלדן, ווי איר: איר וועט באלד בא אונדז ווערן ריידעוודיק!..

די אָפיצערן האָבן סימאָנען ארומגערינגלט. ער איז געבליבן שטיין, ווי א שאָף ארומגערינגלט פון הונגעריקע וועלף. אדעל־ארדאָ און נאָך אן אָפיצער האָבן סימאָנס הענט פארדרייט אף הינטן. בא פאשאָנען האָבן די ברעמען זיך צונויפגעצויגן. זיַינע פינף פינגער האָבן מיט א הויכן טראסק זיך אויסגעצויגן אף סימאָנס פּאָנעם, און ער האָט געטאָן א ברום:

— איצט וועט איר זאָגן?

סימאָנס קאָפּ האָט זיך געטאָן א וויג, פון די אויגן האָבן זיך א שאָט געטאָן פונקען, זיַינע ציין קריצן פאר ווייטעק. ער האָט זיך באהערשט און מיט א קאלטער, אָנגעשטרענגטער רויִקייט געענטפערט:

— איך האָב ניט וואָס צו זאָגן...

פאשאָן האָט די אָפיצערן געגעבן א ווונק אף סימאָנען. די אָפיצערן זיַינען אופגעשפרונגען, מיט א בייזער צעררייצטקייט סימאָנען באפאלן. עס האָבן זיך א שאָט געטאָן פויסטן און הענט־לעך פון רעוואָלווערן. זיי שלאָגן: איבערן קאָפּ, איבערן פּאָנעם, איבער דער פּלייצע, איבערן געשלעכט־גליד... סימאָן הייבט אָן קרעכצן און מוירעדיק שריַיען... אייניקע אָפיצערן האָבן אופגע־הערט שלאָגן, נאָר אָנגעהויבן קניַיפּן און ציפּן שטיקער פלייש... סימאָן הייבט זיך אָן ווערן, ער וויל זיך קעגנשטעלן, נאָר ער קען ניט — זיַין גוף געפינט זיך געפאנגען. דער פעסטער אָרגא־ניזם וויל ניט שאָלעם מאכן מיט די שרעקלעכע ליידן. דער געפיל פון פארטיידיקונג הייבט אָן פּראָטעסטירן, זאָגט אים אונטער: „דיַינע ציין זיַינען פריַי — ביַיס". סימאָנס ציין האָבן מיט דער גאנצער שארפקייט זיך איַינגעביסן אין אדעלאָרדאָס האנט.

אדעלאַרדאָ האָט אָנגעהויבן היסטעריש רעווען, ניט מיט זײַן קאָל:

— אוי!.. מײַן האַנט!..

אַז זײַן האַנט האָט זיך אַ פאַרבלוטיקטע פון סימאָנס צײַן באַ־פרײַט, האָט ער, וואַקלענדיק זיך, ווי אַ פעטע גאַנדז, אָנגעהויבן שרײַען:

— שלאָגט, הארגעט!..

אונטער סימאָנס פיס איז די ערד צעשוווּמען, דער קערפּער זײַנער אַ צעמיימעסטער, פול מיט ווונדן, רײַסט זיך צום דיל. פון דער נאָז האָט האַסטיק אַ זעץ געטאָן אַ שטראָם בלוט — ער פאַלט אום...

אויפן דיל אונטער אָפּיצערישע פיס קאָרטשעט זיך סימאָן אין קראַמפּן. ער ליגט, ווי אַ צונויפגעדרייטער קנויל. דער קאָפּ איז אים געוואָרן שווער, די אויגן האָט אַ געדיכטער נעפּל פאַרצויגן, ער כאַלעשט...

סימאָנען האָט מען אין אַ האַלב־טונקעלן צימער אַרײַנגע־שלעפּט, אין אַ גרוב, אָנגעפילט מיט שמוציקער וואַסער. די וואַסער דערמונטערט אים. ער איז געקומען צו זיך, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם: די וואַסער שטינקט, פאַר־שלאָגט דעם אָטעם...

סימאָנען האָט מען פון וואַסער אַרויסגענומען, לאַנג האָט ניט געדויערט, און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די פּײַני־קונגען.

— דו ביסט זיך מוידע?

סימאָן האָט אויף די אָפּיצערן געוואָרפן אַ פאַרפּײַניקטן בליק, ער האָט אָנגעהויבן שעפּטשען:

— איר זײַנט ש־פּי־נ־ע־נ... קאַנ־יבאַלן [1]...

איבעראַנײַס פּײַניקונגען, און ווידער פאַרלירט סימאָן דעם באַוווּסטזײַן...

---

1) מענטשן־פרעסער.

נאָכאמאָל וואַרפט מען אים אַרײַן אין שטינקענדיקער וואַסער. אַז סימאָן איז געקומען צו זיך, האָט ער דערפילט, ווי דאָס וואַסער קריכט דורך דער נאָז צום האַלדז, אין האַלדז האָט אָנגעהויבן וואַרגן... געריסן האָט ער זיך פון וואַסער אַרויס און ניט געקענט. פעסטע הענט האָבן אים געדריקט אַף אַראָפּ, ניט געלאָזט דעם קאָפּ אַרויס פון וואַסער. אַז דער בויך איז געוואָרן אָנגעבלאָזן, האָבן זיי אים פון וואַסער אַרויסגעשלעפּט.

דער דאָקטער, אַ הויכער, אַ שווערער, מיט אַ פּאָר פּאַרשײַטע אויגן האָט זיך איבער סימאָנען געוויצלט:

— ער וועט פון דער „וואַנע" זיך אַ שיין ביסל טשוכען, ביז ער וועט זיך אויסטשוכען...

פּאַשאָן האָט קאַלט באַפוילן זײַנע מיטהעלפער:

— פירט אים אָפּ אין קאַמער, ברענגט אהער אַן אַנדערן!

טריט האָבן זיך דערהערט. אין אַ פּאָר רגעס אַרום האָט אַ גרילץ פון שליסלען אין קאַמער אַרײַן זיך דערטראָגן. די טיר האָט סקריפּענדיק זיך אופגעפּראַלט. סימאָנען האָט מען אין קאַמער אַרײַנגעפירט. ער גייט, קוים וואָס ער שלעפּט די פיס. די סאָלדאַטן האָבן דעם סאַן-פּאולער מיט זיך מיטגענומען און זײַנען פון קאַמער אַוועק.

און ווידער אַ שטיקנדיקע שטילקייט אין קאַמער. בלייכע, מאָגערע פּנעמער זײַנען אָנגעצויגן, אויגן מיט פיבער-גלאַנצן זײַנען אײַנגעבויערט אין ווינקל, ווי סימאָן ליגט און קרעכצט פון ווייטיק...

סימאָנס אונטערשטע ליפּ איז צעשפּאַלטן, ביידע ליפּן — איין שטיק געשווילעכץ; דער בויך, אַן אָנגעבלאָזענער, שנײַדט, ווי מע וואָלט אינעווייניק מיט אַ טעמפּן מעסער געשניטן. ער האָט זיך געקאָרטשעט אין קראַמפּן, אַ שאַרפער הוסט האָט אופגעטרייסלט זײַן גוף, ער האָט אויסגעשפּיגן אַ פולן מויל מיט בלוט... יעדער אײַוועער טוט אים מוירעדיק וויי... זײַנע קרעכצן נעמען דורך מיט שוידער די אַרעסטירטע...

— וואָס איז דיר, סימאָן? — פרעגט עמעצער.

סימאָנס אויגן, וואָס האָבן זיך פאַרוקט טיף אונטער שטערן, האָבן געכאַפּט אַ קוק אין כווישעכן קאַמער, און ער האָט אַרויסגעקרעכצט:

— דער ווייטעק אַזאַ שאַרפער, מעשוגע צו ווערן...

אַ טויבער רויש האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן. שווערע טריט האָבן אָפּגעקלונגען אין קאָרידאָר. די אַרעסטירטע האָבן אויפגעציטערט, זיי ליגן אומבאַוועגלעך מיט שווערע קעפּ און קלאַפּנדיקע הערצער.

— „עפּשער מײַנע ווי צום פאַרהער?"

רעגעס, אַזוינע לאַנגע, האַרטע קריכן אין טפיסע, שנײַדן זיך אײַן אין קערפּערס... ווידער די נאָגנדיקע קלאַנגען בײַ דער טיר. דעם סאַן־פּאַולער האָבן זיי אַ פאַרבלוטיקטן אַרײַנגעטראָגן, און אַן אַנדער אַרעסטירטן פון קאַמער אַוועקגענומען.

אויף דער נאַרע ליגט דער סאַן־פּאַולער מיט אַן אָנגעצונדענעם מויעך, דער קערפּער זײַנער פיבערט, עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז די הענקער פײַניקן אים נאָך, שרײַט ער אַלץ פאַראַקשנט:

— איך ווייס גאָרנישט... איך קען אים ניט...

די סאָף נאַכט ווערט צעריסן פון קרעכצן און ווײ־געשרייען...

## III

דער קליינער קעלער, וווּ מאַרקוס איז פאַרשלאָסן, ווייקט זיך אין קײַלעכדיקן מעסלעס אין נאַכטישער פינצטערניש. מאַרקוס איז באַנאַכט געוועזן באַזונדערס אָנגעשטרענגט, ניט געקענט שלאָפן, אומרויִק האָט ער זיך געדרייט פון איין זײַט אויף דער צווייטער און אַלעמאָל זיך אויפגעזעצט. בײַ יעדן מאָל, ווען ער האָט זיך אויפגעזעצט, זײַנען די מײַז איבערגעשראָקענע אַנטלאָפן. עס האָט אים שטאַרק געביסן: די וואַנצן, וואָס זײַנען געדיכט אָנגעזעצט אין דער נאַרע, אין די ווענט און אין דער סטע־

ליע, האָבן דערפילט א פרישן קערפּער. מענגעסווייז זיינען זיי אים באפאלן, געזויגן זיין בלוט. האמעטנע געדאנקען האָבן אים נאָך אומרויִקער געמאכט און אפן הארצן אוועקגעלייגט א בלייענעם אומעט. די ערשטע נאכט אין טפיסע האָט צעגליט זיינע זיכרוינעס. יעדע געשעעניש, וואָס האָט אפ דער פריי זיך איינגעביסן אין זיין מויעך, איז בוילעט ארויסגעשווומען. דער גערדאנק וועגן דורכפאל גיט אים ניט קיין רו, מאטערט אים. ער זעט איינצלנע כאווריים, ער גריבלט זיך אין יעדן באזונדער, זוכט דעם נידערטרעכטיקן. און אָט ווערט דער שווערער געדאנקען־גאנג איבערגעריסן דורך שטיקלעך בילדער פונעם אייגענעם לעבן: אידע און דאָס קינד קומען אים פאר די אויגן. עס גיט אים א טיאָכקע אין הארצן. נערוועז דרייט ער זיך איבער אפ דער אנדערער זייט און ער רעדט אויס, ווי ער וואָלט עס אידען זאָגן:

— ווער ווייסט, ווי לאנג ער וועט זיין אונדזער צעשיידונג... עפשער אפ אייביק...

איינגעמאטערט פון דער שלאָפלאָזער נאכט, איז מארקוס אין באגינען איינגעדרימלט און באלד זיך אופגעכאפט אן איבערגעשראָקענער: אין די אויגן האָט אים געגעבן א שניט א בלאסע ליכט פון א לאמטערן. נעבן אים שטייען סאָלדאטן און א וועכטער, זיי זידלען זיך גראָב און באפעלן מיט זיי מיטגיין.

דער באגינען האָט פארווישט די לעצטע שפורן פון נאכט, און דער פרימאָרגן האָט הינטער דער טפיסע א העלע ליכטיקייט צעשאָטן. די פרישע לופט און די שיין פון אן אָנהייב טאָג האָט מיט מונטערקייט אים דורכגענומען. מארקוס גייט מיט אן אָפן מויל און שלינגט גיריק די פרישע לופט. ער האָט אָנגעשטעלט זיין בלאס פּאָנעם אין דער ריכטונג, ווו ער ווינט, און אין דער ווייטקייט געשיקט א פארטראכטן בליק.

מע האָט אים ארייגעפירט אין אויספאָרשונג־צימער. די אָפיצערן האָבן איבערגעריסן זייער פארטיפטן שמועס, מינוטן

האָבן זיך צעלייגט אין אַן אָנגעצויגענער שטילקייט. גיפטיקע בליקן האָבן גערעדט: „דאָס איז ער, דער באָלשעוויק, וואָס האָט בעגרייט דעם אופשטאנד"...

פּאשאַן האָט זיך געסוידעט מיט אַן אָפיצער, וואָס איז לעבן אים געזעסן, און דערנאָך מארקוסן גוטמוטיק פאָרגעלייגט:

— ביטע, זיצט.

מארקוס איז געשטאנען א ווײַלע, באקוקט דעם צימער. גע־בליבענע שפּורן פון פײַניקונגען האָבן געריסן די אויגן. דאָס, וואָס עס שטייט אים פאָר, האָט בא אים ארויסגערופן א נײַעם אופשטײַג פון מוט. ער האָט זיך אנידערגעזעצט נעבן א ביוראָ־טיש.

פּאשאַן איז געזעסן אָנגעשפּארט אין טיש, זײַנע זשוואווע טונקעלע אויגן האָבן נאָכגעשפּירט נאָך מארקוסעס יעדער באווע־גונג. ער האָט זיך צו מארקוסן געווענדעט:

— הייסט עס, זעען מיר זיך ווידער. איך דענק, אז איצט וועט איר שוין זײַן אזויפיל גוט און עפענען די קאָרטן, זאָגן דאָס, וואָס מיר האָבן פון אײַך געפאָדערט.

— מײַנע קאָרטן זײַנען אָפן.

פּאשאַן האָט אף מארקוסן א קוק געטאָן מיט א כויזעק־שמייכל.

— וויאזוי איז אײַער ריכטיקער פאמיליע־נאָמען?

— מאוריסע קעלער.

— בא אונדז געפינט זיך נאָך א דאָקומענט, דאָרט הייסט איר גאָר מארקוס פּיאטיגאָרסקי, א רוס. מיר ווייסן אויך, אז אײַער פסעוודאָנים איז זשעקא.

— ניט ריכטיק.

— ווער האָט צוזאמען מיט אײַך געארבעט? כע־כע־כע, גענ־דייט די באָלשעוויסטישע רעוואָליוציע!...

— איך ווייס ניט, — האָט מארקוס קורץ אָפּגעהאקט.

פאשאַנ נעמט ארויס פונ א שופלאָדל בילדער: ניקאָליי אר־ציבענקאָ, פלינימעלא אונ פילאיאַ־זשיל־ריבאס. ער ווײַזט זיי מארקוסנ אונ פרעגט:

— אונ די פערזאָנענ זײַנענ אײַך באקאנט?

מארקוס כאפט א קוק אפ די בילדער פונ כאווײרים. ער האלט אויס די בליקנ, וואָס האָבנ זיך אינ אים אײַנגעשטאָכנ, רויק ענטפערט ער:

— איך קענ זיי ניט.

— אזוי, איר קענט זיי ניט?!

— איר זײַנט דער אגענט פונ קאָמינטערנ?...

— ליידער האָב איך נאָך ניט פארדינט דעם קאָוועד צו זײַנ א פאָרשטייער פונ קאָמינטערנ.

— דער מיליטערישער טריבונאל, — זעצט פאָר פאשאָנ, — וועט אײַך פארמישפעטנ צו פעלד־געריכט... איר זײַנט נאָך אזוי יונג, איר קענט נאָך ראטעווענ אײַער לעבנ, ענטפערט נאָר ריכ־טיק אפ די פראגנ, וואָס מיר האָבנ אײַך געשטעלט, וועלנ מיר אײַך באפרײַענ.

מארקוס האָט א שפאָטישנ קוק געוואָרפנ אפ פאשאָנענ אונ אים גאָרנישט ניט געענטפערט.

האסטיק האָט זיך פאשאָנ אופגעהויבנ. ער איז א ווײַלע געשטא־נענ, געקלערט, וואָס נאָך פרעגנ אונ מיטאמאָל געביטנ זײַנ טאָנ. ער איז צוגעגאנגענ נאָענט צו מארקוסנ, ארויסגענומענ פונ קע־שענע א געדרוקט פאפירל, דאָס אונטערגעטראָגנ אים צו די אויגנ.

— דעם אופרופ צום מיליטער האָסטו געשריבנ?

מארקוס ווייסט, אז דער אופרופ קענ אים פירנ צום מיליטע־רישנ פעלד־געריכט, צום סאָפ פונ זײַנ לעבנ, דאָך האָט קיינ איינ גליד פונ זײַנ קערפער ניט געטאָנ קיינ ציטער.

— איך האָב דעם אופרופ ניט געשריבנ.

— ווער־זשע האָט אים געשריבנ?

— די קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

— האַ, דאָס הייסט ניט דו?!

די אָפּיצערן זײַנען פון די ערטער אויפגעשפּרונגען. זיי האָבן מאַרקוסן אַרומגערינגלט, אים אָנגעכאַפּט, געצווּונגען זײַן אומבאַ־ווענלעך. פּאַשאָן האָט פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס. שטאַרקע ציִען האָבן דעם ברענענדיקן שפּיץ פון פּאַפּיראָס מער צעגליט. לאַנג־זאַם האָט ער אַרויסגענומען פון מויל דעם פּאַפּיראָס, אַראָפּ־געשאַרט דאָס ביסעלע אַש און קאַלטבלוטיק צוגעלייגט דעם ברענענדיקן שפּיץ צו מאַרקוסעס שטערן און אַזוי איידל גע־זאָגט:

— שרײַבט אונטער דעם פּראָטאָקאָל.

מאַרקוסן איז אַ פראָסט דורכגעלאָפן איבער זײַן לײַב. ער האָט די ליפּן זײַנע אײַנגעביסן ביז בלוט.

— איך שרײַב ניט אונטער!

גומענע שטעקלעך האָבן אָנגעהויבן פײַפן איבער מאַרקוסעס לײַב, זיי האָבן אים געשלאָגן ביז בלוט...

די פּײַניקונגען זײַנען אָפּ אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט געוואָרן. פּאַשאָן איז צו מאַרקוסן צוגעגאַנגען. ער האָט נאָכאַמאָל מיטן פּראָטאָקאָל אין די הענט צו מאַרקוסן זיך געווענדעט:

— נו? — — —

— איר שרײַבט אונטער?..

מאַרקוס האָט אויפגעוואַכט פון דער טעמפּער פאַרטויבונג. ער האָט פּאַשאָנס ווערטער ניט געהערט. נאָר זעענדיק אים נעבן זיך מיטן פּראָטאָקאָל אין די הענט, האָט ער זיך אָנגעשטויסן, וואָס ער פאַרלאַנגט פון אים. אָנשטאָט אַן ענטפער האָט ער פּאַשאָנען געגעבן אַ שפּײַ גלײַך אין צורע אַרײַן... באַלד האָט ער דערפילט, ווי צוויי הענט האָבן זיך אין זײַנע האָלדז אײַנגעביסן, אָפּגענומען די לעצטע קויכעס...

מיט אייניקע שאָען צוריק איז מאַרקוס אַ שלאַנקער, אַ פעס־טער געגאַנגען אַפּ דעם פאַרהער און גיריק געשלונגען די פרישע

לופט, איצט ליגט ער אף דעם טראָג-בעטל, אויסגעצויגן אין זײַן גאנצן וווקס. צוויי סאָלדאטן טראָגן אים צוריק אין טפיסע אַרײַן.

* * *

דורך דעם גראטעדיקן פענצטערל האָט א בלאסער אָפּשײַן פון א שײַנעם טאָג ארײַנגעדרונגען אין קאמער. דער אָפּשײַן איז געפאלן אף פלאָרעסעס צונויפגעדרייטן גוף. ער ליגט אף דער הארטער נארע, זײַן שטערן איז צעאקערט אין פאלדן, ער קוקט ארוף צום קליינעם, שמאָלן פענצטערל, וואָס לעבן דער סטעליע. פלאָרעס פילט, ווי אן אומגעהייער שווערע מאסע האָט זיך אוועקגעלייגט אף זײַן קערפּער — די קויכעס הייבן אים אָן פארלאָזן. פלאָרעס ליגט צונויפגעדרייט אפן שטרוי־זאק. זײַן טויט־בלאס געזיכט איז פארקרימט אין א מוירעדיקער גרימאסע. זײַנע אויגן, וואָס האָבן פריִער אויסגעזען ווי אויסגעלאָשן, ליגן איצט פארגליווערט אונטער די ברעמען. די ווייטעקן, וואָס האָבן אים אף א ווײַלע אָפּגעלאָזט, האָבן נאָך שארפער אים ארומגעכאפט. ער קרעכצט שטיל, ער אונטערדריקט דעם ווייטעק, נאָר אלעמאָל רײַסט זיך בא אים ארויס אזא שרעקלעכער ווײַ־געשריי...

אלע זײַנע צוגעלאָפן צו פלאָרעסן, האָבן ארומגערינגלט דעם צונויפגעדרייטן קערפּער און מיט שרעק געקוקט אף אים.

פלאָרעס האָט אין האלב פינצטערניש באמערקט, ווי מע שטייט ארום אים, האָט ער אָנגעשטרענגט די לעצטע קויכעס און גאָר שטיל גערעדט:

— כאוויירים, זוכט ניט דעם שולדיקן, איך האָב... איך האָב ארויסגעגעבן זשעקען... מעסלעסן האָט מען מיך געפּײַניקט, און איך האָב גאָרנישט ניט געזאָגט. זיי האָבן בא מיר ארויסגעריסן... איך בין ניט שולדיק...

ער האָט זיך אָנגעהויבן דרייען קאָנוולסיוו און איז געבליבן ליגן אָן באוועגונג.

עמעצער האָט פון פארצווייפלונג א געשריי געטאָן:
— פלאָרעס!!
איינער פון די ארעסטירטע איז צוגעלאָפן צום טיר און אָנ־געהויבן שטארק קלאפן.
פון קאָרידאָר האָבן זיך שווערע טריט דערהערט. דער וועכ־טער האָט דורך דעם „אויג" אריינגעקוקט און האָט ביין א ברום געטאָן.
— ווער קלאפט עס דאָרט?
— רופט א דאָקטער — פלאָרעס גייט אויס!...
א קלינגעריי פון שליסלען. די טיר עפנט זיך.
צוויי וועכטער זיינען אריין אין קאמער, האָבן פלאָרעסן אוועקגעלייגט אף א טראָג־בעטל און מיט אים אוועקגעשפּאנט אין שפּיטאָל אריין.

---

## קאפיטל נײַן

### I

אין קאיאָר האָט אידע אין דער ארבעטער־געגנט „סאנושואנ"
אײַנגעהאלטנ איר האסטיקנ גאנג, אָנגעהויבנ גײנ פאמעלעכ, אונ
פאָרזיכטיק זיכ ארײַנגעכאפט אינ דעמ אָפגערעדטנ אָרט. צווײ
יאטנ האָבנ אפ איר געווארט. זי האָט פארוונדערט געפרעגט:

— ווו זײַנענ די איבעריקע?

— ארעסטירט.

— ארעסטירט? וויאַזוי?

— באנאכט זײַנענ פאָרגעקומענ ארעסטנ, האָט מענ זײ אויכ פארנומענ...

— ניט פריילעכ... ווו זײַנענ די אופרופנ?

— זײ געפינענ זיכ דאָ.

— נו, לאָמיר גײנ! — מוטיקט זײ אידע.

די צווײ יאטנ האָבנ זיכ איבערגעקוקט.

— איצט? אינ סאמע פײַער?!

— בא קאָמיוגיסטנ זײַנענ ניטאָ קײנ אָפהאלטנ, — האָט אידע מיט פאָרוורפ געענטפערט, — פארטײ־באשלוסנ מוזנ ווערנ אויסגעפילט...

האסטיק האָבנ אופרופנ זיכ צעבלעזלט אונ איבערגעשווומענ פונ אײנעמס הענט אינ אנדערע. באלד זײַנענ זײ אײנציקווײַז פונ דער שטוב ארויס אונ דורכ פארשײדענע וועגנ האָבנ זײ געשפרײַזט צו די פאבריקנ.

אידעס רענצל איז אָנגעפולט מיט אופּרופן. זי שטייט לעבן טויער פון דער טעקסטיל־פאבריק „רענאר״ און ארבעט מיט א דאָפּלטער ענערגיע. שנעל, אומבאמערקט, שטופּט זי אריין צונויפ־געלייגטע אופּרופן די איילנדיקע ארבעטער. זי האָט אויסגעשטרעקט א האנט מיט אן אופּרוף צו א מיטליאָריקן ארבעטער. דער אר־בעטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, די אראָפּגעלאָזענע הענט זיינען ניט גערירט, ווי ער וואָלט מוירע האָבן זיך אָפּבריען. ער האָט אָפּ איר געטאָן א קרומען קוק מיט די אויסגעלאָשענע אויגן.

— וואָס איז דאָס פאר א בלעטל?

אידע האָט אים אופמערקזאם באקוקט: א סטולעוואטע פלייצע, די באקן איינגעפאלענע, און דאָס פּאָנעם האָט א שווינד־זוכט־קאָליר. זי האָט אים אינקורצן איבערגעגעבן דעם אינהאלט פון אופּרוף. ער האָט א גלייכגילטיקן מאך געטאָן מיט דער האנט:

— ע, סיי־ווי־סיי וועט שוין גוט ניט זיין...

אין אידעס אויגן — אן אָנגעצונדן פייערל. זי האָט אָנגעהויבן דעם ארבעטער דערקלערן.

דער ארבעטער האָט א צי געטאָן מיט די אקסלען.

— נו, גיב שוין, עס וועט ניט שאטן אים איבערקוקן.

איילנדיק איז דער ארבעטער אריין אין טויער, פארשווונדן פון אידעס אויגן. א צווייטער ארבעטער איז אידען אנטקעגן געקומען. פּלוצעם האָט אידע פונדערווייטן באמערקט, ווי פּאול איילט זיך צו איר; ער שטעלט גרויסע, האסטיקע טריט. אז ער איז נעענטער אונטערגעקומען, האָט זי דערזען, ווי ער זעט אויס מאָדנע צעטראָגן. זי איז געוואָרן אומרויק, אָנגעהויבן גיין אים אנטקעגן.

— וואָסי, פּאול?

א פארסאפּעטער האָט ער געזאָגט:

— פערנאנדען האָבן די געהיים־אגענטן פארהאלטן. איך האָב מיך קוים ארויסגעדרייט און אנטלאָפן.

— וואָס ביסטו אהער געקומען?
— דיך פארהיטן פון געפאר.
— וואָס מיינסטו?
— קום אוועק פונדאנען!
— וווהין זאָלן מיר גיין?
פאול קוקט זיך ארום און רוימט איר איין אין אויער:
— קום אין קאָנספיראטיוון אָרט.

אידע האָט אפ א ווײַלע פאולן פארהאלטן, די לעצטע אופ־רופן צעטיילט, דורך זײַטיקע, קרומע געסלעך האָבן זיי זיך גע־לאָזט גיין צום אָפּגערעדטן אָרט.

## II

אין צווייטן עק־שטאָט, אין א זײַטיקן שטילן געסל שטייט אָפּגעזונדערט אן אלט אײַנגעבויגן שטיבל. אין דער הינטערשטער זײַט איז א הויקערדיקע וואנט מיט קלעצער אונטערגעשפארט. אין שטיבל ארום א טישל זיצן ארבעטער, ריידן צווישן זיך גאָר שטיל, ווי זיי וואָלטן זיך אויך געהיט פאר די אויסגעבויגענע ווענט.

אידע זיצט קעגן פענצטער. די שטראלן פאלן אפ אידעס בלאס פּאָנעם, טיילן אויס די שיטערע, זומער־שפרינקעלעך אפ אירע באקן, שנײַדן די אויגן. זי האָט מיט די הענט די אויגן פארשטעלט און מיטן שטול זיך אָפּגערוקט אין ווינקל. אידע האָט זיך באמיט צו האלטן רויִק, זי האָט א ווײַלע געקוקט אין פענצ־טער פאר זיך, אָן א ציל. פאר אירע אויגן האָבן ארעסטירטע כאוויירים דורכגעשווינדלט... זי האָט זיך האסטיק פון אָרט אופ־געהויבן, מיט געפיל געגעבן א זאָג:

— כאוויירים! מיר וואָלטן געדארפט באטראכטן, וואָס צו טון, וויאזוי ארויסקריכן פון דער באהעלטעניש, דעם מוט בא די ארבעטער אופהייבן.

— עס ווילט זיך דיר קריכן אפ די גלאטע ווענט, — האָט איינער א שטאָך־וואָרט איר צוגעוואָרפן.

אידע האָט א קרומען קוק געגעבן אפ אים און פאראקשנט געענטפערט:

— קאָמוניסטן אנטלויפן ניט פון קאמף...

עס האָט זיך דערהערט א קלאפ אין טיר. א מאָדנע שטיל־קייט האָט זיך באזעצט אין שטיבל. שווייגנדיק האָבן זיי זיך איי־בערגעקוקט.

א סאָלדאט איז אריינגעקומען. דער מענטש פון נידעריקן וווקס אין מיליטערישן אָנטאָן איז ווי געוואָרן נאָך קלענער, דער קאָפּ איז ווי אין דער ברייטער פלייצע אריינגעוואָקסן, זיין פּאָנעם איז צעטומלט און שטארק בייז. ער האָט זיך שווייגנדיקערהייט אראָפּגעזעצט אפ א בענקל, און אז ער האָט אָפּגעכאפּט דעם אָטעם, האָט ער ארויסגערעדט:

— דער אופשטאנד איז דורכגעפאלן...

א קאַלטער שווייס איז ארויס אפ קערפּערס. שטימען האָבן אופגערעגט איבערגעכאזערט:

— דורכגעפאלן...

— מיר האָבן פארשפּילט...

פראנציסקע האָט אָנגעהויבן ארומשפּאנען איבער דעם שטיבל, זיין פּעסט קאָל האָט מיט זיכערקייט געזאָגט:

— מיר מוזן זיך דערוויסן ווו, אין וועלכער טפיסע די ארעס־טירטע געפינען זיך, מע מוז די כאווירים באפרייען.

— וואַנטיורע... אַ אומזיג... האָט אַ אומצופרידענער אויס־געשריגן.

פראנציסקעס אויגן האָבן אונטער כמורנע ברעמען זיך באַ־האלטן. ער קוקט אפ אידען, פונקט ווי אין איר וואָלט ליגן דער גורל פון זיין פּלאן. מיט פארדראָס האָט ער געענטפערט:

— די וואַנטיורע נעם איך אפ מיין פאראנטוואָרטלעכקייט...

אידע זיצט מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּארט אין טישל, נער־

וועז האָט זי געגעבן א הייב מיט דער פּלייצע, זי האָט א וואָרפּ געטאָן א קאַלטן בליק און אָנגעהויבן אנטשלאָסן ריידן:

— דער גאנצער פּארטיי־אקטיוו איז ארעסטירט. קיין פאר־בינדונג מיט דער ארבעטער־מאסע איז ניטאָ, אומזיסט פּאטערן מיר דאָ שאָען.

— זי איז גערעכט, — האָט אן ארבעטער, מיט א לענגלעכ אויסגעצערט געזיכט, באמערקט.

— אידע, וואָס האָסטו געוואָלט מיט דעם זאָגן? — האָט פּאול זיך צו איר געווענדעט.

— לאָמיר ריידן מער ערנסט, — זאָגט אידע, — איך מיין, אז מיר מוזן פאָרזעצן די ארבעט. פון דעם דורכפאל אין פינפטן יאָר אין רוסלאנד האָט דער רוסלענדישער ארבעטער זייער אסאך זיך געלערנט. און מיר פון דעם דורכפאל דארפן זיך לערנען אויסצומיידן פעלערן...

— ס'איז א געזונטער געדאנק.

א שיינער, לויטערער טאָג. פון דעם העל־בלויען הימל קוקט אראָפּ אפ דער שטאָט די זון מיט ברענענדיקע שטראלן. אידע טראָגט זיך איבער גאסן, פון צייט צו צייט גיט איר אונטערן הארצן א נאָג: „דאָס קינד געלאָזן אפ הפקר...” אָבער באלד ווערט זי פארשלונגען פון דער ארבעט.

פארנאכט־צו האָט אידע זיך אומגעקערט אהיים, און דורך דער הינטערשטער טיר זיך אריינגעכאפּט צום קינד.

## III

זשוזעפינע האָבן די טאָגטעגלעכע ביטערנישן אויסגעצערט. זי איז ווי געוואָרן קלענער אין וווקס, איינגעבויגן, און די האָר זייַנען געזילבערט. אפ איר געלן פּאָנעם האָבן זיך די קנייטשן גע־דיכטער צעלייגט. זשוזעפינע האָט זיך געלאָזט גיין מיטן געדרייטן אויסגעטראָטענעם סטעזשקעלע, בארג אראָפּ. אז זי איז ארופגע־

קומען אַף אַ ברייטער, רווישיקער גאַס, האָט פֿון אַ געוועלב אַף איר אַ ווייַע געטאָן דער ריַיעב פֿון פֿריש געבעקס. זי איז גע־בליבן שטיין אַף אַן אָרט. אירע הונגעריקע אויגן האָבן זיך גע־ריק אייַנגעפּרעסן אין געבעקס, וואָס ליגט צעלייגט אַף די פּאָ־ליצעס.

— די קלייט, אַ פֿולע מיט עסנווארג, — רעדט צו זיך אַלייַן זשוזעפינע, — און אַביסעלע ווייַטער פֿונדאַנען, אַפֿן באַרג, גייט מען אויס פֿון הונגער...

זשוזעפינע איז געגאַנגען מיט אַ שווערן געמיט. זי האָט גע־שלעפּט די צוויי אויסגעטרוקנטע פֿיס. אַף אַ שטילער, רויִקער גאַס, האָט פֿון אַ גאָרטן זיך צו איר דערטראָגן אַ געזונטער, פֿרייִלעכער קינדערשער געלעכטער, זשוזעפינע האָט אַ צאַפּל גע־טאָן, ס׳האָט איר פֿאַרכאַפּט דער אָטעם. זי האָט זיך ניט ווילנדיק אָפּגעשטעלט. מיטאַמאָל האָט איר געגעבן אַ ריס די אויגן: אַ זאָרגלאָזע מוטער, פֿאַרשמייַעט פֿון פֿרייד, שפּילט זיך מיט אירע קינדער. זיי שטייען זאַלבעדריט אין אַ קרייַז, מיט שטעקעלעך אין די הענט. אָט יאָגט זיך דאָס מיידעלע נאָך אַ געוואָרפֿן רייפֿל, פֿון אירע צעפֿלאַמטע בעקלעך און פֿון די צעשטראַלטע אייגעלעך שפּריצט מיט געזונט.

— דאָס מיידעלע איז אַזוי גרויס, ווי מייַן אַנעלע, — איז בײַ זשוזעפינען דורך אַ געדאַנק, — זע נאָר סאַראַ שרעקלעכער אונ־טערשייד... דאָס ייִנגעלע מיסטאַמע אין זעלבן עלטער, וואָס מייַ־נער, וועלכער איז פֿון הונגער אויסגעגאַנגען...

דאָס מיידעלע האָט אויסגעדרייט דאָס קעפּל, זי האָט דער־זען זשוזעפינען, אָנגעשפּאַרט אין פּאַרקן. דאָס קינדערשע קעלכל האָט אין גאָרטן, ווי אַ גלעקל, געטאָן אַ קלונג:

— מאַמע, אַן אָרעמע!

די מאַדאַם האָט אַף אַ ווייַלע איבערגעריסן די שפּיל, אומצו־פֿרידן געוואָרפֿן אַ קאַלטן בליק אַף זשוזעפינען. זי האָט דער־לאַנגט דעם מיידעלע אַ מאַטבייע און געזאָגט:

— גיי, טראָג אוועק דער בעטלערן.

א פלינק, באוועגלעכ קינד איז צו זשוזעפינען צוגעלאָפן, איר דערלאנגט די נעדראָווע.

זשוזעפינע איז געבליבן שטיין צערודערט. איר האנט האָט געציטערט...

## IV

אינ טיר פונ אידעס צימער האָט זשוזעפינע לייכט אָנגעקלאפט.

— ביטע, אריינגיינ, — האָט אידעס דינ קאָל אינדערהייכ זיכ געגעבנ א טראָג.

די טיר האָט זיכ לאנגזאמ געעפנט, אונ ניט דרייסט, מיד שלעפנדיק די פיס, איז זשוזעפינע אנ אייַנגעהאָרבעטע ארייַנגעקומענ:

— מיר דוכט, זשוזעפינע, זשוואנעס מוטער? — האָט אידע געפרעגט.

— יאָ.

— קומט אהער, זעצט זיכ צו.

פאר די עטלעכע וואָכנ, וואָס אידע האָט זי ניט געזענ, האָט זי זיכ שטארק געענדערט, איר גאנצער אויסזענ טראָגט אפ זיכ שפורנ פונ שווערע איבערלעבונגענ.

— וואָס מאכט איר?

— וואָס זאָל מענ מאכנ? צאָרעס...

אידע האָט זיכ געגעבנ א כאפ:

— איר ווייסט עפשער נייַעס?

— ניינ, איכ וויים פונ זיי גאָרניט... — האָט זשוזעפינע פארדמערט געענטפערט.

— פונ דייַנ מאנ ווייסטו עפעס?

אפ אידעס בלאס פאָנעמ האָבנ ליידנ זיכ אָנגעהויבנ אָפשפיגלענ. מינוטנ האָבנ זיכ צעלייגט אינ א טעמפער שטילקייַט.

— מעשונעדיקע קלאנגענ גייענ אומ אינ שטאָט, — ענטפערט אידע.

שוין צוויי מיט א האלבן כוידעש, אז איך ווייס ניט, ווהין זיי זיינען אהינגעקומען...

— יעדערער האָט זיך זיין פעקל צאָרעס, — האָט זשוזעפינע ארויסגעשטאמלט און דערנאָך דרייסטער געזאָגט:

— עפשער דארפט איר א שטיבל פאר אייער ארבעט? נעמט מיין באראקל. כ'וועל אייך אליינ אָפּהיטן!

אידעס אויגן האָבן אָנגעהויבן פינקלען פון פרייד.

— גוט, אייער באראקל וועלן מיר אויסנוצן, מיר דארפן טאקע אין אייער געגנט האָבן א פונקט.

— זייער גוט.

— ווי לעבט זיך אייך? וואָס מאכן אייערע קינדער? — האָט אידע מיט איבערגעגעבנקייט געפרעגט.

זשוזעפינע האָט די ביינערדיקע עלנבויגנס אָנגעשפארט אינ טישל און מיט די הענט ארומגענומענ דאָס פּאָנעם, געבליבן זיצן אומבאוועגלעך. זי האָט קיין כיישעק ניט געהאט צו ענט־פערן. ענדלעך האָט זיך ארויסגעריסן פון איר איינגעפאלענער ברוסט א זיפצ, און טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן קייקלען אפ דעם דארן אויסגעצויגענעם פּאָנעם:

— מיינע קינדער?.. דער הונגער האָט שוין איינעם בא מיר אוועקגערויבט.

איבער אידעס קערפּער איז א ציטער דורכגעלאָפן. מינוטן באַכאנאנד האָט זי נישט געקאָנט קיין וואָרט ארויסריידן. זי האָט מיט שרעק געזאָגט:

— וואָס רעדט איר, א קינד פון הונגער געשטאָרבן?!.

זשוזעפינע האָט זיך נערוועז געגעבן א הייב אוף, אָנגעהויבן זוכן אינ קעשענע. זי האָט פון דער קעשענע ארויסגענומענ א מאטביייע און היסטעריש אָנגעהויבן לאכן. דער געלעכטער איז געוואָרן ווילד, האָט זיך מיט א כריפּעדיקן הוסט פארענדיקט.

— א רייכע סעניאָרע, וואָס האָט זיך זאָרגלאָז געשפּילט מיט אידעס קינדער, האָט מיר די מאטביייע א נעדאָווע געגעבן...

אפֿ אידעס שטערן איז ארויס א דריבנער קאַלטער שווייס,
זי האָט זשוזעפּינען ארומגענומען און געבעטן:
— באַרויִקט זיך. איך בעט אײַך.
— איר וועט זײַן אזוי גוט כאַפּן א קוק אפֿן קינד, איך קום באַלד ארײַן.
אידע איז פֿון צימער ארויסגעלאָפֿן. זי האָט געשפּרײַזט מיט אײַליקע טריט. זי איז ארײַן אין א קלייט פֿון עסנווארג און אײַנגעקויפֿט שפּײַז. אינדערהיים האָט זי אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון דעם פּארפּאַליעטן פּאָנעם און צו זשוזעפּינען זיך געווענדעט:
— כאַפּט עפּעס איבער און נעמט דאָס קוישל.
זשוזעפּינע האָט איבעראַשט געקוקט אפֿ דעם קוישל עסן, אין אן אומרויִקײַט האָט פּארצויגן איר פּאָנעם.
— דאָס לעצטע גיסטו מיר אוועק...
— כ'האָב נאָך.
זשוזעפּינע גייט מונטער אהיים. זי טראָגט מיט זיך עסן פֿאַר די קינדער...
אפֿ דעם אָנגעכמורעטן הימל האָבן זיך פּארשפּינט בלײַענע וואָלקנדלעך און צעשפּרייט איינע טונקעלן צודעק איבער דער שטאָט. די אָנהייב נאכט האָט מיט א פּויזנדיקער פינצטערניש אָנגעפּילט דעם בארג. זשוזעפּינע גייט בארג ארופ, אײַלט זיך צו די קינדער.

# קאפּיטל צען

I.

אַ אויסגעשטערנטע נאַכט.

איבער גאַסן פאַרזונקענע אין שלאָף לויפן אויטאָמאָבילן מיט פאַרלאָשענע פייערן — פּירקאַנטיקע, שוואַרצע קאַסטנס — איינער נאָכן אַנדערן. אין פינצטערע ערטער, וווּ ליכט איז אינגאַנצן אויסגעלאָשן, הייבן אָן די עלעקטרישע אויגן פון די אויטאָמאָ־בילן מיט צעבויטעטער שײַן פלעקן די נאַכט.

די אַרעסטירטע זיצן אינעווייניק, אין די פינצטערע פאַר־שטיקטע קאַסטנס, אומבאַוועגלעך. פונדרויסן האָבן זיך צו זיי אַרײַנגעטראָגן שטילע, אָפּגעהאַקטע קלאַנגען פון די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן. די נידעריקע סטעליעכלעך האָבן קעפּ אײַנגעבויגן, זיי צונויפגעקאָרטשעט... פון זיצן געפּרעסט איינער אָפּן אַנדערן האָבן זיך קערפּערס באַגאָסן מיט שווייס און אין טונקלקייט אײַנגעהילט זייערע געהירן. קימאַט יעדערער האָט געפילט, ווי עס פעלט אים לופט, ווי אים ווערט ניט גוט, און אָט האָבן אייניקע אָנגעהויבן אויסברעכן דאָס עסן, וואָס זיי האָבן נאָך מיט טעג צוריק געגעסן...

עמעצער האָט מיט אַ שוואַך קאָל זיך געבעטן:

— כאַווער, ברעך אין הוט אַרײַן... דו האָסט מיך שוין אינ־גאַנצן פאַרבראָכן...

דער סערזשאַנט, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן מיליטערישן אופשטאַנד אין קאַזאַרמע, האָט אָנגעהויבן אין דער וואַנט פון שאָפער שטאַרק־שטאַרק קלאַפּן.

— א שפּאַרונקעלע עפּנט!
— גיט א ביסל לופט!
— הענקער !...
פון יענער זײַט וואַנט, פונדרויסן, האָט בײז א ווילדע געמ־בע געשניטן די נאַכט־שטילקײַט און געדראָט:
— הערט אוף! הערט אוף, רוצחים, באומרויִקן!..
די אויטאָמאָבילן האָבן אָנגעהויבן פאָרן אַף א ברוקירטן שליאַך. די אויטאָמאָבילן האָבן אַף קיין איין רעגע זיך ניט אָפּגעשטעלט, געפלויגן, געטרייסלט, געוואָרפן די פאַרכאַלעשטע אהין און צוריק, און ענדלעך אין א טיפן טאָל זײַנען זיי געבליבן שטיין.
הינטער דער שטאָט, צווישן די בערג, איז די נאַכט פינצטע־רער, געדיכטער. א טונקל בלויער הימל האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַף די הויכע גרינע בערג. די נאַכט האָט צונויפגעגאָסן די בערג מיטן הימל און אײַנגעהילט דעם טאָל אין נעפל. פון דער ווײַט האָט זיך דערטראָגן א צעצויגענער פײַף פון א צוג און טויבע קלאַנגען פון רעדער, וואָס האָבן זיך האַסטיק געקײַקלט אַף די רעלסן.
אז מע האָט אופגעשלאָסן די טיר פון אויטאָמאָבִיל, זײַנען פיר אַרעסטירטע פאַרכאַלעשטע אַרויסגעפאַלן. אומבאַוועגלעך זײַנען זיי געלעגן אפן וועג לעבן דעם אויטאָמאָבִיל, ביזוואַנען זיי זײַנען אביסל צו זיך געקומען. די פרישע לופט האָט זיי אביסל דערמונטערט, זיי האָבן געעפנט צעשראָקענע אויגן און האָבן באַקוקט דעם פינצטערן אַרום. קאָנטורן פון בערג האָבן זיך אין נעפל געצייכנט. באַלד האָבן די אַרעסטירטע באַמערקט, אז זיי געפינען זיך אויסער דער שטאָט אין א טאָל. יעדערנס נערוון זײַנען אָנגעשטרענגט געוואָרן ביזן העכסטן גראַד, און זייִ־ערע בליקן האָבן אין דער פינצטער פרעגנדיק זיך איבערגעקוקט:
— שוין זשע קומט דער סאָף?.. שוין זשע פירט מען אונדז שיסן?..

פיר סילועטן האָבן געפלאָנטערט מיט די פיס, געגאַנגען און טער א באוואָפנטער וואך, וווהין מע האָט זיי געפירט. פון דעם נעפל האָט געגומען ארויסקריכן א בלאסע שיַין פון אן עלעקטריש לעמפל, עס האָט א שטיקל האָפענונג אין זיי אופגעפלאַקערט. ווען פון דעם נעפל האָבן זיך אויסגעשיילט צייכענונגען פון געבײַדעס, איז זיי קלאָר געוואָרן, אז מע פירט זיי אין מיליטערישן לאגער.

אין א לאנגן איינשטאָקיקן דיקן מויער מיט קליינע גראטעדיקע פענצטערלעך, אונטערן דאך, ווו מיט א טאָג צוריק זײַנען פערד געשטאַנען, האָט מען די ארעסטירטע ארײַנגעפירט. דער פערדישער קויט האָט זיך נאָך שטארק געלאָזט פילן. די ארעסטירטע האָבן זיך אנידערגעזעצט אף א קופּקעלע שטרוי, וואָס איז אין א זײַט געלעגן, און לאנגזאם גענומען באטראכטן דעם פערד־שטאל.

יעדעס מאָל ברענגט די וואך צו פירן פיר ארעסטירטע. אז דער פערד־שטאל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט די געפאנגענע, האָט אן אָפיצער מיט א שעלמיש שמייכעלע אף די ליפּן געזאָגט:

— איצט קאָנט איר כאפּן א דרעמל, ביז אינדערפרי וועט אײַך קיינער ניט שטערן די רו...

בליקן פול מיט פאראכטונג האָבן נאָכגעקוקט דעם אָפיצער, וואָס האָט מיט געמאָסטענע טריט פארלאָזט דעם שטאל.

## II

פינף קילאָמעטער פון דער שטאָט, צווישן בערג, אין א טאָל, ליגט צעשפּרייט דער מיליטערישער לאגער. אף דער טעריטאָריע פון לאגער שטייען אין איין זײַט גרויע קאזארמעס און אף דער אנדערער זײַט, הארט אין סטעפּ—א שמאָלער און לאנגער געמויערטער פערד־שטאל.

אין פערד־שטאל איז פינצטער. דורך די פענצטערלעך קוקן ארײַן קליינע, שמאָלע פאסיקלעך הימל. אף דעם פּײַכטן, קאלטן

דיל ליגן אין א האלבן רונד מענטשלעכע קערפּערס. די קערפּערס זײַנען אָנגעצונדן מיט רעוומאַטיזם, וואַרפן זיך אין שלאָף פון פיבער... מעסלעס נאָך מעסלעס גייט, איי־נער אונטערשיידט זיך ניט פון אַנדערן: זיבעציק פײַנלעכע מעסלעסן זײַנען שוין פאַרגאַנגען, זינט מע האָט פון דעם שטאַל די פערד אַרויסגעפירט און אהין די פּאָליטישע אַרעסטירטע אַרײַנגעזעצט.

ווען אין שטאַל זײַנען פערד געשטאַנען, פלעגן שפּערלעך זיך אַרײַנכאַפּן דורך די אָפענע פענצטערלעך צו די פערדישע קאָרעטעס. די שפּערלעך קאָנען זיך ניט אָפּגעוווינען פון דעם גע־דאַנק, אַז אין שטאַל איז שוין מער ניטאָ קיין קאָרעטעס, קיין עסן, קיין פערד. קומען זיי יעדן פרימאָרגן צו פליִען, בלײַבן שטיין אַף די גראַטעס פון די פענצטערלעך און קוקן אַרײַן. אַ דיגע צאַפּלדיקע פּישטשערײַ הייבט זיך אָן קײַקלען איבער דעם שטאַל.

מאַרקוסן האָבן די אַכזאָריִעסדיקע פּײַניקונגען ניט געקאָנט פאַרפינצטערן דעם געדאַנקען־גאַנג, ער איז פול מיט מונטערקײַט. ווי נאָר די שפּערלעך הייבן אָן פּישטשען, כאַפּט ער זיך אויף. זײַן שפּיציק, בלוטלאָז פּאָנעם הייבט אָן אופלעבן. ער קערעוועט זיך אויס אַף דער אַנדערער זײַט, קוקט אַרויף צום פענצטערל און הערט זיך צו צו דעם פייגלשן טומל.

ער האָט זיך פאַרקוקט אַפן פּאַסיקל הימל און געטראַכט: וויַזט אויס, הײַנט וועט זײַן אַ שיינער, זוניקער טאָג. פּלוצעם האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם, עס האָט זיך באַ אים פון דער ברוסט אַרויסגעריסן:

— אָך, ווי גרוויזאַם!...

אַ געלע קאַץ מיט ווײַסע פלעקן האָט מיט אַ בליציקער שנעל־קײַט אַ שפּרונג געטאָן, איז אַרויף אַפן פענצטערל און אַ כאַפּ געטאָן אַ פייגעלע. דאָס פייגעלע האָט געגעבן אַ פּישטשע און איז פאַרשטומט געוואָרן. די קאַץ איז געשווינד פון פענצטער אַראָפּגעשפּרונגען. אין מינוטן אַרום האָט זי זיך ווידער אַפן

פענצטערל באוויזן, זיך אנידערגעזעצט אפּ די הינטערשטע פיס און פון גרויס האנאָע זיך אָנגעהויבן באַלעקן.

מארקוס האָט האסטיק זיך אופגעהויבן און האָט בייז א יאָג געטאָן די קאַץ.

און ווידער איז אין געפּענקעניש געוואָרן שאַ־שטיל. פון מאָל צו מאָל רײַסט זיך אַרײַן דער מאָנאָטאָנער קו־קו־קו־קו פון א קוקאווקע! .

מארקוס האָט זיך צוריק אוועקגעלייגט, ער ליגט אומבאוועגלעך. געדאנקען רײַסן שטיקער פון דעם קאָפּ.

— וואָס טוט אידע, דאָס קינד?... פּאפּא! ווו איז דער פּאפּא? — קער דער קליינער פרעגן.

— ווייס מען כאָטש אפּ דער פרײַ, ווו מיר געפינען זיך?... ווערט די ארבעט פאָרגעזעצט?..

דאָס קליינע טירל פון טויער האָט זיך געעפנט, ס'איז אַרײַנגעקומען א סערזשאנט, ער האָט אָנגעכמורעט די ברעמען און אײַנגעקוקט זיך אין די האלב־רונדע קערפּעס, סימאָנען מיטן פוס געגעבן א שטורכע.

— שטיי אופּ!

סימאָן האָט אן איבערגעשראָקענער זיך אופגעכאפּט. זײַנע אויגן האָבן א בלאָנדושע געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט אפן סערזשאנט. דאָס הארץ האָט בא אים גענומען קלאפּן און דאָס בלוט האָט א פלייץ געטאָן אין קאָפּ אַרײַן:

— ווידער פּײַניקן?!

— ער פרעגט פארשלאָפּן:

— ווהין?

— קום, נעם דעם עמער!

עס איז סימאָנען לײַכטער געוואָרן.

מארקוס האָט געכאפּט א קוק אפּ דעם סערזשאנט, דערנאָך איבערגעפירט זײַן בליק אפּ סימאָנען. ער זעט, ווי סימאָן האָט זיך שווער אופגעהויבן, צוגעגאנגען צום שטינקנדיקן עמער, זיך

פארהוסט און איינגעבויגענערהייט איז ער מיטן עמער פון שטאַל אַרויס.

צוויי סאָלדאַטן מיט אָנגעשטעלטע ביקסן האָבן סימאָנען גע־פירט. שוין לאַנג, אַז סימאָן האָט אַזאַ שיינעם פרימאָרגן ניט גע־זען. דער העלער, ליכטיקער אָנהייב טאָג האָט אים פאַרשיקערט. אַ וואַרעם ווינטל האָט פון זיין קאָפּ די געדיכטע שוואַרצע האָר צעפּאַטלט. די וואַך האָט אים צוגעפירט צום גרענעץ פון לאַגער, צו אַ טייכל.

— דאָ, גיס אויס!

די קלאָרע וואַסער האָט סימאָנען מיט קראַפט אַ ציִ גע־געבן צו זיך. ער האָט כיישעק באַקומען זיך אין וואַסער אַריינ־וואַרפן, אָפּשווענקען דעם שמוץ פון לייב. סימאָן האָט פון דעם פאַרלאַנג דערפילט אַ כּעס...

— וואַש אויס דעם עמער און היידאַ צוריק! — האָט איינער פון דער וואַך שטרענג באַפוילן.

אַז סימאָן האָט זיך אומגעקערט אין פערד־שטאַל אַריין, האָט אַ נעפּל פאַרצויגן זיינע אויגן. פון דער שטינקנדיקער, פאַר־דומפּענער לופט האָט זיך אים דער קאָפּ פאַרדרייט, זיין פּאָנעם איז געוואָרן בלאַסער און דער הוסט שטאַרקער. ער האָט מיט אַ באַנגנדיקער בענקשאַפט אַרויסגערעדט:

— אינדרויסן, אַזאַ שיינע וועלט... אַזויפיל זון... אַזאַ וואַ־רעמקייט... לופט... דאָ — פאַרדומפּן, אַן אייזן־קאַסטן...

— דו האָסט געפרוווט מיט די סאָלדאַטן זיך צונויפרעדן? — האָט מאַרקוס סימאָנען אַ פרעג געטאָן.

סימאָן האָט אַ הייב געטאָן די אַקסלען:

— די סאָלדאַטן האָבן קיין וואָרט ניט געלאָזט אַרויסריידן, אַז איך האָב פאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג, האָבן די באַגנעטן מיך אונטער־געיאָגט.

— אַך, ווען מע קאָן אָפּ דער פרייַ אַ בריון אַריבערפּעקלען...

— איך זע ניט קיין מעגלעכקייט, — האָט סימאָן געענטפערט.

# III

די גאַנצע נאַכט האָט אַנטאָניע זיך אומרויִק געוואָרפֿן. די ווערטער פֿון דעם אָפּיצער האָבן אים אָן אויפֿהער פֿאַרפֿאָלגט: „שרײַבט אונטער, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פֿון קאָמוניזם און איר וועט זיך מער ניט מישן אין פּאָליטיק, וועלן מיר אײַך באַפֿרײַען. מאָרגן קאָן אַ שײַן טון פֿאַר אײַך דאָס גליק... באַטראַכט זיך". דער אומעט האָט אים נאָך שטאַרקער אַרומגענומען, און אַן אינעוויניקסטע שוואַכקײַט האָט אים באַהערשט. געדאַנקען, וואָס זײַנען צוריק מיט טעג געווען אַנטאָניִען פֿרעמד, אים אויסגעזען פֿאַרעטעריש, האָבן איצט אָנגעהויבן אַרײַנדרינגען אין זײַן מויעך. וואָס מער ער האָט זיך באַמיט פֿאַרטרײַבן די געדאַנקען, אַלץ מער זײַנען זיי אין מויעך אַרײַנגעקראָכן. ער איז געוואָרן צעטראָגן, אָנגעווירן דעם גלײַכגעוויכט. ער האָט דערשפּירט זײַן וואַקלדיקײַט. ער האָט זיך אומרויִק אָנידערגעזעצט און זיך אָנגעשפּאַרט אין דער פֿײַכטער וואַנט.

— אומדערטרעגלעך איז דאָ דאָס לעבן...

— דיר, ווײַזט אויס, איז ערגער פֿון אַלע!...

אַנטאָניע האָט מאָרעשכוירעדיק און בייז צווישן די ציין אויסגערעדט:

— איך קאָן ניט מער... לײַדן.

זײַנע ווערטער האָבן אויסגעגעבן זײַן אײַנגעבראָכנקײַט.

— ניט פֿון איין טייג מיט אונדז געקנאָטן ביסטו...— האָט מיט פֿאַרדראָס פּילאַיאַ געזאָגט...— דו קאָנסט ניט פֿאַרקלעמען די ליפּן, געדולדיק איבערטראָגן די ווייטעקן...

אַנטאָניע האָט גלײַכגילטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ער האָט געפּרוּווט זיך פֿאַנאַנדערלאַכן, נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז אויגן האָבן זיך מיט אַ קאַלטער פֿאַראַכטונג אין אים אײַנגעשטאָכן, איז דער געלעכטער געבליבן שטעקן אין האַלדז.

— איך נייטיק זיך ניט אין נאָטאַציעס,— האָט אַנטאָניע אַ בורטשע געטאָן.

פילאיא ליגט מיט אָנגעצונדענע לונגען. אנטאָניִעס ענטפער האָט נאָך מער אָנגעבלאָזן די בײַטעלעך אונטער זײַנע אויגן. די טיפֿע קנייטשן האָבן זיך טיפֿער אײַנגעקארבט אין זײַן געזיכט. ער האָט געשוויגן א ווײַלע, אָפּגעכאפּט דעם אָטעם און מיט כּוי־זעק אין קאָל צו אַנטאָניִען זיך געווענדעט:

— הא, ניטאָ דײַן לופֿטיק צימער, דײַן זויבער בעט, דער מיטעק צו דער צײַט? איצט איז שווער צו זײַן א קאָמוניסט?..

א דעזשורנער איז ארײַנגעקומען, ער האָט גערופֿן אנטאָניִען אין שטאב ארײַן.

די פּענעמער האָבן זיך פֿארוואונדערט א קער געטאָן אין דער ריכטונג, ווו אנטאָניע האָט זיך געפֿונען. אלע האָבן פֿארכידעשט געקנייטשט מיט די אקסלען, געוואָרפֿן אף אים שארפֿע, פֿאַרשנ־דיקע אומצוטרוי־בליקן.

— מיר געפֿעלט דאָס ניט, — האָט פּילאיא באמערקט, — איין טאָג נאָכן אנדערן רופֿט מען אים אפּן פֿארהער. עפּעס ניט גלאט...

— אזוינער קאָן פֿאראטן, — האָט אן ארבעטער זיך אָנגערופֿן.

— איך קאָן אים גוט, — האָט מארקוס געענטפֿערט, — קיין פּראָוואָקאטער וועט ער ניט ווערן... ער וועט אזוי נידעריק ניט זינקען...

— דו קאָנסט פֿאר אים גאראנטירן? — האָבן עטלעכע שטי־מען מיטאמאָל זיך אָנגערופֿן.

— גאראנטירן קאָן איך ניט.

— פֿון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט ער איז ארײַנגעטראָטן אין דער פּארטיי, געפֿעלט ער מיר ניט, — זאָגט פּילאיא, געווען א פּוסטער שרײַער, א פֿאנטאזיאָר... מעגלעך...

מארקוס האָט זיך אײַנגעקוקט אין פּילאיעס אויסגעדארטן, געפֿאלדעוועטן פּאָנעם: רויטע פֿלעקן האָבן זיך אפּן פּאָנעם אויס־געטיילט. ער האָט זיך דערמאנט, אז פּילאיא טאָר זיך ניט אופּ־רעגן, האָט ער זיך ווארעם צו אים געווענדעט:

— פילאיא, זײַ רויִק, דו טאָרסט זיך ניט אופרעגן, עס איז פאר דיר שעדלעך.

פון א ווינקל האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן אומזיניקע גרויל־געשרייען:

— זיי גייען! —

— ראטעוועט !...

אלע האָבן אופגעציטערט, צעשראָקן זיך א קער געטאָן אין יענעם ווינקל. זיי האָבן דערזען, ווי שאָלעם רײַסט פון זיך דאָס העמד. מע האָט אים אָנגעהויבן בארויִקן.

— אומגליקלעכער... — האָט סימאָן א שעפטשע געטאָן.

דער פײַנלעכער טאָג איז פארגאנגען, און אנטאָניע האָט זיך צוריק ניט אומגעקערט. קיינער האָט וועגן אים מער קיין וואָרט ניט געוואָלט ריידן, מע איז געלעגן אין א לאנגן שווײַגן, און צעעפנטע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ צו דער שווארצער סטעליע...

# קאַפּיטל עלף

## I

דער ברעג פֿון אַנטלאַנטישן אָקעאַן איז אײנעם גאָלד פֿון דער פֿאַרנאַכטיקער זון. אידע איז אָנגעקומען אין דעם האַפֿן פֿון ריאָ־דע־זשאַנײראָ.

מיטן קינד אױף דער האַנט שטײט אידע און קלערט: צו װעמען צופֿאָרן? בײַ מאַרקוסעס שװעסטער, בײַ כאַנען, איז די שטוב אַ גרױסע, עפּשער צו איר? אַז אידע דערמאַנט זיך אין כאַנען, הײבט איר אָן דאָס האַרץ צאַפּלען. עס האָט זיך אידען אױסגעװיזן, אַז זי זעט אַ גיפּטיק שמײכעלע צעשפּרײט אױף כאַנעס געזיכט, דאָס ביטערע שמײכעלע דריקט אױס: אָ, געקומען די קאַמיוגיסטקע...

עטלעכע מינוטן אַזױ געשטאַנען, האָט זי באַשלאָסן צופֿאָרן צו רװינען, צו מאַרקוסעס ברודער. זי האָט לאַנג ניט געטראַכט, זיך אױפֿגעזעצט אױף דעם טראַמװײַ, װאָס פֿאָרט אױף דער גאַס „פּרעי־קאַנעקאָ“.

בײַ רװינען האָט מען אידען באַגעגנט מיט אַרױפֿגעצױגענער צופֿרידנקײַט, מיט ראַכמאָנעס־פּנעמער. רװין האָט דערשראָקן אַ קוק געטאָן אױף אידען און אַ פֿרעג געטאָן:

— זײ זיצן נאָך?

— יאָ, האָט אידע געענטפֿערט.

— נאָך װאָס זײַנט איר געקומען קײן ריאָ?

— מע האָט מיר געזאָגט, אַז מע האָט די אַרעסטירטע אַריבערגעשיקט אַהער.

— ניין, איך האָב אוויגס ניט געהערט, — האָט רוווינג געענט־פערט.

אַן אָנגעצויגענע געדריקטע שטימונג. מע זיצט, ווי עס וואָלטן זיך אויסגעשעפּט אַלע רייד. פון דער גאַס פּרעי־קאָנעקאָ האָט זיך אַריינגעריסן אין צימער אַן איבערגעמישטער געוויש פון דורכ־לויפנדיקע טראַמוויַען מיט פּיַפּנדיקע אַוטאָמאָבילן.

באַ דער מומע אַסנע האָט זיך פון האַרצן אַרויסגעריסן אַ זיפץ:

— דער מענטש טוט זיך אַליין מער, וויפל אַנדערע קאָנען אים טון. אַ מעשוגאַס אַריַינגענומען אין קאָפּ, די וועלט וועלן באַזאָרגן... איצט זאָרגט זיך עמעצער וועגן זיי?..

אידע האָט געענטפערט:

— יאָ, מומע, מע זאָרגט זיך. דעם אַרבעטער גייט אָן דער גורל פון זיַינע אַרעסטירטע.

— דער עמעסער טאַכלעס... — האָט די מומע געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקרעכצט.

אידען איז געוואָרן דושנע. זי האָט מיט אַ פולער ברוסט אַריַינגעאָטעמט דאָס קאַרגע ביסל לופט, וואָס האָט דורכן אָפענעם פענצטער אין צימער אַריַינגעדרונגען. צווישן די אייגענע האָט זי זיך דערפילט עלנט. באַלד האָט זי זיך אופגעמונטערט: „וואָס זיץ איך? מע דאַרף גיין זיך זען מיט עמעצן פון די כאַוויירים".

זי האָט זיך אופגעהויבן, דורכגעגאַנגען אַהין און צוריק איבערן צימער און אַ זאָג געטאָן:

— איך קום באַלד.

— וווהין גייסטו איצט? — האָט די שוועגערן אַ פרעג געטאָן.

— איך גיי צו אַפּ דער „פּראַסעע אָנוזע", עפּשער וועל איך זיך דאָרט וועגן די אַרעסטירטע עפּעס דערוויסן.

— וווהין וועסטו גיין איצט? רו זיך בעסער אויס.

— דו גייסט אַליין אין אָוונט? — האָט די מומע אַסנע אידען פאַרוווּנדערט געפרעגט.

בא אידען האָט זיך אפּגעזיכט באַוויזן א קליין שמייכעלע. זי האָט א קוק געטאָן אפן דער מומען און געענטפערט:

— זײַט רויק. מיך וועט קיינער ניט אויסכאַפּן.

— וואָס רעדסטו, א פרוי, איינע אַליין גיין אפּדערנאַכט?.. ניט שיין פאַר מענטשן...

אידעס שוואַרצע ברעמען האָבן זיך עטוואָס צונויפגערוקט, זי האָט א צוק געגעבן מיט די אַקסלען.

— זײַט רויק.

די מומע האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

אידע שפּאַנט איבער פינצטערע געסלעך, וואָס ליגן צווישן פּרעי־קאַנעקאָ און פּראַסע־אָנזע. אין טראַמוויי האָט זי געקלערט, אַז ווען זי וועט קומען צו רוווינען, וועט זי זיך גלײַך לייגן זיך אויסשלאָפן, און ערשט מאָרגן וועט זי אָנהייבן עפּעס טון וועגן די אַרעסטירטע. נאָר ווען זי איז אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָט זי באַלד דערפילט, ווי זייער אָנגעצויגנקײַט וואַרגט זי, אַז זי קאָן שוין מער ניט דולדן זייערע ראַכמאָנעס־פּענעמער, זי קאָן שוין מער ניט אײַנזיצן אפּ אן אָרט, און ס׳האָט זי געגעבן א טראָג אוועק פון דער שטוב. אידע גייט און טראַכט וועגן מאַרקוסן, וועמען זי האָט מיט האַרצקלאַפּעניש דערוואַרט טרעפן אין ריאָ־דע־זשאַנייראָ.

זי שנײַדט דורך די גאַס סאַן־לעאָפּאָלדאָ. איןביידע זײַטן איז די גאַס מיט איינשטאָקיקע הײַזער. אין יעדער הויז — אַסאַך טירן, יעדע טיר איז אָפן. האַלב־נאַקעטע פרויען שטייען אין די טירן און רופן די שפּאַצירנדיקע מענער... אידע האָט ניט ווילנדיק געכאַפּט א קוק אפּ די דאָזיקע פרויען.

אפּ דעם ראָג שטייט א פּאָליציימאַן. ער היט די רו, ער היט אויך, אַז די האַלב־נאַקעטע פרויען זאָלן ניט אַרויסגיין אפּן טראָטואַר, ניט פאַרשוועכן די „הייליקע״ מאָראַל.

אידע האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און אָנגעהויבן שפּאַנען גיך־גיך, ווי אונטער אירע פיס וואָלט די ערד געברענט.

אפּ דער פּראַסע־אָנזע איז אידע אַרײַן אין לאָקאַל פונעם אַר־

בעטער־קולטור-צענטער. איר געמיט איז מיטאמאָל געוואָרן פרײַער. אידע האָט אָנגעהויבן באטראכטן דעם זאל, ווי זי וואָלט אים צום ערשטן מאָל זען, דערנאָך מיט פארושמורעטע אויגן געזוכט די בילדער פון לענינען, ליבקנעכטן און ליוקסעמבורג, וואָס זײַנען אפ די ווענט פריִער געהאנגען, און ניט געפונען.

בא א טיש זיצן עטלעכע ארבעטער פארטיפּט אין צײַ־טונגען. פלוצעם האָט זי דערהערט, ווי אין אנדערן צימער האָט עמעצער אין דער שטיל אָנגעהויבן זינגען. זי האָט זיך אײַנגעהערט: „גאָראָדעצקיס קאָל". זי האָט זיך דערפרייט.

אידע איז מיט גרינגע טריט צוגעגאנגען צו דער האלב־אָפענער טיר פון דעם קליינעם צימערל און געבליבן שטיין אפ דער שוועל. גאָראָדעצקי זיצט באם טיש אײַנגעבויגן, שרײַבט עפּעס און זינגט זיך צו:

— הײַל־לײַ־לײַ־לײַ!

ווו זשע הער איך א געשריי?
ווער זשע זײַנט איר דאָרטן צוויי?..

— — — — — — — — — — — — —

אפ אידעס בלייך, אויסגעצערט פּאָנעם האָט זיך א שמייכל באוויזן. אין דער רעגע האָט זי אין אלץ פארגעסן. זי האָט אים געענטפערט:

קינדער פון דעם מאָרגן זײַנען מיר,
צו א מאָרגן אָן א זאָרגן שטרעבן מיר...

— — — — — — — — — — — — —

איבעראשט האָט גאָראָדעצקי דעם קאָפּ אופגעהויבן.

— אידע!

— ווען ביסטו געקומען?

— מיט א שאָ צוויי צוריק.

— אליין?

— אליין.

— די כאווירים זיצן נאָך?

— ווענן זײַ בין איך אהער געקומען, געמײנט, אז איך װעל זײַ דאָ טרעפֿן.
— דו האָסט זיך שױן מיט עמעצן געזען?
— כ'האָב נאָך ניט באַװיזן.
— איצט איז שױן שפּעט.
— װאָס הערט זיך בא אײַך?
— בא אונדז איז איצט אױך ניט פֿרײלעך. די רעאַקציע האָט דעם קאָפּ אױפֿגעהױבן. די ייִדישע מאַסרים רוען ניט.
— קלאָר, פֿאַרװאָס דער אַרבעטער־קולטור־צענטער װערט אַזױ װײניק באַזוכט, — האָט אידע געענטפֿערט.
אַז אידע האָט זיך אַביסל אָפּגערוט, האָט זי דערפֿילט אַ שװערע מידקײַט אין אירע גלידער, און די אױגן האָבן זיך אָנגעהױבן פֿאַרקלעפּן. זי האָט זיך אױפֿגעהױבן.
— דו ביסט מיד? — פֿרעגט גאָראָדעצקי, — דו גײסט אַהײם?
יאָ! װאַרט אױף אַ װײַלינקע, איך װעל נאָר פֿאַרענדיקן, װעל איך דיך באַגלײטן.
— גוט. און דו, בודיאָנאָװעץ, ביסט נאָך אַלץ באַלאָדן מיט אַרבעט?
— מיר װעלן אַפֿן װעג שמועסן.
אַז גאָראָדעצקי האָט פֿאַרענדיקט שרײַבן, האָט ער דאָס פּאַפּירל אײַנגעפּירן צונױפֿגעלײגט און פֿאַרוקט אין אַ קעשענע.
— ס'איז ניט זיכער דאָ צו לאָזן, — האָט ער זיך צו אידען געװענדעט.
— נו, קום.
אַ קילער אָפּדערנאַכטיקער װינט האָט איבער גאַסן געפֿױזעט. אידע און גאָראָדעצקי גײען לאַנגזאַם, פֿאַרטיפֿט אין שמועס, און אײדער זײַ האָבן זיך אומגעקוקט, זײַנען זײַ שױן געשטאַנען לעבן רװינס טיר. אידע נעמט אָן די קליאַמקע פֿון דער טיר און פֿרעגט אים:
— זאָל איך מאָרגן אײַנדערפֿרי װאַרטן אַף דיר?
— כ'װעל באַשטימט קומען.

## II

אפן טראָטואר דרייט זיך אום גאַראָדעצקי, ער ווארט אפ דעם טראמווײַ, וואָס פאָרט קיין „קאשקאדורע", אינ פאָרשטאָט, ווו ער וווינט.

עס איז א שיינע, אויסגעשטערנטע נאכט. די גאס זעט אויס ווי פארהאנגענ מיט א טונקעלנ פאָרהאנג, אונ די העל־געשמירטע הײַזער סטארטשענ ארויס, ווי ווײַסע לאטעס. די נאכט טראָגט גאַראָדעצקינ אוועק אינ זײַנ געבורט־שטעטל, קיינ פאָדאָליע, פונוואנענ ער איז געקומענ. עס שווימענ אופ אינ זײַנ זיקאָרנ אפדערנאכטנ אינ ראטנלאנד, אינ סאָוועטישנ שטעטל, אונ א באַגנדיקע בענקשאפט נעמט אים ארום. א פראָזשעקטער האָט די גאס באלויכטנ אונ געלאָפנ אלץ נעענטער צו גאַראָדעצקינ. א ראש האָט זיך ארײַנגעשניטנ אינ דער דרעמלדיקער שטילקײַט פונ דער גאס. גאַראָדעצקי האָט דערקענט דעם טראמווײַ מיטנ פראָזשעקטער־אויג פונ פאָרנט, וואָס פאָרט קיינ „קאשקאדורע" איבער גאסנ טויבע, פארוקטע, — אהינ, ווו די נאכט וויקלט זיך אינ א געדיכטער פינצטערניש. פלינק איז ער ארופ אפ דעם טראמווײַ, זיך פארוקט אינ א ווינקל אונ אָנגעהויבנ צונויפ־בינדנ די צעריסענע געדאנקענ. עס דערמאנט זיך אים א ווינ־טערדיקער אפדערנאכט, ווענ די ליימיקע הײַזער פונ זײַנ געבורט־שטעטל זײַנענ געלעגנ פארשאָטנ מיט בלישטשענדיקנ שניי. אנ אופגעלייגטער איז ער געקומענ אהיימ. זײַנ ווײַב איז אים גע־גאנגענ אנטקעגנ אונ מיט א צופרידענעמ אויסזענ געטראָגנ א בריוו.

— דאוויד, א בריוו פונ די קרויווימ פונ בראזיליע!

— וואָס זשע שרײַבנ זיי? — האָט ער, אויסטועגדיק די פאלטאָ, געפרעגט.

— הערסטו, עס איז נאָך ערגעץ פאראנ א וועלט... א לעבנ... זיי שרײַבנ, עס איז דאָרט גוט. אויב מיר ווילנ קומענ צו זיי,

שיקן זיי אונדז ארויס שיפסקארטעס. נו, וואָס זשע שטייסטו, ווי א גולעם!?

— אזוי ווײַט זײַנען זיי שוין פארפאָרן, — האָט ער דורכגעזיפט צווישן די ציין.

— וואָס, זיי האָבן ניט רעכט? ווי לאַנג וועל איך זיך דאָ מאטערן?

גאָראָדעצקי האָט געבלאָזן אין די געפרוירענע הענט.

— ווער עס האָט רעכט, וועלן מיר זען, לאָז מיך די בריוו איבערלייענען.

ווען גאָראָדעצקי איז אומגעדולדיק מיט די אויגן איבער די שורעס געלאָפן, האָט זײַן פרוי נאָכגעפאָרשט נאָכן אויסדרוק פון זײַן געזיכט. אז ער האָט די בריוו גלײַכגילטיק אוועקגערוקט אין א זײַט, האָט זי נײַגעריק אים א פרעג געטאָן:

— וואָס זשע זאָגסטו?

— כ'בין נאָך ווײַט פון פארלאָזן ראטנלאנד.

פון דעם טאָג אָן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן באַקומען בריוו פון בראזיליע, האָט זײַן פאמיליע־לעבן פארלוירן די געוויינלעכע רויִקייט, די שטוב — די פריילעכקייט. די פרוי און דער פאָטער זײַנען אומגעגאנגען אָנגעדרודלט, אָפטמאָל זיך געווערטלט, בלויז אים פארצאפט. די פרוי האָט אים געשטעלט אן אולטימאטום: עמיגרירן, אָדער זיך שיידן.

וואָכן, כאדאָשים האָבן זיך געשלעפט. גאָראָדעצקי האָט זיך נאָך אַלץ ניט אונטערגעגעבן דער פאָדערונג פון דער פרוי. א בריוו, ווו עס האָבן זיך געפונען צוויי שיפסקארטעס — פאר אים און דער פרוי, האָט זיך ווי אײַנגעשניטן אין זײַן מויעך...

אין א געדיכטער, פינצטערער נאכט פון א קאלטן פארשפעטיקטן הארבסט האָט גאָראָדעצקי מיטן סאָוועטישן שטעטל זיך געזעגנט. ער האָט זיך געלאָזט עמיגרירן קיין אויסלאנד.

גאָראָדעצקי ציט ווײַטער דעם פאָדעם פון זײַנע געדאנקען. ער דערמאנט זיך זײַנע ערשטע טריט אין בראזיליע.

געקומען איז ער קיין ריאָ־דע־זשאַנייראָ צו זײַנע קרויווים. ווי נאָר ער האָט זיך באַקענט מיט דער גרויזאַמער אונטערדריקונג, וואָס הערשט אין לאַנד, מיט דעם אָרט לעבן פון זײַנע אייגענע, וויאַזוי דער לומפּ־ייִד איז אין ווייַטן לאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּעדלער, האָט ער זיך באַלד אַנטוישט; דעם אויסלאַנד האָט ער דערזען מיט אייגענע אויגן. עס האָט אים געגעבן אַ שניט אין האַרצן, פאַרוואָס ער איז פונעם אַרבעטער־לאַנד אַוועקגעפאָרן. ער האָט זיך געטרונקען אין בענקשאַפט...

ווען ער האָט זיך געוווּנדערט צו זײַנע קרויווים, זיי זאָלן אים זען ערגעץ אַרבעט, האָט אַ שוועסטער־קינד אים דערקלערט: „אַרבעט איז דאָ ניט פאַר קיין ייִדן. עס איז שווער זיך דאָ צו־פּאַסן צו די שרעקלעכע באַדינגונגען פונעם אַרבעטער־לעבן. דאָ דאַרף מען זיך אַרופאַרבעטן; און דער איינציקער וועג אַף ווערן רײַך איז קליִענטעלע[1], דו וועסט זיך „אויסגרינען" און אויך, ווי אַלע, אָנהייבן „קלאַפּן".

גאַראָדעצקי האָט פאַרווונדערט אָנגעקוקט זײַן שוועסטער־קינד און ניט געגלויבט זײַנע אייגענע אויערן, אַז דאָס איז דער, וואָס איז אַמאָל, אין דער אַלטער היים, געווען אַ „רעוואָליוציאָ־נער", און אויך איצט האַלט ער זיך פאַר אַ „לינקן". אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַשלאָגן פון אויבן ביז אַראָפּ. עס האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען...

— ווער איך דען קאָנען לעבן אין דער דאָזיקער סוויווע?

די קרויווים האָבן אָנגעהויבן ווירקן אַף אים, — מיט גוטן און מיט שלעכטן, אַז ער זאָל זיך ניט אַקשענען. אַז ער האָט זיי ניט געוואָלט הערן, האָבן זיי אים בייז אַ זאָג געטאָן:

— דאָ איז דיר ניט דאָס באָלשעוויסטישע רוסלאַנד...

— רעדט מיט אַ גרינער כײַע, — האָט אַ דיקלעכער ייִדל מיט אַ פליכעוואַטן קאָפּ, מיט אַ קײַלעכדיקן פעטן פּאָנעם געהויבן די אַקסלען.

---

1) קליִענטעלע — פּעדלערײַ.

גאָראָדעצקי האָט אָנגעהויבן אויסמײַדן זײַנע אייגענע. געזוכט האָט ער אַן אויסוועג.

— וווהין זאָל ער גיין? די שפּראַך קאָן ער ניט. ווו, צו וועמען זאָל ער זיך ווענדן?..

גאַנצע טעג האָט ער געבלאָנדזשעט איבער גאַסן, אומגעגאַנגען פאַרדײַגעט.

— ווו קריגט מען אַרבעט?..

ער האָט אומדערוואַרט זיך אָנגעשטויסן אין אַ יאַט, וואָס האָט פאַרזיכטיק פאַרקויפט די קאָמוניסטישע צײַטונגען: „די פרײַהײַט" און דעם „רויטן שטערן".

— כאַווער, עס זײַנען דאָ פאַראַן ייִדישע אַרבעטער?

דער צײַטונג־פאַרקויפער האָט אים נײַגעריק באַטראַכט און געענטפערט:

— קעגן וואָס פרעגט איר? מיר דוכט, אַ גרינער?

— יאָ, אַ גרינער.

— איר האָט אַזוינס געזען, — זאָגט דער יאַט מיט אַ שמייכעלע, — אַז אין יאַם זאָל קיין פיש ניט זײַן, און אין ריגאַ זאָלן קיין ייִדישע אַרבעטער ניט זײַן. פון וועלכן לאַנד קומט איר?

— פונעם ראַטנפאַרבאַנד.

— פונעם ראַטנפאַרבאַנד?.. אַ שיינער שפּרונג, אַ שיינעם בײַט האָט איר געמאַכט...

גאָראָדעצקי האָט זיך געפילט געטראָפן, די פאַרב איז אים אַרײַן אין פּאָנעם, געענטפערט ניט אַזוי גיך:

— ריכטיק, אַ פעלער.

— פאַרוואָס זײַנט איר אַוועקגעפאָרן?

— אַסאַך צו ריידן.

— ווו אַרבעט איר?

— איך זוך אַרבעט.

— אָט זעט איר די גאַס, נומ 211. אין ערשטן שטאָק געפינט זיך דער ייִדישער אַרבעטער־קולטור־צענטער, קומט אַינאָוונט

אריַין, וועט אונדזער קאָמיסיע, וואָס זוכט ארבעט פאר „גרינע", אויך אײַך באזאָרגן מיט ארבעט.

גאָראָדעצקי האָט געפונען ארבעט, אן ארבעטער־סוויווע און אויך די קאָמוניסטישע פארטיי.

גאָראָדעצקי פארברענגט זײַן גאנצע פרײַע צײַט אין ארבעטער־קולטור־צענטער. א מידער, א צעבראָכענער, נאָך א לאנגן שווערן טאָג ארבעט, קומט ער, און ביז שפעט אין דער נאכט זיצט ער אין לאָקאל. ליב האָט ער אָפט צו זינגען בודיאָניס מארש. יאטן האָבן אים א נאָמען געגעבן „בודיאָנאָוועץ".

## III

כאנעס האָט שטארק צערודערט דאָס נײַס, אז אידע איז געקומען צו פאָרן, און אז מארקוסן דארף מען ברענגען ארעסטירט. כאנעס קליין, קײַלעכדיק פּאָנעם איז געוואָרן גרינער, כמורנער, פארביסענער, און די גרויע שארפע אויגן — בייזער. זי איז שרעקלעך אופגעבראכט, גייט אום צעטראָגן איבער די פינף שיינע מעבלירטע צימערן און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. א פרוי, טראכט כאנע, קאָן ווירקן אף דעם מאַן צו גוטן און צו שלעכטן. זי, די באָלשעוויטשקע, איז שולדיק, וועט זי נאָר קומען צו מיר, דארף מען זי מיט זודיקער וואסער אָפּבאָדן...

צו וואָס כאנע רירט זיך צו, מאכט זי אָן שאָדן. פריער אביסל האָט זי זיך פארטשעפּעט אין א וואזאָנע־טישל, דאָס אײַבערגעקערט און צעבראָכן דעם שיינעם געשליפענעם בלומען־טאָפּ, און איצט זײַנען צוויי טעלער פון דעם גוטן סערוויז פון די הענט ארויסגעפאלן, מיט א טראסק צעקנאקט געוואָרן. כאנעס אויגן זײַנען פול געוואָרן מיט טרערן, די טרערן האָבן אָנגעהויבן ארויסרינען אף די וויִעס, און א שרעק האָט זי דורכגענומען.

— וואָס איז מיט דיר געוואָרן?

כאנע האָט פּלוצעם דערהערט, ווי עמעצער האָט אין טיר אָנגעקלאַפּט. זי האָט אומצופרידן א זאָג געטאָן.

— אַריינגיין.

אידע איז מיטן קינד אַף די הענט אַריינגעקומען. כאנע האָט א ציטער געטאָן. זי האָט אַף אידען א וואָרף געטאָן א בליק פול מיט פאראכטונג.

אידע האָט דערפילט, ווי א גרינג פייערל האָט זי דורכגענומען. א ווײַלע זײַנען זיי בײדע געשטאַנען שווײַגנדיק, אײנע קעגן דער אַנדערער, ניט ווי שוועגערנס, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג ניט געזען, נאָר ווי סאָנים. ניט כאנע האָט אידען געבעטן זיצן, און ניט אידע האָט זיך געזעצט.

— וואָס האָסטו געדאַרפט?

אידע האָט זיך ניט פאַרלוירן. זי האָט אַנטשלאָסן געענטפערט:

— ס'איז נײטיק, אז אַן אַדוואָקאַט זאָל עפעס טון וועגן באַפרײַען מאַרקוסן און לעאָנען. דו ביסט א פאַרמעגלעכע שוועסטער, בין איך וועגן דעם צו דיר געקומען.

כאנע האָט ניט געגלייבט אירע אײגענע אויגן, זעענדיק ווי רויִק אידע איז, אזוי ווי ס'וואָלט אין איר פאַמיליען־לעבן גאָרניט ניט געשען, איר האָט אָנגענומען א פאַרלאַנג אידען פאַרביטערן די שטימונג.

— דו האָסט א קינד, איצט האַלט זיך מיט דעם.

אידע האָט אין האַרצן דערפילט דעם שטאָך. זי האָט דאָס קינד געגעבן א דריק צו זיך, מיט א פײַנטלעכן בליק כאנען אָפּגעמאָסטן און אופגערעגט געענטפערט:

— איך טראַכט גאָרנישט דיך צו מאַכן פאַר א דערציִערין איבער אים!

ס'איז געוואָרן אומאַנגענעם שטיל. אידע האָט פאַרשטאַנען, אז זי האָט שוין מער ניט וואָס צו טון בײַ כאנען, האָט זי אָנגעהויבן אַוועקגיין. לעבן דער טיר האָט זי זיך אויסגעדרײט און האָט א פרעג געטאָן:

— אלזאָ, וואָס ענטפערסטו וועגן אַן אדוואָקאַט?

— אין אזוינע איניאַנים מיש איך זיך ניט! — האָט כאַנע פארביסן געענטפערט.

אידע האָט אפילע קיין קוק ניט געטאָן אַף כאַנען. זי האָט זיך אָפּגעקערט און געלאָזט זיך אוועקגיין.

אַז די טיר האָט זיך הינטער אידען פארמאַכט, האָט כאַנע זיך אראָפּגעלאָזט אַף אַ בענקל און פון צערייצקייט געביסן די ליפּן.

נאָך דער מאמעס טויט, — טראַכט כאַנע, — איז דער אומגליק געשען. גאַנצע נעכט איז מארקוס געלעגן אײַנגעגראָבן אין גע־פערלעכע קאָמוניסטישע ביכער און ער האָט זיך אָנגעהויבן באַ־טייליקן אין דעמאָנסטראַציעס. איך האָב אים פאָרויס געוואָרנט, אַז ער וועט האָבן אַ שלעכטן סאָף, און אים געבעטן, ער זאָל זיך ניט מישן אין פּאָליטיק, האָט ער מיך ניט געפאָלגט. דאָרט, באַ די קאָמוניסטן, זיך אײַנגעליובעט אין אידען, ניט כאַסענע געהאַט לויט אונדזער אַלטן יידישן שטייגער און דערנאָך זײַן ייִנגל ניט געייִדישט... פארפּרעמדט, אָפּגעריסן פון אונדז... אויך לעאָנען האָבן זיי פארפירט. איצט קומט זי בעטן, איך זאָל העלפן די ברידער. ניין, איך וויל זיך ניט מישן, זאָל מען זיי דאָרט אפילע... אָ, מע קאָן מעשוגע ווערן... אַזאַ ביזויען...

מיטאַמאָל האָט כאַנע זיך אופגעהויבן. בלויז אַ רעגע איז זי נאָך געווען פארטראַכט, נאָר באַלד מיט אַ שטויס פון פוס אופ־געפּראַלט די טיר. זי האָט זיך אוועקגעטראָגן צום מאַן אין מעבל־קלייט ארײַן. אַ צעטומלטע איז כאַנע געבליבן שטיין לעבן איר מאַן, וואָס האָט זיך געפּאָרקעט באַם טירל פון אַ שאַפע.

וואָס איז געשען?! — פרעגט דער מאַן פארוווּנדערט און לאָזט ניט אראָפּ קיין אויג פון איר צעטראָגענעם אויסזען.

— אָקאָרשט איז געווען באַ מיר די באָלשעוויטשקע!.. — האָט כאַנע אופגערעגט אויסגעשריגן.

— ווער? רעד מיט אַ גאַנץ מויל!

— נו, דײַנע שװעגערן, די כוצפּע!
— אידע? װאָס האָט זי געװאָלט?
— מיר זאָלן זײ העלפֿן שטעלן אַן אַדװאָקאַט.
— מיר?! האָסט איר געזאָגט, אַז מיר העלפֿן ניט קײן קאָמו־ניסטן?
— יאָ, געזאָגט.
— װאָלטן זײ מיך פֿריִער געװען געפֿאָלגט, װאָלטן זײ צו דעם אומגליק ניט געקומען! שױן לאַנג געװען „מענטשן"...
— אײגענע ברידער... אַזאַ ביזיון...
— גײ אַהײם, כאַנע, אַף אַ דינסט טאָר מען זיך ניט פֿאַרלאָזן, יעדער דינסט איז אַ גאַנעװטע.
אײַליק איז כאַנע פֿון דער קלײט אַװעק.
לאָזער האָט שװערלעך מיט פֿאַרביטערונג זיך אַראָפּגעזעצט אַף אַ בענקל לעבן שרײַב־טיש, ער האָט פֿאַרױכערט אַ ציגאַר, אַ מאַטעװע װאָלקן רױך פֿון מױל אַרױסגעלאָזט. זײַנע אומרױִקע אױגן האָבן אָנגעהױבן שװימען איבער דער אָנגעפּילטער מעבל־קלײט, װי אַמאָל אין דער אַלטער הײם, אַף אַ יאַריד, איבער פּעטע שטיקלעך — געשאַצט זײַן פֿאַרמעגן.
לאָזער דערמאַנט זיך, װי ער האָט מאַרקוסן צוגענומען אין קלײט אַרײַן, געװאָלט אים מאַכן פֿאַר אַ מענטשן, מיט אים עפּע־גען נאָך אַ קלײט, נאָר מאַרקוס האָט צום האַנדל קײן אינטערעס ניט געהאַט. טאָג און נאַכט געלײענט, געװען פֿאַרטון אין ביכער. „עך... ס'װעט שױן פֿון אים קײן לײַט ניט זײַן, אַװעק איז ער אַף אַ שלעכטן װעג... געמאַכט ברודערשאַפֿט מיט אָפּגעריסענע, מיט אָפּגעשליסענע. זײַן גלײַכן זײַנען זײ! אים העלפֿן? אַ מע־שוגענער דאַרף מען זײַן". לאָזער האָט דורך די צײן אַ שפּײַ געטאָן, זיך אױפֿגעהױבן און דעם דינער באַפֿױלן:
— אַז מע װעט מיך דאַרפֿן, זאָלסטו מיך געבן אַ רוף.
גײענדיק האָט ער בײז געבורמעט:
— המ... פֿאַרפֿלוכטער!.. אים געבן געלט אַף אַן אַדװאָקאַט...

# IV

פון אינדערפרי ביז פארנאכט איז אידע געווען אין דער גרויסער מאסיווער געביַידע, אין דער צענטראלער פּאָליציי. זי איז געקומען אהין, זיך דערוויסן, ווו עס געפינען זיך די ארעס־טירטע. פון איין אָפּטיילונג אין דער אנדערער, פון איין שטאָק אפן צווייטן האָט מען זי געשיקט, און זי האָט זיך גאָרניט דער־ווּסט. אן אויסגעשעפּטע, א צעקלעמטע איז אידע אוועקגעגאנגען. אפ דער גאס סענאדאָר־עוזעביע, ווו עס ציִען זיך צוויי געדיכטע לאנגע רייען — אפ ביידע זײַטן פון דער שמוציקער ריטשקע מאנגע — אלטע, שלאנקע פּאלמען־ביימער, האָט אידע גאָראָדעצקין באגעגנט.

— אָ, ווו ביסטו פארפאלן געוואָרן? — האָט גאָראָדעצקי אידען סוידעסדיק א פרעג געטאָן.

— א גאנצן טאָג אוועקגעהארגעט אין דער צענטראלער פּאָ־ליציי, ענטפערט אידע פארביטערט. זיך געפּלאָנטערט אין דעם לאבירינט און זיך גאָרניט דערוווּסט...

— און איך זוך דיך שוין לאנג ארום, דו האָסט שוין געזען די ערשטע אויסגאבע פון דער צײַטונג „א נויטע"[1]?

אידע האָט דערפילט, אז גאָראָדעצקי האָט איר עפּעס וויכטיקס צו זאָגן, איר הארץ האָט אָנגעהויבן שטארק קלאפּן.

— אנטקעגן וואָס פרעגסטו?

גאָראָדעצקי האָט פאנאנדערגעעפנט די צײַטונג, וואָס ער האָט געהאלטן צונויפגעוויקלט, און זי אונטערגעטראָגן אידען.

— נא, זע...

אפ דער ערשטער זײַט פון דער צײַטונג איז א גרויס שרײַ־ענדיק בילד. אפ דעם בילד — א גרופּע ארעסטירטע, וואָס מע האָט פון דער פּראָווינץ ריִאָ־גראנדע־דאָ־סול אונטער א גרויסער

---

1) א רעאקציאָנערע צײַטונג.

באוואָפנטער וואָס אָפּגעשיקט קיין ריאָ־דע־זשאַנײראָ. די צײַטונגען האָבן דאָס בילד פון די ארעסטירטע געבראַכט אויף דער ערשטער זײַט.

אידע האָט זיך אײַנגעגראָבן אין בילד. עטלעכע מינוט נאָכאַנאַנד איז זי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, פאַר פרייד און לײַדן קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסריידן. זי האָט זיך ניט געקאָנט באַהערשן. טרערן האָבן זיך א גאָס געטאָן פון אירע אויגן.

— מארקוס! — — —

אָט איז אויך סימאָן... לעאָן... ניקאָלײַ ארציבענקאָ...

— אידע, דו וויינסט?

— ס'איז פאַר פרייד... מעשוגעריקע געדאַנקען זײַנען געקראָכן אין קאָפּ, געמיינט, אַז מ'האָט זיי שוין אַראָפּגעלאָזט אין יאַמישן אָפּגרונט.

— וואָס זאָגסטו אויף דער צײַטונג?

— זיי זײַנען דערמיט אויסן זייער זאַך.

— עס איז פּאָליטיק!

אידע האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַרויִקן. איר האַרץ האָט געקלאַפּט גיך־גיך. זי שטייט אָנגעשפּאַרט אין א דיקן שלאַנקן פּאַלמען־בוים און דעם קאָפּ אין דער צײַטונג פאַרגראָבן. אירע קוקט אויפן בילד און קאָן זיך ניט אָנזעטן. איר דורשטיקער בליק גייט אַלעמאָל איבער פון צעשלאָגענע קערפּערס, וואָס זײַנען מיט אַלטע, אָפּגעטראָגענע אָנצוגן פאַרדעקט, אויף אָנגעכמורעטע פאַרביסענע פּנימער פון דער מיליטערישער וואַך.

— זע נאָר, סאַראַ גרויסע וואַך, פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנט... האָט אידע באַמערקט, און אין אירע אויגן האָט זיך א צינד געטאָן האַס.

— גיב א קוק אביסעלע ווײַטער, — האָט גאַראָדעצקי זיך אָנגערופן, — וועסטו זען א „שיינע" כאַראַקטעריסטיק פון יעדן ארעסטירטן באַזונדער. אָט וואָס זיי שרײַבן וועגן מאַרקוסן: „א פאַרטרוימטער, אינטעליגענטנער, איידעלער אויסזען. עס וואָלט

אים בעסער געפּאַסט צו זײַן א דאָג־זשואַן, א נאָכלויפער נאָך פרויען, ווי צו זײַן אן אַגענט פון מאָסקווע״.

— געניג, הער אויף לייענען!.. מיך איבּלט פון דעם, זאָג, וואָס הייבּט מען אָן טון?

גאָראָדעצקי דערציילט אידען: „זינט מע האָט די אַרעס־טירטע קיין ריגאָ געבּראַכט, רוט ניט דער „מאָפּר״. דער פאַר־שטייער פון „מאָפּר״ האָט שוין באַשטעלט דעם אַדוואָקאַט גאַר־וואַנען, אויך גערעדט מיטן פּראָפעסאָר קאַסטראָ אַרעבּעלאָ. דער פּראָפעסאָר האָט אויך געגעבּן זײַן אײַנשטימונג עפּעס צו טון וועגן זייער באַפרײַונג״.

— זייער גוט!... — האָט אידע זיך דערפרייט.

— דער אַדוואָקאַט גאַרוואַן, — האָט גאָראָדעצקי א זאָג געטאָן, — איז אַוועק אין דער צענטראַלער פּאָליציי צו קריגן א דערלויבּעניש אַז זיך זען מיט מאַרקוסן. יאָ, די כאַווײרים גרייטן שוין אַפילע צו עסן. גיי צו צום אַדוואָקאַט און ווער געוווירע, אַז ווען ער האָט געפּויעלט די זעונג.

אַז דעם גרויען, פאַרויכערטן האָריזאָנט האָט זיך גערוקט א גרויסער קײַלעכדיקער שטיק פײַער, זיך אָנגעשפּאַרט אין א הויכן באַרג און לאַנגזאַם אָנגעהויבּן הינטער אים זיך באַהאַלטן. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט דאַמפּ, ס'איז שטאַרק פּאַרנע. אין דער אָנגע־גליטער שטאָט איז ניט דעם אָטעם צו כאַפּן.

אידע פילט דאָס איצט ניט, זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די זאָרג, וואָס האָט זי געמאַטערט. זי האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן שטראָם מענטשן און א מונטערע געשפּאַנט צום אַדוואָקאַט.

## V

באַנאַכט האָט א פײַכטער ווינט פונעם יאַם זיך א טראָג געטאָן אַף דער שטאָט, מיט א ברומען און א פײַפן. דער ווינט האָט אַרויסגעריסן ביימער מיט די וואָרצלען, און פון דעכער שטיקער בלעך אָפּגעריסן און זיי ווײַט פאַרטראָגן.

דער הימל האָט זיך אָנגעטרויערט. שוואַרצע וואָלקנס האָבן זיך איבער דעם הימל געשפּרייט. פּאַרטאָג־צו איז איבער דער שטאָט געהאָנגען אַ פֿינצטערע כמאַרע, שיטערע, שווערע טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן פֿאַלן, און עס האָט אַ גאָס געטאָן אַ רעגן. מוטנע רעגן־וואַסער האָט געשטראָמט און זיך צעפֿלאָסן אין לאַנגע שמאָלע שטראָמען באַרג אַראָפּ.

שוין אין פֿרימאָרגן, ווען שטאָט האָט אויפֿגעוואַכט פֿון שלאָף און ס'האָט אָנגעהויבן פּולסירן דאָס לעבן, האָט אַ זעץ געטאָן אַ שלאַקסרעגן. אַ שטראָמיקער יאַם האָט זיך פֿונעם הימל אימפּעטיק אויף דער שטאָט אַראָפּגעגאָסן.

פֿון די הויכע גרינע בערג, וואָס שטייען ווי ריזן אין צענטער שטאָט, האָבן אָנגעהויבן פֿליסן באַרג־אַראָפּ טײַכן רעגנוואַסער, אויסגעמישט מיט זאַמד. דאָס זאַמד, וואָס האָט געפֿלאָסן אין רעגנוואַסער, האָט פֿאַרשטאָפּט די רערן פֿון דער קאַנאַליזאַציע. אין די נידעריקע טיילן פֿון שטאָט האָט די וואַסער זיך אָנגעהויבן הייבן אין דער הייך און אַרײַנרײַסן זיך אין די שטיבער.

די אײַנוווינער פֿון די קעלער־שטיבלעך, פֿון די הינטערשטע וווינונגען, האָבן אָנגעהויבן קריכן אויף טישן, אויף שאַפֿעס, די וואַסער האָט אַלץ אינדערהייך זיך געהויבן. פֿאַרצווייפֿלונג און שרעק האָט זיי אַרומגענומען... אויף פֿאַרענטשעס פֿון בענק, איבער די קני אין וואַסער, שטייען אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אין קאַיאָר צו דער אַרבעט געאײַלט: פֿון קעלט און נאַסקייט שוידערט זיי, די צײַנער זייערע קלאַפּן אָן אויפֿהער, און ברייטע פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע אויגן קוקן אַרויס פֿון צעשראָקענע פּנימער.

ענדלעך האָט דער מאַבול אויפֿגעהערט. איבער די פֿאַרטרונקענע גאַסן האָבן אָנגעהויבן שיפֿלעך קורסירן, געפֿירט הילף צו פֿאַרטרונקענע וווינונגען.

אויף דער גאַס פֿרײַ־קאַנעקאָ, אין אַן אונטערשטער וווינונג, אויף אַ טיש זיצט אידע אַ דורכגעווייקטע, מיטן קינד אויף די הענט. זי קוקט אומבאַהאָלפֿן אויף דער שטייענדיקער וואַסער און קאָן זיך

קיין אייצע ניט געבן. מיט א מוטערלעכער איבערגעגעבנקייט טוליעט אידע דאָס קינד צו זיך, דעקט עס צו. אידע האָט גע־כאפּט א קוק אפן פּעקל עסן, וואָס ליגט אפ דער שאפע, און א זיפץ האָט זיך בא איר ארויסגעריסן...

א גאנצע נאכט האָט זי קימאט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט, זי איז געלעגן מיט אָנגעשטרענגטן אומגעדולד און געווארט אפ דעם פרימאָרגן, אפ דער באגעגעניש מיט מארקוסן... זי זיצט מיט אָנגעצויגענע נערוון, יעדע רגע — אן אייביקייט. זי באמערקט, ווי דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן אויסלייטערן. זי קוקט מיט א פרייד־יקער דערווארטונג: שטיקער צעריסענע וואָלקנס יאָגן זיך איבערן האָריזאָנט און ווערן ערגעץ פארשוואונדן, און א שטראלנדיקע זון האָט אָנגעהויבן שווימען אפ דעם לויטערן, אויסגעוואשענעם הימל.

אין פארטרונקענע גאסן שטייען ארבעטער, שטאָפּן אויס די רערן פון דער קאנאליזאציע, און אין קעלער־שטיבלעך הייבט אָן די וואסער ווערן וויניקער.

אידע ווארט מיט אן אינעווייניקסטן ציטער, אז עס זאָל נאָר אָנהייבן פולסירן דאָס איבערגעריסענע שטאָטישע לעבן.

דאָס קינד האָט אָנגעהויבן וויינען.

אידע בארויִקט עס:

— שא, וויין ניט... אָט באלד וועלן מיר גיין זען דעם פאפא...

א פּאָר קינדערשע פארטראכטע אויגן קוקן אפ דער מוטער.

— פאפא ?...

אידע כאפּט א קוק אפן זייגער, זי ווערט אומצופרידן און רעדט צו זיך אליין: „געווען באשטימט אפ צען אזייגער אינדערפרי, און איצט איז שוין האלב איינס... זאָל כאָטש די בא־געגעניש ניט אָפּגעלייגט ווערן"...

## VI

אינעם זעלבן טאָג, ווען אידע האָט זיך אומגעדרייט אין דער פּאָליציי, האָט א שווארצער פארמאכטער אווטאָמאָביל געבראכט צו פירן די פּאָליטארעסטירטע אין דער צענטראַלער טפיסע פון ריאָ־דע־זשאנייראָ. אפן צווייטן שטאָק, אין קאמער נומער 27, האָט מען די געפאנגענע אריינגעזעצט. דאָס איינציקע פענצטער פון קאמער, א באשלאָגנס מיט אייזערנע פּרעטנט, קוקט ארויס אפן הויף, וואָס איז מיט א הויכן געמויערטן פארקן ארומגע־צוימט. ענג איז אין דעם שמאָלן לאנגן קאמער, פארשטיקט — קוים דעם אָטעם צו כאפּן. צווישן פינפונצוואנציק קרימינעלע, פארמישפּעטע אף לאנגע יאָרן שווערער טפיסע, האָט מען די פּאָליטישע אריינגעזעצט — צונויפגעפּרעסט, ווי הערינג אין א פּעסל.

מארקוס איז געבליבן שטיין לעבן פענצטער. ער באקוקט דעם שטויביקן גרויען קאמער. זיין בליק פאלט אף די נייע שכיינים, וואָס וואלגערן זיך, ווי בראָכ־שטיקער אפן דיל. אף א וואנט באמערקט ער אויסגעקריצטע נעמען, אייניקע — באקאנטע. זיין מויעכ, וואָס איז געווען ווי פארגליווערט, האָט אין דער רעגע, ווי אן אומרו פון א זייגער, אָנגעהויבן זיך האסטיק באוועגן, עס האָבן געדאנקען אין קאָפּ זיך א שפּאר געטאָן.

איינער פון די קרימינעלע, א טונקל־הויטיקער מיט א ווילד פארוואקסן פּאָנעם, איז איינגעוויקלט אין שמוציקע שמאטעס. דורך די אלטע צעריסענע טראנטעס זעען זיך ארויס שטיקער נאקעט לייב, ער ליגט צונויפגעבויגן, קלוימערשט פארטייעט אין שלאָף. זיינס אן אויג האָט זיך האלב אופגעעפנט, געטאָן א גלאנץ, כיטרע באטראכט מארקוסן, ווי ער שטייט אזוי פארקלערט, און מיטן פוס אים געגעבן א שטארקן זעץ.

מארקוס האָט זיך א וואקל געטאָן... ער האָט דערפילט א שטארקן ווייטעק...

אין קאמער איז פארשלונגען געוואָרן א שטילער, פארשטיק־טער געשריי:

— אוי...

די קרימינעלע האָבן זיך צעלאכט, פענעמער האָבן זיך פון דעם געלעכטער מיט קנייטשן פארקרימט. בא אייניקע האָבן פון די געעפנטע מײַלער צעפוילטע שווארצע ציין ארויסגעקוקט, עס איז געווען א מוירע א קוק צו טון, ווי זיי האָבן געקײַכט פון געלעכטער.

— וואָס, דו ביסט גאָר א שרעקעוודיקער? — האָט זיך צו מארקוסן געווענדעט דער, וואָס האָט אים דעם זעץ דערלאנגט, — איך בין א מאטראָס, איך פיל אויס די זיבן פון דער שיף: קומט אָן א נײַער פארשוין דינען אף א שיף, און אז ער פאָרט דאָס ער־שטע מאָל אפן יאם, איז ווי נאָר די שיף דערנעענטערט זיך צום עקוואטער, גיסט מען אים אָפ מיט וואסער, מע מאכט אים נאס פון קאָפ ביז די פיס. אזא מינהעג איז בא אונדז, מאטראָסן. נו, דאָ איז קיין וואסער ניטאָ, און איינעם פון אײַערע האָט זיך אונדז געוואָלט אופנעמען ווי א געשעצטן גאסט, האָב איך דיך מיט דעם זעץ געטויוולט...

— וואָס ביסטו אזוי פארכאָלעמט, דו בענקסט? די טיר פאר־בעם שטײַגל איז גוט באוואכט... זיץ פייגעלע, זיץ אין געפענ־קעניש... איצט דערציילט, מיט וועלכער „פראָפעסיע" איר האָט זיך באשעפטיקט, פארוואָס האָט מען אײַך אהער ארײַנגעזעצט...

די פאָליטישע האָבן די קרימינעלע דערציילט. ניט פאר רויב און ניט פאר מאָרד האָט מען זיי אין טפיסע ארײַנגעזעצט, נאָר דערפאר, וואָס זיי זײַנען קאָמוניסטן, וואָס זיי קעמפן פאר א מאכט, ווו דער ארבעטער זאָל ווערן באלעבאָס.

פון דער טומלדיקער גאס פרײַ־קאנעקאָ האָבן זיך אין קאמער ארײַנגעריסן קלאנגען פון א דורכלויפנדיקן טראמווײַ. נישט ווילנדיק האָט מארקוס אין פענצטער א קוק געטאָן, און זײַן הארץ האָט זיך צונויפגעפרעסט.

— פיר לאנגע כווישעכדיקע כאדאָשים...

ער האָט געפּרוּווט מער פון גאָרנישט ניט טראַכטן, אָבער באַלד זײַנען אָנגעלאָפן אַנדערע געדאַנקען: „אויף יענער זײַט טפּיסע גייען אום מענטשן פרײַ... נישטאָ דאָרט דאָס בייזע אויג פון וועכטער... אַזוי שטאַרק איז דער פאַרלאַנג צו זײַן פרײַ... אין אָנהייב פון דער זעלבער גאַס געפינט זיך דער לאָקאַל פון מעבל־פאַריין. עפּשער איז דער פאַריין אויך צעגראַמירט און פאַרמאַכט?.. אָ, ווי מיך ציט אויף דער פרײַ — צו געראַנגל. צו אידען... צום קינד... צום לעבן"...

און אָט זײַנען פאַר מאַרקוסעס אויגן דורכגעשוווּמען, ווי אין אַ קינאָ־בילד, אַלע איינצלהייטן, וויִאַזוי ער האָט זיך מיט אידען באַקענט. אָט זעט ער דעם לאָקאַל פון טעקסטיל־פאַריין פול מיט אַרבעטער. דעמלט, אויף דעם לעגינ־אָוונט, האָט זיך אָנגעהויבן וועבן דער פאָדעם פון דער ליבע...

— ווו קאָן איצט זײַן אידע? — טראַכט מאַרקוס. — מעגלעך, אַז זי ווייסט ניט, ווו מיר געפינען זיך... און עפּשער איז זי געקומען צוריק קיין ריגאָ?...

די טיר האָט געגעבן אַ סקריפּע און זיך האַסטיק אופגעעפנט: אויפן שוועל זײַנען געבליבן שטיין צוויי וועכטער. זיי האָבן מאַדנע קוסן אַרויסגערופן און די טיר הינטער אים פאַרהאַקט.

מאַרקוס איז געגאַנגען שטום, אין אַ געדריקטער שטימונג, ניט געוווּסט וווּהין די באַגלייטער פירן אים. אַז אַ וועכטער האָט אופגעעפנט די טיר פון אופנאַם־קאַמער, האָט אין קאָפּ פריידיק אַ שלאָג געטאָן: „מיסטאָמע עמעצער פון דער פרײַ"...

מאַרקוס איז מיט נערוועזע אײַליקע טריט אַרײַנגעגאַנגען אין־נעם אופנאַם־קאַמער. ער איז פון אומדערוואַרטונג געבליבן שטיין מיט אַ פאַנאַנדערגעעפנט מויל. זײַנע פיס האָבן אָנגעהויבן ציטערן, און יעדער מוסקול פון זײַן קערפּער האָט אופגערעגט זיך באַוועגט. ער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסריידן, דערפילט, ווי דער אָטעם שטיקט אים, אין קאָפּ רוישט.

— אידע... אידיטש...

אידע האָט דערזען מארקוסן אײַנגעבויגן, דאַר — הויט און ביין — מיט א בלייך קרענקלעך פּנים. זי האָט אופגעציטערט, און א גרויל האָט זי דורכגענומען. ביידע זײַנען זיי געשטאַנען שטום, קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסריידן...

— אידע !..

מארקוס איז צוגעפאלן צו אידען און זי באשאָטן מיט קושן... ווידער קיין וואָרט ניט געקאָנט ארויסריידן. ער האָט זיך לעבן איר אנידערגעזעצט און דאָס קינד גענומען אפ די הענט, עס בעצערטלט, געדריקט צו זיך....

אידע האָט א טיפן זיפץ געטאָן, פארדעקט דאָס פּנים און אין דער שטיל זיך צעוויינט.

— זע נאָר, וואָס מ׳האָט פון דיר געמאכט...

מארקוס איז צו זיך געקומען.

— אידע, שטארק זיך, הער אוף. די מינוטן פון אונדזער באַגעגעניש זײַנען געציילטע.

דער היטער האָט זיך אפּ א ווײַלע אוועקגעדרייט אין א זײַט און הינטן ארום געקוקט אפ זיי.

אידע האָט באמערקט, ווי דער וועכטער האָט זיך דערווײַטערט, זי האָט גאָר שטיל מארקוסן איבערגעגעבן:

— די כאווײרים שטרענגען אָן אלע קויכעס אײַך צו באַפרײַען. מע טוט אלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך...

מארקוס האָט אײַליק אידען מיטגעטיילט:

— איידער מע האָט פּלאָרעסן א קראנקן אוועקגענומען אין שפּיטאָל ארײַן, האָט ער זיך מוידע געווען, אז ער האָט אויסגעגעבן... ער האָט ניט געקאָנט די פּײַניקונגען איבערטראָגן. אנטאָניען האָט מען באפרײַט, זײַן פירונג איז אונדז ניט געפעלן... זײַט פאָרזיכטיק מיט אים. שאָלעמען און פילאיען האָט מען ארויסגעשיקט קיין ארגענטינע. א גרויסע גרופּע ארבעטער זײַנען נאָך געבליבן אין מיליטערישן לאגער. ניקאָלײַ ארציבענקאָ, לעאָנען, סימאָנען און מיך האָבן זיי געשיקט אהער.

אידע האָט מארקוסן מיטן עלנבויגן לײַכט א שטורכע געטאָן, דאָס האָט געהייסן: „דער וועכטער דערנעענטערט זיך, הער אוף ריידן".

— דער וויזיט איז פארענדיקט, — האָט דער וועכטער געמאָלדן.

— נעם דאָס פעקל עסן, — האָט אידע געזאָגט אף א קאָל, און צווישן די ציינער אף יידיש דורכגעזיפּט: — די כאוויירים האָבן דאָס געשיקט. אינעווייניק — א גרוס ליגט.

— אויב דו קאָנסט, זע מע זאָל אונדז ארײַנגעבן עפּעס אָנטאָן, מיר גייען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן... איך געדענק שוין ניט, ווען איך האָב געביטן וועש...

— עס איז פארבאָטן ריידן אף א פרעמדער שפּראך! — האָט דער וועכטער טרוקן באפוילן.

דאָס קינד האָט פון פּאָטערס הענט ניט געוואָלט אראָפּ, האָט זיך שטארק צום פּאָטער געטוליעט.

אידע האָט דאָס וויינענדיקע קינד בא אים גענומען. מארקוס גלעט דעם קינדס געקרײַזלט קעפּל.

ווען די וועכטער האָבן מארקוסן געבראכט צוריק, אין קאמער, האָבן די פּאָליטישע אים ארומגערינגלט, זיי האָבן געקוקט אומרויִק און פארוווּנדערט אף דעם פעקל, וואָס ער האָט געהאלטן אין האנט, און אף זײַן אופגעמונטערטן געזיכט. ביקאָליי האָט אומגעדולדיק און גיך א פרעג געטאָן:

— זיך געזען מיט עמעצן?!

בא מארקוסן האָט זיך פריידיק ארויסגעריסן:

— יאָ... זיך געזען מיט אידען... — און פאר זײַנע אויגן האָט ווידער א שווינדל געטאָן זײַן פרוי מיטן קינד אף די הענט.

— מיט אידען? אידע איז דאָ הי? הייסט עס, די כאוויירים ווייסן שוין, ווו מיר געפינען זיך... — האָבן עטלעכע שטימען אינייִנעם א זאָג געטאָן, און אף זייערע פּענעמער האָט א שטראַל האָפענונג א שײַן געטאָן.

אין אַן ענגן קרײַז האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט. מאַרקוס דערציילט, וואָס אידע האָט אים פון דער פרײַ איבערגעגעבן. ווי נאָר מע האָט דאָס פּעקל שפּײַז געעפנט, האָבן אויסגעהונגערטע אויגן אין דעם זיך זשעדנע אײַנגעגעסן. מאַרקוס זוכט עפּעס אין פּעקל, באַטאַפּט און קוקט איבער יעדער זאַך. אָט נעמט ער אַ שאַכטל פּאַפּיראָסן, עפנט עס אויף, באַטראַכט יעדן פּאַפּיראָס באַזונדער, און אייניקע פּאַפּיראָסן האָט ער צעגומען. פאַר די אויגן האָט ווי אַ בליץ געטאָן אַ פּירקאַנטיק שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז געדיכט אָנגעזעצט מיט קלײנינקע, געשריבענע אויסיעס.

— אַ בריוו!.. האָט זיך שטורעמדיק פון הערצער אַ ריס געטאָן.

צעשטראַלטע אויגן האָבן זיך צו מאַרקוסן געווענדעט:

— לייענן!

בײַ די קרימינעלע האָט דאָס פּעקל שפּײַז שאַרפע קינע אַרויס־גערופן. איינער האָט צערייצט מיט אַ פולן מויל געטאָן אַ שפּײַ גלײַך אויף די פּאָליטישע, פון זײַן מויל האָט אַראָפּגערונען אַ פאַרבליבן שנירעלע סלינע. דערנאָך האָט ער מיט אַ צעריסענעם, איבערגעקערטן שוך אַ זעץ געטאָן אינעם פּעקל שפּײַז און עס צעשאָטן.

דער קרימינעלער מיטן פאַרוואַקסענעם ווילדן פּאָנעם, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ מאַטראָס, האָט זיך אויפגעשטעלט אין זײַן גאַנצער הייך, די צעשפּרייטע הענט פאַרקלאַמערט אין פויסטן.

— וועט נאָר עמעצער זיי פרוּוון אָנרירן, — האָט זײַן באַסאָווע גראָבע שטימע דראָענדיק געגעבן אַ דונער, — וועט ער האָבן צו טון מיט מיר!

— אָ, שעד... אונטערלעקער... — האָבן אייניקע אומצופרידן געבורטשעט און זיך ניט גערירט פון אָרט.

דאָס פּעקל שפּײַז האָט מען צווישן אַלע צעטיילט. אין קאַ־מער איז צוריק געוואָרן רויִק.

מאַרקוס האָט אָנגעהויבן לייענען דעם בריוו:

... מיר ווילן גלייבן, אז אונדזער בריוול וועט זיך דורכרייַסן דורכן די דיקע, גרויע ווענט, וועט אריינקומען אהין, ווו דער מענטשלעכער געפיל איז דערשטיקט, ווו דאָס לעבן פון קעמפער געפינט זיך אין מערדערישע הענט.

... טייַערע כאווײרים! זייַט וויסן, אז דער „מאָפּר" זאָרגט וועגן אייַער באפרייַונג. זייַט מוטיק, מונטער! דורך די טפיסע־ווענט, דורך די אייַזערנע גראטעס, שיקן אייַך די ארבעטער א פּראָלעטארישן סאליוט!..

ריַאָער „מאָפּר"־קאָמיטעט.

אין ווינקל, ווו די פּאָליטישע זייַנען אין ראָד געזעסן, האָבן שטילע רעגעס זיך צעשפּרייט. די אויגן האָבן אופגעלויכטן, און די הערצער האָבן גענומען קלאפּן האסטיקער. דער טונקעלער, ענגער, פארדומפּענער קאמער איז ווי ברייטער און ליכטיקער געוואָרן.

... ווער קאָן שאצן א בריוול אזא, וואָס רייַסט זיך דורך דורך דער טפיסע-גרענעצ, דורך דעם שארפן אויג פון וועכטער און פאלט ארייַן צו מענטשן, וואָס זייַנען אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער וועלט. צו מענטשן, וועלכע ווייסן שוין ניט לאנג פון גאָרניט, וואָס עס טוט זיך אויסער די טפיסע־ווענט, פונקט ווי די צייַט וואָלט זיך פאר זיי אָפּגעשטעלט. אזא בריוול איז פאר פּאָליטישע, ווי זאפטיקער טוי פאר הונגעריקע פעלדער... דאָס קלייניקע בריוועלע האָט זיי מיט מוט און האָפענונג אָנגע־פילט.

יעדערער נעמט מיט ציטערדיקע הענט דאָס בריוול און לייענט עס איבער נאָכאמאָל און נאָכאמאָל. וייערע געדאנקען שוועבן אין דער אומבאזיגטער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג...

דער מאטראָס האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו די פּאָ־ליטישע און מיט פארכאפּטן אָטעם זיך אָנגעהויבן אייַנהערן אין זייער שמועס, יעדעס זייער וואָרט שלינגט ער, און אין מויעך ווערט אים אביסל קלאָרער.

מארקוס האָט באמערקט, ווי דער מאטראָס זיצט אומעטיק מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ, פארזונקענ אינ זיכ. ער האָט כאווע־ריש די האנט אפ זײַנ אקסל ארופגעלייגט.

— וואָס זיצסטו אזוי פארזאָרגט?

— אָט, אײַערע רייד האָבנ מיר דערמאנט די יאָרנ פונ מײַנ לעבנ...

— וואָס אזוינס? — האָט סימאָנ זיכ אָנגערופנ.

דער בריוו, דער שמועס, די ווארעמע באציִונג פונ די פּאָלי־טישע האָבנ דעמ מענטשנ, וואָס האָט דעמ אויסזענ פונ א פּי־ראט, פארוואנדלט אינ א באשיידנ קינד. עס האָט זיכ בא אימ פאנאנדערגעוויקלט דער צונג, ער האָט דערפילט א נויטווענדי־קײַט צו ריידנ, ארויסזאָגנ די שווערקײַט, וואָס דריקט.

— פונ קליינווײַז אופ, — האָט דער מאטראָס אָנגעהויבנ דער־ציילנ, — בינ איכ פארשווארצט געוואָרנ. פונ נײַנ יאָר אָנ אלט האָב איכ אָנגעהויבנ ארבעטנ אפ א קאווע־פּלאנטאציע אינ פּראָ־ווינצ סאנ־פּאולאָ. געארבעט פונ באגינענ ביז נאכט... ברויט אונ פלייש האָב איכ איינמאָל אינ א יויוועל געזענ, אומגעגאנגענ נאקעט אונ הונגעריק... אינ א פינצטערער רעגנדיקער נאכט בינ איכ פונ דאָרטנ אנטלאָפנ.

— אינ סאנטאָסערער פּאָרט האָט מענ מיכ אפ א שיפ צוגע־נומענ ארבעטנ. איכ האָב געדולדיק אפ דער שיפ איבערגעטראָגנ די שווערע אונטערדריקונג, נאָר איינמאָל, ווענ אנ אָפיצער האָט געיאָגט פונ מיר די נעשאָמע, געזידלט מיט מיִעסע גראָבע ווער־טער, האָט דער געדולד בא מיר געפּלאצט. איכ האָב דעמ ענג־לישנ שליסל, וואָס איכ האָב געהאלטנ, אופגעהויבנ אפנ אָפיצער. אָט פאר דעמ האָב איכ באקומענ שווערע טפיסע — זיצ איכ דאָ.

דער מאטראָס איז אנשוויגנ געוואָרנ, זײַנע אויגנ האָט ער אראָפּגעלאָזט צומ דיל, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס זוכנ.

איידער די ארעסטירטע האָבנ זיכ אומגעקוקט, איז דער טאָג אויסגעגאנגענ. די זונ, וועלכע האָט זיכ נאָכ א האלבנ טאָג

ארויסגעריסן פון דער וואָלקן־געפּענקעניש, איז פאַרגאַנגען. אירע לעצטע קופּערנע שטראַלן זײַנען אַפן מײַרעוו־ראַנד צעווייעט — עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, און די טפיסע איז געוואָרן נאָך מער אײַנגעהילט אין פינצטערניש.

די פּאָליטישע האָבן זיך אויסגעלייגט אַף די שטרוי־זעק, וואָס זײַנען געלעגן אַפן ברודיקן דיל, איינע צום צווייטן צוגעדריקט. זיי האָבן ניט געקאָנט שלאָפן — די נײַעס פון טאָג האָט בײַ זיי דעם שלאָף אוועקגעריבט, איז מען געלעגן, פאַרטיפט אין געדאַנקען, און נעפּלהאַפטע זיכרוינעס האָבן זיך געפּלאָנטערט אין זייערע מויכעס.

א ציטער פון אומרו האָט זיך פון סימאָנען איבערגעגעבן מאַרקוסן.

— דו שלאָפסט ניט? — האָט מאַרקוס אין דער שטיל סימאָנען א פרעג געטאָן.

— ס'שלאָפט זיך עפּעס ניט, און דו?

— אויך ניט.

— מיר שלאָפט זיך אויך ניט, — האָט פון א ווינקל זיך אָפּגערופן דער מאַכראָס. — איך טראַכט אַלץ וועגן דעם, וואָס מיר האָבן געשמועסט.

און אָט האָבן זיך אויך אָפּגערופן — לעאָן און ניקאָלײַ. עס האָט זיך אַפסנײַ פאַרבונדן א שמועס. יעדערער דערציילט, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט. ווען א בלאַסע ליכט האָט אָנגעהויבן דורכן פענצטערל אַרײַנקוקן אין פינצטערן קאַמער, האָבן זיי אײַנגעדרימלט.

---

# קאפיטל צוועלף

## I

בא דעם קינדס וויגעלע זיצט אידע פארומערט. איר בלייכ־פּאָנעם איז אראָפּגעלאָזט. זי פּרוּווט דאָס קינד בארויִקן און איינשלעפערן, זי וויגט דאָס וויגעלע און מיט אן אומעטיקן קאָל זינגט זי צו א ליד.

דאָס קינד ליגט אין וויגעלע און וויינט.

אידע איז אומגעדולדיק. זי זינגט און קוקט יעדע רעגע, צי דאָס קינד האָט זיך שוין בארויִקט און איינגעדרעמלט, זי שעפּטשעט צו זיך אליין: „זע נאָר, ווי אפ צעלאָכעס ווערט ער גאָר ניט אנשלאָפן"...

אידע קוקט אפן קינד און כאזערט איבער:

— נו, שלאָף איין!

אידעס געהירן ארבעטן מיט א פיבערדיקער גיכקייט, זי קאָן ניט צעטרייבן די פּיינלעכע מאכשאָוועס. א שווערער שווידערלעכער געדאנק לאָזט איר מויעך ניט רוען, מאטערט, רייסט שטיקער. ער מאָלט פאר איר דעם אינדזל אין אלע זיינע מוירעדיקע בילדער...
און אָט זעט זי דעם אינדזל.

דער אינדזל געפינט זיך ווייט פון יעדן ערד־ברעג אין די וואסערן פון דעם אטלאנטישן אָקעאן. שיפן שווימען גאנץ ווייט און מיידן אים אויס. דער אינדזל — א וויסטעניש. א גאנצן טאָג ברענט דאָרט די זון, ווי א צעגליטער קאלכ־אויוון, און אז עס קומט די נאכט, ווארפט פון קעלט... די פארשיקטע פויזען אום גאנצע מעסלעסן אפן ברעג און זוכן הילף. באווייזט זיך אפן

יאמישן פלאַך א קלײנע פּינטעלע — א שיפּ, גיט באַ זײ א בליץ די האָפענונג, און אַז דאָס פּינטעלע דערנענטערט זיך ניט, פאַרשווינדט גאָר פון אויג, ווערט די האָפענונג צערונען און עס נעמט זײ צוריק אַרום די שוואַרצע אײמע... אײניקע גײען אום מיט דערשיטערטע נערוון, געררט פון זינען, און אַנ־דערע מאָרעשכוירעדיקע הערן אויף רײדן — דרײען זיך אום מיט בלאָנדזשענדיקע בליקן, שטום, ווי שאָטנס...

די קלײנינקע, קוים אָנזעבאַרע פליגעלעך טראָגן מיט זיך טויט... גיט א פליגעלע עמעצן א ביס, ווערט ער געל, הײבט ער זיך אָן מאַטערן אין שווערן געראַנגל פון לעבן און טויט — א טאָג, צוויי, דרײַ און ער גײט אויס...

צווישן די פּאַרשיקטע, וואָס בלאָנקען אום אַפן אינדזל, ווי לעבעדיקע מײסים, זעט אידע מאַרקוסעס מאָגער, אויסגעצערט פּאָנעם, מיט רויטע קרענקלעכע פלעקן אַף די באַקן, און אין די אויערן קלינגט איר נאָך אַלץ זײַן צערטלעכע, זיכערע שטימע: „בן, שטאַרק זיך... א קאָמוניסט מוז זײַן אַפ אַלץ גרייט...

אידען האָט דאָס בלויז א יאָג געטאָן אין קאָפּ, זי האָט א קוק געטאָן אַף דעם קלײנעם אומבאַהאָלפענעם קינד, פּונקט ווי זי וואָלט באַ דעם קינד אַן ענטפער געזוכט. זי האָט א מורמל געטאָן:

— וואָס הײבט מען אָן טון?

אומגעדולדיק איז זי פון אָרט אויפגעשפּרונגען: „מע מוז עפּעס טון".

דאָס קינד האָט פאַנאַנדערגעעפנט די אויגן. די אויגן זײַנען ברויסע און פאַרוווּנדערטע.

— שלאָף שוין אַמאָל, — האָט זי בארויגעז געזאָגט צום קינד. און ווידער האָט זי דאָס וויגעלע געוויגט און אין דער שטיל געצויגן די ליד.

דאָס קינד האָט די אויגן צוגעשלאָסן און אײַנגעדרעמלט. אידע איז אַף די שפּיץ־פינגער פון וויגעלע אָוועקגעגאַנגען. זי

האָט א כאַפּ געטאָן דאָס היטעלע און עס פלינק אָנגעטאָן. א ווײַלע האָט זי זיך פאַרהאַלטן, פונוויַיטן א קוק געטאָן אויף דעם שלאָפנדיקן קינד און איז שנעל ארויס פון צימער. אין קאָרידאָר לעבן א טיר האָט זי זיך אָפּגעשטעלט.

— איר וועט זײַן אַזוי גוט כאַפּן א קוק אויף דעם קינד, איך קום באַלד צו גיין, — האָט זי זיך צו דער שוועגערן געווענדעט.

— ברענג גוטע נײַעס!

אינדרויסן איז שוין דער לאַנגער טאָג א פאַרמאַטערטער, אַן אויסגעשעפּטער געקראָכן צו זײַן סאָף. די זון האָט אין מיַי־רעוו־זײַט אויפן הימל־ראַנד געררוקט זיך נענטער צום יאַמישן ראַכוועס; די זון האָט לעצטע, ליכטיקע שטראַלן געשאָטן אין וואַסער ארײַן.

אידען איז אַנטקעגן געקומען אַן עלעגאַנט־געקליידעטער סעניאָר, וואָס האָט אין „פּערטן אַשיליאַר" איר פאָרגעלייגט זײַן הילף. אידע האָט געטאָן א צאַפּל...

דער פאַרשוין איז צו אידען צוגעגאַנגען, האָט די הוט אראָפּגענומען און העפלעך זיך געגריסט.

אידע האָט זיך אויסגעגלײַכט, מיט א פאַרבאַהאַלטענעם האַס א קוק געטאָן אויף דעם אויסגעפּוצטן, אויסגעכאָליעטן מענטשן.

— איר ווינט דאָ ערגעץ? — האָט אידע אים געפרעגט.

— ניין. צופעליק דורכגעגאַנגען, — האָט ער איר, ארײַנקוקנדיק אין די אויגן, געענטפערט.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זוכט מיך, איר האָט נײַעס מיר איבערצוגעבן פון מײַן מאַן, — האָט זי געזאָגט און געטראַכט: „דער הונט האָט שוין דערשמעקט, וווּ איך ווינ."

— איך? — האָט דער נעפעש מיט א געמאַכטער פאַרוווּנדערונג אויסגערעדט און אַרופגעצויגן א שמייכל אויפן פּאָנעם. — איך דין ניט אין „פּערטן אַשיליאַר", כ'האָב נאָר גוטע פרײַנט, וואָס דינען דאָרטן... אויב איר דאַרפט, קאָן איך אײַך דורך מײַנע גוטע־פרײַנט העלפן.

— גוט, — האָט אידע טרוקן געענטפערט.

נאָך א מינוט שווייַגן האָט דאָס מענטשל טמימעסדיק א פרעג געטאָן:

— וווהין פאָרט איר?

— איך פאָר עפּעס אייַנקויפן, — האָט אידע נישט גערן געענטפערט.

— קאָן איך אייַך באגלייטן?

— אדאנק! — האָט זי הארט אָפּגעהאקט.

דער פארשוין האָט מיט ארופגעצויגענער העפלעכקייַט איר געגעבן די האנט, די הויט לייַכט א הייב געטאָן פון קאָפּ, זיך פארנויגט און דערבייַ צוגעגעבן!

— איך האָף, אז מיר וועלן זיך נאָך זען... ער איז שנעל פארשוווּנדן אין א נאָענטן זייַטיקן געסל.

אידע האָט זיך אופגעזעצט אפן אָנקומענדיקן טראמוויַ. אפן דעם פּלאַץ לארגא־סאן־פראנציסקאָ איז זי אראָפּגעשטיגן. קעגנאיבער דעם טעכניקום האָט זי ווידער באמערקט, אז דער „באקאנטער" שטייט, רויכערט א ציגאר און לאָזט זי ניט ארויס פון אויג. זי איז מיט קליינע אייַליקע טריט אוועק צו דער גאס קאָנסאלוועס־דיאס. דער מענטשן־שטראָם, וואָס פליסט אפן דער גאס פון די נייַע מאָדעס, האָט באלד זי אריינגעצויגן.

אפן דעם ראָג פון די גאסן סענאדאָר־עוזעביע און סאניטא־אנא איז אידע ארייַנגעגאנגען אין דעם קאפע־הויז „זשערעמיעס". בא א בלינדער וואנט לעבן א פירקאנטיק קליין מארמער־טישל האָט זי באמערקט זיצן איינעם אליין באהיען, פארטיפט אין א צייַטונג, זי איז צום טישל צוגעגאנגען, לעבן אים זיך אנידערגעזעצט.

באהיא האָט די אויגן פון דער צייַטונג אופגעהויבן, מיט א שארפן בליק א מעסט געטאָן דאָס קאפע־הויז און אידען שטיל געפרעגט:

— וואָס ביסטו אזוי צערודערט?

— איך האָב געהאַט אַ אומאַנגענעמלעכקייט... אַ געהיימ־אַגענט האָט מיך דעם גאַנצן וועג באַגלייט, כ'האָב זיך קוים פֿון אים אַרויסגעדרייט.

— זײַ פֿאָרזיכטיק.

— וואָס הערט זיך? — האָט אידע אומרויִק געפֿרעגט, און איר בליק האָט דרינגענדיק געמאָנט אַן ענטפֿער.

— מ'שיקט זיי פֿון לאַנד אַרויס.

— וואָס?! ניט אַפֿן אינדזל?...

— ווי וועט זײַן מיט דיר? — פֿרעגט אין דער שטיל באַהיאַ, — וואָס האָסטו באַשטימט? דו פֿאָרסט מיט מאַרקוסן, צו דו בלײַבסט הי?

— וואָס וועל איך דאָ בלײַבן? ווו מאַרקוס וועט זײַן, דאָרטן וועל איך אויך זײַן מיטן קינד.

— דאַרף מען דיך באַזאָרגן מיט אַ שיפֿסקאַרטע, אַף דער זעלבער שיף, ווו די כאַווײרים וועלן זיך געפֿינען.

— פֿאַרשטענדלעך.

— מע שיקט זיי מיט דער ערשטער שיף, וואָס שווימט אָפּ קיין אײראָפּע.

— קיין איטאַליע גייט די שיף?

— זײַ רויִק. מיר וועלן אײַך באַזאָרגן מיט פּאַפּירן, אַז מע זאָל אײַך אַרײַנלאָזן קיין ראַטנפֿאַרבאַנד.

אידע האָט זיך אויפֿגעהויבן.

— כ'וועל גיין, כ'האָב דאָס קינד געלאָזט אַליין.

— גוט. כ'וועל אַלץ באַזאָרגן און דיר צושיקן.

אידע איז פֿון דעם קאַפֿע־הויז אַרויס און אײַליק אַוועקגע־שפּאַנט.

## II

שוין געווען אָוונט, ווען אידע איז געקומען אהיים. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט אידע צונויפגעלייגט די זאַכן, פאַרפּאַקעוועט אין א רענצל און געמאַכט זיך גרייט צום אָפּפאָרן. זי האָט זיך געלייגט שלאָפן, אָבער זי האָט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

אין טונקל־בלויען קאַיאָר האָט אידע אין בעט זיך אויפגעזעצט און די נאַקעטע פיס אַפּן דיל אַראָפּגעלאָזט. זי האָט צונויפגעלייגט די הענט אַף די קני און געקוקט פאַרטראַכט אין פענצטער. אין דרויסן האָט געהערשט די באַגינען־שטילקייט. אידע האָט לאַנגזאַם אָפּגעפירט אירע אויגן פון פענצטער און האָט זיך גענומען ארומקוקן איבער צימער. איר בליק האָט זיך לענגער פאַרהאַלטן אַף א פאַרבונדענעם פּעקל. דאָס פּאַפּירל, וואָס דער פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט איר מיטגעגעבן, האָט זי שטאַרק באַוּמרויִקט. זי האָט געטראַכט, ווו עס צו באַהאַלטן. זי האָט דאָס פּאַפּירל אַלע ווײַלע ערגעץ פאַרוקט און ארויסגענומען, און ענדלעך געפונען אַן אָרט. זי איז פון בעט אראָפּ, צו צום פענצטער, ארויסגעקוקט אין דרויסן.

— מיר פאַרלאָזן בראַזיליע... אַך, ווי לאַנג עס ציט זיך די צײַט...

זי האָט פיבערדיק געגאַרט, די מינוט זאָל שוין קומען זיך צו באַגעגענען מיט מאַרקוסן. זי האָט אומגעדולדיק געקוקט אַפּן זייגער. דורך דעם אויפגעעפנטן פענצטער האָט זי ארויסגע־קוקט אַף דער אויפגעלעבטער גאַס.

— עס זאָל מער ניט זײַן ווי אַכט אזייגער? — האָט אידע געפרעגט בא דער מומען, וואָס איז אין צימער ארײַנגעקומען.

— דער זייגער גייט ריכטיק, — האָט די מומע געענטפערט.

— די גאַס איז שוין אַזוי אויפגעלעבטע.

— דו האָסט נאָך גענוג צײַט, — האָט די מומע זי באַרויִקט.

— איך פאָר שוין צום האַפן.

— וואָס איַילסטו זיך?
— איך וויל דאָרט זײַן פריִער.
— איך האַלט דיך ניט אָפּ. ווי הייסט די שיף?
— די שיף הייסט „קאָנטע־ווערדע", אַן איטאַליעַנישע, אַנ־
קערט אין צענטראַלן פּאָרט באַ דעם אַכצנטן סקלאַד.
— גוט. מיר וועלן שפּעטער אונטערקומען.

* * *

אין האַפן, באַם ברעג יאַמ שטייט געאַנקערט די שיף „קאָנטע־
ווערדע". אַ ריזיקער הייב־קראַן האָט זיך צעזשומעט, הייבט אויף
פון דער ערד קאַסטנס און זעק קאַווע. אין דער לופטן הייבט
אָן די שווערע מאַסע ווי אַ שלאַנג זיך דרייען און לאָזט זיך אַראָפּ
אין טיפן קעלער פון דער שיף.
גאָר פרי איז אידע אין פּאָרט געקומען. זי איז פון די ערשטע
פּאַסאַזשירן לעבן דער שיף. אידע שטייט אומגעדולדיק און אויפ־
געגעגט באַ דעם לייטער, דורך וועלכן מע גייט אַרויף אויף דער
שיף. איר קאָפּ איז אָנגעגאָסן מיט אַ בלײַענער שווערקייט. אין
מעשעך פון צוויי שאָ איז זי קימאַט אויף קיין איין טראָט ניט
אַוועקגעגאַנגען פון דעם אַרופגאַנג. זי ציילט די מינוטן, וואָס
זײַנען געבליבן דער שיף אויף אָפּצושווימען.
דער פּאָרט איז איבערפולט מיט מענטשן, מיט פרייליכע און
אַראָפּגעלאָזענע פּענעמער פון אייגענע, וואָס זײַנען געקומען זיך
געזעגענען און אַרויסבאַגלייטן די, וואָס פאָרן אָפּ אין דער
אַלטער וועלט — קיין אייראָפּע. אַרום הערשט אַ רויש, געלעכ־
טער און אויסגעשרייען. צווישן דעם אויסגעפּוצטן עולעם,
וואָס שטייט באַם ברעג און קוקט אַרויף אויף דער שיף, האָבן זיך
אויסגעמישט מענטשן אין אַרבעטער־קליידער. בלייכע ערנסטע
פּענעמער זײַנען געווענדט צום דעק פון דריטן קלאַס. די אַרבע־
טער זוכן מיט די בליקן די אַרויסגעשיקטע און געפינען זיי ניט.
איינער דעם צווייטן רוימט איַין אין אויער:

— עס ווײַזט אויס, אז מ׳האָט די כאווײרים נאָך ניט געבראכט צו פירן, און עפּשער האלט מען זײ ארעסטירט, פארשלאָסן אין א קאיוטע.
— אָט איז אידע!
א גרויסע וואך פון דער פּאָליצײ היט דעם האפן. פּאָליצײַישע רײַטער פאָרן אום לעבן האפן אף דער פראסע מאוא. און לאָזן ניט די ארבעטער זיך צונויפנעמען. געהײם־אגענטן האָבן זיך פאָרט זיך צעשאָטן.
געדיכטע קנוילן דאמף האָבן זיך ארויסגעריסן פון דער שיף, און די סירענע האָט גראָב זיך צעשריִען, געגעבן צו וויסן, אז אין פופצן מינוט ארום וועלן די אנקערס אופגעהויבן ווערן, און די שיף וועט זיך רירן פון אָרט.
אידע האָט מיטאמאָל דערפילט, ווי א פראָסט איז איבער איר גאנצן לײַב דורכגעלאָפן. א נערוועזער אומגעדולד האָט אירע האָפענונגען מיט א נעפּל איבערגעצויגן און אָנגעדרוקט אף איר פּאָנעם א פרישע כמארע. זי האָט מיט א ציטערנדיקער שטימע צו די אײגענע זיך אָנגערופן:
— וואָס זאָל דאָס באטײַטן?
— ווער ווײסט?
— זײ וועלן מיסטאמע באלד אָנקומען, — האָט מען זי באַרויִקט און ניט געגלויבט די אײגענע ווערטער.
אידען האָט פאר די אויגן א שווינדל געטאָן דער „באקאנטער", וואָס האָט זי די לעצטע צײַט פארפאָלגט, און אײדער זי האָט באוויזן זיך אומקוקן, האָט דער געהײם־אגענט צווישן אוילעם זיך באהאלטן.
פּלוצעם האָט אידע א צאפּל געטאָן, ס׳האָט איר אָנגעהויבן אויספעלן לופט... און עס האָט זיך בא איר ארויסגעריסן:
— אָ... אָט פירט מען זײ!..
— קינד מײַנס... דער פּאפּא!..

אַז אידע איז אַרופֿ אַפֿן דעק פֿון דריטן קלאַס, איז מאַרקוס צו איר האַסטיק צוגעלאָפֿן. שיקער איז ער געוואָרן פֿון פֿרייד צו זען אידען מיטן קינד לעבן זיך. זיי זײַנען געשטאַנען איבער־ראַשט, פֿאַרלוירן; כוואַליעס פֿרייד האָט אין זייערע ברוסטן גע־ברויזט... אידע האָט זיך געפּרוּווט שטאַרקן, זי האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַהערשן. גרויסע דורכזיכטיקע טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן קײַקלען איבער איר פּאָנעם.

— מאַרקוס !...

— אידע !.. — ער לייגט אַרופֿ די האַנט אַף איר קאָפּ, גלעט אירע ווייכע האָר.

הייסע קושן פֿאַרשטיקן די ווערטער...

מאַרקוס האָט דאָס קינד געגעבן אַ כאַפּ אַף די הענט, צו זיך צוגעטוליעט :

— איז דאָס אַווירקלעכקײַט, צי אַ טרוים ?!

— אידע, דו פֿאָרסט אויך !

— יאָ.

די איבעריקע אַרויסגעשיקטע האָבן אידען אַרומגערינגלט. זיי האָבן זי באַשאָטן מיט פֿראַגן. אידע שטייט צווישן זיי, קוים וואָס זי באַווײַזט ענטפֿערן אַף איין פֿראַגע, פֿליט שוין אַ צווייטע. די צוויי פּאָליציי־אַגענטן, וואָס באַגלייטן זיי ביזן לעצטן פּאָרט אין בראַזיליע, האָבן זיך צו זיי דערנעענטערט. פֿראַגן זײַנען געבליבן הענגען אינדערלופֿטן אָן אַן ענטפֿער...

אַפֿן דעק פֿון דריטן קלאַס, אָנגעשפּאַרט אין פּאַרענטשע, שטייען די אַרויסגעשיקטע. גיריק שלינגען זיי די פֿרישע יאַמישע לופֿט און לאָזן די גליִענדיקע זון־שטראַלן ברענען די אויסגעצערטע קערפּערס. זייערע בליקן שווימען אום צווישן פֿרײַנט און כאַ־ווירים.

פֿון די פֿיר אַרויסגעשיקטע טיילט זיך אויס אַ לענגלעכ, צעאַקערט בלאַס פּאָנעם מיט בײַטלעכ אַרום די אײַנגעפֿאַלענע בלויע אויגן און מיט אַ געדיכטן, בלאָנדן קאָפּ האָר.

מארקוס קוקט צופרידנ אפ די כאוויירימ, וואָס זײַנענ געקומענ זיי באגלייטנ. ער כאפט אופ די ווארעמע גרוסגעוונגס־בליקנ פונ די כאוויירימ, מיט וועלכע די רעוואָליוציאָנערע ארבעט האָט אימ ענג פארבונדנ, אונ אזא טיפע בענקשאפט נעמט אימ ארומ. עס לעבנ אופ אינ זײַנ זיקאָרנ די פארוואָגלטע, פארשקלאפטע קינדער־יאָרנ אונ די לעצטע עטלעכע ליכטיקע יאָרנ זײַנע — דער פאר־ביסענער קאמפ... דער גראנגל צווישנ איינ וועלט מיט דער אנדערער.

אידע שרײַט אראָפ צו א גרופע ארבעטער, וואָס שטייענ זאלבע־פינפט:

— אײַלט אונטער, וועלנ מיר קאָנענ גיכ זיכ אומקערנ צוריק אהיימ!..

מארקוס האָט מיט זיכערקײַט, מיט גלויבנ צוגעגעבנ:

— מיר וועלנ גיכ צוריק קומענ!..

די אנקערס זײַנענ ארופגעצויגנ געוואָרנ, דאָס שווימענדיקע דרײַשטאָקיקע הויז האָט לאנגזאמ זיכ אָנגעהויבנ אָפרוקנ פונ ברעג.

מאָזאָליסטע הענט, פארפרעסטע אינ פויסטנ, האָבנ זיכ אופ־געהויבנ אינדערהייכ, ווי זיי וואָלטנ די ארויסגעשיקטע געגעבנ א שווּע, אז דער קאמפ וועט נאָכ שטארקער פאָרגעזעצט ווערנ...

מארקוס האָט זיכ אויסגעגלײַכט, אָנגעשטרענגט געקוקט אראָפ צו די כאוויירימ. מיט די הענט אָנגענומענ די פארענטשע פונ שיפ, ווי ער וואָלט זיכ אָנהאלטנ אינ א טריבונע, אונ זײַנ קאָל האָט הילכיק זיכ געגעבנ א טראָג:

— וויווא אָפּאָרטידאָ קאָמוניסטא דאָ בראזיל ![1]...

דורכ גערויש, דורכ טומל האָט אָפּגעקלונגענ דער ענטפער, וואָס די ארבעטער פונ ברעג האָבנ געגעבנ...

---

1) זאָל לעבנ די קאָמוניסטישע פארטיי אינ בראזיליע.

— וויוואַ ! (1

— אבאשאַ טעראָר פּאָליסיאַל !.. (2

די שיפּ האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן שפּיץ פּאָרויס, אָנגעהויבן שווימען טיפער אין אָקעאַן אַריין. דער פּאָרט, די מענטשן זיינען פון די אויגן פאַרשוואונדן...

Профсоюз работн
Рабочий клуб
Востока и ДВ.

---

1) זאָל לעבן.

2) נידער מיטן פּאָליציייִשן טעראָר.

# אינהאלט


קאפיטל איינס . . . . . . . . 3
קאפיטל צוויי . . . . . . . . 37
קאפיטל דרײַ . . . . . . . . 65
קאפיטל פיר . . . . . . . . 83
קאפיטל פינף . . . . . . . 102
קאפיטל זעקס . . . . . . . . 122
קאפיטל זיבן . . . . . . . . 148
קאפיטל אכט . . . . . . . . 176
קאפיטל נײַן . . . . . . . . 198
קאפיטל צען . . . . . . . . 207
קאפיטל עלף . . . . . . . . 216
קאפיטל צוועלף . . . . . . . . 243

Ціна 3 карб. 80 коп.

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ

САЛЬВАДОР БОРЖЕС

# РІО-ДЕ-ЖАНЕЙРО

УКРДЕРЖНАЦМЕНВИДАВ